STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01337

# SEYFER TEYVES NOAH

Noah Kaplan

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



הרב נח קאפלאן

RABBI NOAH KAPLAN

ספר

# תבת נח

על חמשה חומשי תורה

ענטהאלט פיעלע וויכטיגע און אינטערעסאנטע

## דרשות

פיר אַלע געלעגענהייטען
ווי חתונות, בר מצות און ר"ל הספדים

## חלק חמישי
# דברים

דאַ געפינען זיך מאמרים אויף אַ סך ענינים פון תנ"ך און חז"ל
צו יעדער געלעגנהייט.
„הפך בה והפך בה"

שנת תש"ו לב"ע

מאתי הצעיר נח קאפּלאַן
בן לאדוני אבי ר' שלמה צבי הכהן זצ"ל

Copyright 1946 by Rabbi Noah Kaplan
301 E. Tremont Ave., Bronx 60, N. Y.

נסדר ונדפס בדפוס הרבני ר' יעקב פאַסטאַר

# מכתבי תהלה ותעודות סמיכות לרבנות

(ומפני יוקר ההדפסה אני מקצר מלהדפים כולם)

ב"ה

אף כי הידועים אינם צריכים ראי' אבל מפאת שהרב ה"ג וכו', מוהר"ר נח בר' שלמה צבי הכהן לבית קאפלאן, מכירי הוא מכבר, מצאתי לנכון להודיע ברבים אשר כמה פעמים עיינתי בספריו על חמשת חומשי תורה, ומצאתיו לבר שכל עמוק, ממשיל משלי טעם, ומתקבלים לאוזן שומעת כי מוכתרים בדברי חז"ל ומובנים הם לכל.

מהראוי לקרבהו בכל מקום שיופיע לדבר מעל הבמה וגם לתמכו בתמיכה הגונה. והמקרבו ירוחם וכו'.

דברי הדורש טובת עמו ומעתיר על גאולת עמו

יהודא בהרב צבי ז"ל בענענסאן,
רב בביה"כ תפארת ישראל, בראנקס.

---

בע"ה ד' לסדר ברוך אתה שנת שבת

כאשר כמה פעמים דברתי עם הרב החכם ושלם ר' נח קאפלאן שליט"א בדברי תורה וגם באגדה ונתן לי את חבוריו שחבר על החומשים בראשית, שמות, ויקרא, בשם „תבת נח".

ובאמת ראוי לכל רב להשתדל שיקנו ספרים כאלו לבית מדרשם, כי הם ספרים יקרים ומביאים תועלת גדולה להמשיך לב ישראל ללכת בדרכי התורה והמצוה.

ועל זאת באתי על החתום שלשה עשר יום לחודש

א-ני ל-דודי ו-דודי ל-י
ברוך שלום טריינין, החופ"ק ברוקלין

בע"ה יום ג', ט' לחודש אייר, תש"א

הנה בא לפני הרב ה"ג המפורסם לשם ולתהלה פאר לעם סגולה, הרב המובהק כש"ת מוהר"ר ר' נח הכהן קאפלאן שליט"א בר' שלמה צבי זצ"ל, ובקש ממני לתהות על קנקנו ולהודיע טיבו ברבים, ודברתי עמו ומצאתיו כי למד ושנה ויגע ומצא.

ולכן אָמרתי כל מן דין סמוכו לנו יורה יורה ידין ידין להורות לרבים. יכולין כל ישראל לסמוך על הוראותיו ובכל מקום שיבא בודאי יקבלוהו כראוי לאיש ת"ח גדול כמוהו.

ולמען כבוד התורה ולומדיה באה"ח יום הנ"ל שנת הנ"ל פה עיר ברוקלין, ניו יאָרק.

נאום ישעי' יוסף מארגאלין, ראב"ד בברוקלין.
מחבר ספרי דרושי, ותפארת מהרש"ים, שו"ת

(מקום החותם)

---

ב"ה

הן הראני כבוד יד"נ הרב ההו"ב יר"א וגם דרשן נפלא, מוהר"ר נח הכהן קאפלאן שליט"א את כ"י הטהור הספר **תבת נח** על כל התורה, ומאוד נעמו לחכי אמרותיו היקרים והנפלאים למאוד, נאמרים בדעת, בתבונה ובהשכל, וממשיכים את הלב לתורה וענוה ומוסר השכל. ובודאי ראוי לתמוך את הרב היקר הנ"ל בהדפסת ספריו היקרים. וכל תומכי הרב היקר הנ"ל יאושרו ויתברכו ברוב אושר וכט"ס.

כן דברי למען כבוד התורה ולכבוד הרב הנ"ל,

נאום הרב שמואל פאלניצע, מחבר - חזון שמואל.

# *Dedication*

Since I started to publish my books **"THE ARK OF NOAH"** I had the opportunity to meet many exceptional good people who are doing "their part" in various ways, but I think that my wife, exceptionally as a devoted mother, deserves to be praised and honored the most. ......

Above all I pay tribute to my highly esteemed and beloved wife Rose, who, by her unselfish devotion to her home and children, has greatly inspired me in my work.

When I was discharged from the Army my faith in mankind has been greatly shaken. But thanks to the inspiration she gave me, I regained faith in and love for mankind.

I therefore dedicate this my 5th book of the "Ark of Noah" to my wife. I sincerely hope that it will afford pleasure to my readers to know that my wife is — "The wise among women buildeth her house". (Proverbs, Chapter 14)

**Rabbi Noah Kaplan.**

---

**A SPECIAL WORD OF PRAISE**

for my good friend Mr. CHARLES FISHER, of Manhatan For his unselfish and benevolent contribution to the cause of Jewry and Mankind.

---

ווייל דער ספר ענטהאלט ב״ה גוטען מאטעריאל און איז
געדרוקט אין ווענינגע קאפיעס, איז דער פרייז פון
יעדער קאפיע — 5 דאלאר.

Due to the high cost of material and labor, this volume is printed in limited quantity, and the price per copy is **$5.00**

## TESTIMONIAL BY THE PUBLISHERS

I have read a letter, personally written by the Governor, Honorable Thomas E. Dewey, of New York, in which he praises very much Rabbi Kaplan's book **"THE ARK OF NOAH".**

......Also a letter by Rabbi H. Bloom, Executive member of the Rabbinical Council of America, as well as several other letters, in which they all speak admirably of the good work of Rabbi Kaplan.

But due to the high cost of printing, they will be published in the future works of Rabbi Kaplan.

**Postar Printing Corporation.**

●

## YAVNEH JEWISH THEOLOGICAL ACADEMY

March 26, 1946.

Rabbi Noah Kaplan,
801 E. Tremont Avenue,
Bronx, N. Y.

My Dear Rabbi Kaplan :

I was very pleased to learn that the fifth volume of your "TEVATH NOAH" is about to be published.

The previous volumes, I have read and found them very effective and very interesting. I am sure that Rabbis and laymen can learn much from these books, and, therefore, these books deserve wide circulation.

I wish that you may continue your fine work, to spread the light of the Torah.

I remain Sincerely,

(Signed) Rabbi Menachem N. Shapiro,
Director.

# תוכן הדרשות


פאַרוואָרט — פאַרוואָס איך שרייב ספרים ________ 7

הקדמה — תורה איז דער בעסטער מעדיצין ________ 12

דברים: — דרשה א: הספד נאָך אַ גרויסען ת״ח וואָס לעבט 21

דרשה ב — הספד על ת״ח שנפטר ________ 30

ואתחנן: — דרשה א: להחזקת תלמיד חכם ________ 33

דרשה ב: אינסטאַליישאָן פון אַ רבאַי ________ 37

עקב: — דרשה א: אַפּיעל פיר ר׳ יצחק אלחנן ישיבה ____ 47

דרשה ב: אַפּיעל פאַר דעם היאַס (שדרשתי) 52

ראה: — דרשה א: לחנוך הגדר ________ 58

דרשה ב: להזכרת נשמות ולהספד ________ 63

שופטים: — דרשה א: פאַרוואָס גרויסע רבנים האָבען ניט

קיין שטעלע און מען דאַרף זיי שטיצען ________ 67

דרשה ב: לבר מצוה וגם ליום הדין ________ 72

תצא: — אַן אַפּיעל ליום הדין ________ 78

תבוא: — הספד על רב, וגם לז׳ אָדר וליה״כ ________ 85

נצבים: — נאום לראש השנה ________ 95

וילך: — דרשה שדרשתי צו דער אינסטאַליישאָן פון אַ

שמש אַ תלמיד חכם ________ 106

האזינו: — אַן אַפּיעל פאַר ראש השנה—להחזקת התורה __ 116

ישראל ואורייתא וקוב״ה חד הוא ________ 123

וזאת הברכה: — יזכור ________ 124

אַן אָפּענער בריעף צו עהרליכע אידען ________ 133

דרשה לצדקה ולתענית צבור ________ 137

פאַרוואָס מוז אַ חסיד זאָגען ״ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה״ 141

דרשה ליום הכפורים ________ 145

קומט אין שוהל, אידען! היינט איז פאָטער׳ס טאָג! ______ 149

# פאַרוואָרט — א דרשה

## פאַרוואָס איך שרייב ספרים ?
## און אַן אַפּיעל צו שטיצען תורה

די וועלט דערצעהלט אז א גאָווערנאָר פון דעם סטייט נ. איז געקומען אויף אינספּעקציע אין דעם סטייט פּריזאָן, האָט דער וואָרדען געבעטען דעם גאָווערנאָר, ער זאָל האלטען א רעדע צו די ארעסטאנטען. דער גאָווערנאָר איז ניט געווען צוגעגרייט צו אזא סאָרט רעדע; ער האָט אָנגעפאנגען מיט דעם אלטען גע־וועהנליכען נוסח : פריינדע, סיטיזענס! — אָבער דער וואָרדען האָט גלייך באמערקט צום גאָווערנאָר אז ארעסטאנטען ווערען ניט אזוי אדרעסירט. האָט זיך דער גאָווערנאָר אביסעל צוטומעלט און געזאָגט: ניין, ניין! איך מיין ניט אָנצורופען אייך סיטיזענס ! איך מיין אָנצורופען בלויז: מיינע פריינדע ! —

אָבער דער גאָווערנאָר האָט זיך באלד אליין געכאַפּט, אז ער איז דאָ מיאוס דורכגעפאלען מיט'ן ווארט: מיינע פריינדע", און ער האָט זיך אָנגערופען : „אזוי, צי אזוי, — איך בין זעהר צופרידען צו זעהן אייך דאָ אלעמען אין אזא גרויסער צאָהל" ! דער גאנצער עולם האָט זיך שטארק צולאַכט . . . -

מיינע טייערע צוהערער ! חאָטש דער נמשל איז דאָ ניט אינגאנצען גלייך מיט דעם משל, ווייל איהר, מיינע טייערע פריינד ! זייט דאָך אמת'ע, גוטע און געטרייע מענשען, מיט וועלכע די לאנד און דער יודענטהום קען שטאָלצירען ! אָבער אין איין הינזיכט איז דער משל דאָ זעהר גוט צוגעפּאסט. איך בין פּשוט איבער-ראַשט און בין אזוי ווי צוטומעלט, ווען איך זעה פאַר זיך אַהן עין הרע אזאַ גרויסע צאָהל, כן ירבו, צוהערערם— איך זאָג מיט אַן אמת אז איך בין העכסט גליקליך צו זעהן אייך

דאָ אלעמען, האָטש די פּראָפיטען פון א רב זיינען דאָך מעהרס־טענס נאָר גייסטיגע, אָבער די פינאנציעלע פּראָפיטען זיינען טרויעריג, און צייטענווייז פיהל איך ווי אויסצושרייען: איך וויל ניט זיין מעהר קיין רב! איך האָב ניט מעהר קיין כח צו טראגען די „טרחכם משאכם וריבכם", איבערהויפּט נאָך אז „הרבה אתכם" — "הרבה„ איז א לשון גאוה, אָט דאָס איז די גרעסטע צרה, אז איהר זייט ביי זיך גרוים און שטאָלץ, און איך פיהל ביי זיך „לא ידעתי דבר כי נער אָנכי" (ירמי') אז איך בין נאָך יונג אין דער רעדנער קראפט, אז איך האָב נאָך ניט די נויטיגע עקספּיריענס,— אָבער מיטאַמאָהל דערפיהל איך אַן אינווייניגסטע שטימע וואָס שרייט צו מיר: כשופר הרם קולך! פארוואָס עפים גראדע — כשופר? נאר „שופר" איז א לשון „שפיר" — דאָס מיינט טריי, ברודער־שע! אז דו וועסט וועלען וועסטו זיין א גוטער רעדנער! „יגעתי ומצאתי תאמין".

פינאנציעל באַצאָהלט זיך ניט צו שרייבען, אָדער רעדען גוטע, אמת'ע רעדעס, איז דאָך די פראגע פארוואָס טהו איך דאָס?

אין א געוויסער מדינה איז געוועזען א גרויסער חכם, דער חכם איז באריהמט געווארען איבער דער גאנצער וועלט מיט זיינע קלוגע עצות וואס ער פלעגט געבען יעדען מענשען וואָס האָט זיך גענויטיגט. דער קעניג האָט איינגעלאַדען אָט דעם חכם צו זיך, און ער האָט צו איהם געזאָגט:

אזוי ווי דו ביזט דאָך אנערקענט איבער דער גאנצער וועלט מיט דיין גרויסע חכמה, וויל איך דיך פרעגען, אויב איך גיב דיר איבער מיין טראָן אז דו זאָלסט זיין דער קעניג, און מיט דיין חכמה פיהרען אונזער מדינה, וועסטו זיך ניט קווינקלען ארויף צו שטייגען אויף איהם?

— געווים ניט! האָט דער חכם געענטפערט, — עס איז

דאָך מיין פליכט צו שטעלען מיין חכמה אין דער דיענסט פון אונזער לאנד; איך בין זיכער אז איך וועל רעגירען די לאנד פיעל בעסער ווי זי איז אמאָל רעגירט געווארען.

די ראַטהגעבער פון דעם קעניג האָבען זיך זעהר דער־שראָקען, ווען זיי האָבען דערהערט אַט דעם חוצפה'דיגען, גע־וואגטען ענטפער, און זיי זיינען זיכער געווען אז דער גרויסער הערשער וועט אריינפאלען אין גרימצאָרן, אָבער דער קעניג האָט א שמייכעל געטהאָן, און האָט געגעבען א וואונק צום עלטסטען פון זיין לייב־וואַך, צו ארעסטירען אָט דעם גע־וואַגטען חכם; און צו איהם האָט ער אזוי געזאָגט : שרעק זיך ניט, חכם ! עס וועט דיר קיין שלעכטס ניט געשעהן . . . איך גיב דיר (6) זעקס מאָנאַטען צייט, אין דער דאָזיגער צייט דארפ־סטו אויסגעפינען וויאזוי מען רופט דעם מאַן וואָס וועט אויף דיר אכטונג געבען אין געפעגנניש. אויב דו וועסט קאנען זאָגען ווי דער וועכטער רופט זיך, דאן שווער איך דיר, אז איך וועל דיך אליין ארויפפיהרען אויף מיין טראָן, כדי דו זאָלסט הערשען מיט דיין חכמה איבער אונזער לאנד.

דער חכם האָט יעדען מאָהל (ווען דער וועכטער פלעגט איהם ברענגען דריי מאָהל אין טאג עסען) געפרואווט פארקניפען מיט'ן וועכטער א שמועס, — זיין פלאן איז געווען אז אין פאר־לויף פון די שמועסען, וועט ער זיך ערקונדיגען דעם וועכטער'ס נאָמען, אָבער ער האָט ניט געקענט אויסגעפינען, האָט דער חכם געפרואווט מיט כיטרעקייט, און אָנגעפאנגען צו באגריסען דעם וועכטער אלעמאָל מיט אַן אנדער נאָמען : גוט מאָרגען, אויב־רעהעם ! גוט אָבענד, מאָרים ! העלאָו, טשארלי ! — אָבער דער וועכטער גיט דערביי אפילו ניט א ציה מיט'ן אקסעל. —

ווען די צייט האָט זיך געענדיגט, רופט זיך אָן צו איהם דער קעניג : געווים איז עס דיר לייכט אָנגעקומען צו דערגרונט־עווען די געהיימניש ווי מען רופט דיין וועכטער ?

— אָה ! דו גרויסער הערשער ! — האָט געענטפערט דער חכם, — אלע מיינע מיטלען האָבען ניט געהאָלפען אויפצודעקען די געהיימניש, איך וויים ניט דעם נאָמען פון דעם מאַן.

— האָסטו איהם דען געפרעגט, ווי מען רופט איהם ? האָט דער קעניג געזאָגט מיט א שמייכעל . . .

דער חכם איז געוואָרען אזוי איבעראשט פון דער פראגע, אז ער איז געבליבען ווי פארשטיינערט — דאָס איז מיר גאָרניט איינגעפאלען ! האָט ער ארויסגעמורמעלט . . .

— אָט דער וועכטער דיינער, — האָט געזאָגט דער קעניג, האָט פון מיר געקראָגען א באפעהל צו זאגען דיר זיין נאָמען, נאר ווען דו פרעגסט איהם. ווען דו טהוסט דאָס וואָלט היינט מיין טראָן געווען דיינער. זעה אליין ! וויאזוי האָסטו געוואָלט רעגירען איבער א לאנד אז דו האָסט ניט געוואוסט אפילו די איינפאכסטע פראגע צו שטעלען ! ?

אָט אזוי זאָג איך יעצט צו אייך, מיינע טייערע צוהערער ! אויב איהר ווילט וויסען פארוואס איך שרייב ספרים ? שעהמט זיך ניט ! און שרייבט מיר אייער פראגע, וועל איך אייך איה״ש ענטפערען. אָבער פרעגט מיך ניט די פראגע אין סטריט, אין שוהל, אָדער אין אירגענד וועלכען פאָבליק אָרט — טהוט עס ניט ווי יענער קארגער גביר האָט געטהאָן:

ער האָט באגעגענט דעם דאָקטאָר אויפ׳ן סטריט, רופט ער זיך אָן צום דאָקטאָר : עס טהוט מיר וועה די קאָפּ ! איך פיהל זיך אין אלגעמיין ניט געזונט ! — רופט זיך אָן דער דאָקטאָר : — טהוט זיך שוין אָט אָ דאָ אויס, וועל איך אייך עקזאמינירען.

איך וויל אייך בעטען נאָך א זאך :

זייט ניט אזוי ווי יענער בעל-חוב וואָס באצאָהלט קליינע חובות נאר מיט דעם וואָס ער צורייסט זיינע אייגענע שיך, אנ-

טלויפענדיג אלעמאָל פון די מענשען צו וועמען ער איז שולדיג עטליכע דאָלאר — דאָס איז א רשעות ! ווייל האָטש עס קאָסט איהם געלט, אָבער דער יעניגער וואָס איהם קומט די געלט, קריגט דאָך עס נים !

איך בעט איך, מיינע טייערע פריינד ! באַצאָהלט אייער גרויסען חוב צו דער מענשהייט, און שטיצט די תורה !

מען דערצעהלט אז היטלער (ימח שמו) האָט אמאָהל צו־זאמענגערופען א קאָנסיליום פון די גרעסטע דאָקטוירים, און צו זיי געזאָגט : אזוי ווי דייטשלאנד דארף דאָך האָבען א היטלער, טאָ זעהט מאכט אזוי אז איך זאָל קענען יונג זיין פאר א לאנגע צייט ! — די דאָקטוירים האָבען געענטפערט אז זיי קענען דאָס ניט טהאָן, ווייל זיי האָבען ניט קיין מיטעל צו דעם. אָבער איינער, א אידישער דאָקטאָר, האָט געזאָגט, אז האָטש אויף צו מאכען דעם מענשען יונג איז נאָך אזא מיטעל ניט ערפינדען געוואָרען, אָבער ער האָט א מיטעל פאר היטלער'ן אז ער זאָל **ניט אַלט** ווערען, (ימח שמו וזכרו) ! . . .

**פריינדע** ! שטיצט די תורה ! וועט איהר יאָ אלט ווערען, און האָבען א גוטע עלטער, ווייל „ארך ימים בימינה" !

א אייראָפייאישער רב איז אריין געקומען אין א טעמפעל, זעהט ער ווי איבער'ן אָרון קודש הענגען די צען קאָמענדמענטס (געבאָט), מיט לייבען אויף ביידע זייטען. רופט זיך אָן דער רב : ווי עס ווייזט אוים, זיינען דאָ אין שוהל די לייבען די איינציגע וואָס היטען אָפּ די עשרת הדברות (צען געבאָט) !

**רבותי** ! שטיצט די לייבען ! לייבען — דאָס מיינט מען די תלמידי חכמים — „ארי עלה מבבל" !

# הקדמה

י תברך ה בורא ו תתפשט ה תורה

## דרשה א — תורה איז דער בעסטער מעדיצין

אַט האָט איהר דאָ מיין פינפטען טהייל "**תבת נח**", מיט רעדעס, און געדאנקען צו דעם גאנצען חומש „**דברים**".

מיינע טייערע פריינדע !
איך בעט נאר ביי דעם רבש"ע אַט די תפלה : „והאר עינינו בתורתך" !

ווען רבי מאיר האָט געלערענט תורה פון „אחר'ן" האָט ער געטהאָן אזוי : „תוכו אכל וקליפתו זרק", דאָס מיינט : די בעסטע זאכען האָט ער זיך אָפגילערענט פון איהם, אָבער די שלעכטע געוואוינהייטען האָט ער אוועקגעווארפען, און זיך ניט געלערענט פון „אחר'ן" (חגיגה ט"ו). ר' מאיר האָט דאָס געקענט דערגרייכען, ווייל ער האָט באזיצט אזא פעהיגקייט, צו קענען אויסקלייבען די גוטעס וואָס איז אויסגעמישט מיט פיעל שלעכטעס, דערפאר האָט מען דאָך איהם גערופען מיט אַט דעם ביי-נאָמען : „רבי מאיר", חאָטש זיין אמת'ער נאָמען איז געוועז „רבי נחמיה". מיט דעם נאָמען „מאיר" האָט מען איהם געקרוינט, ווייל ער פלעגט באלייכטען יעדען געזעץ און שטאנד-פונקט (עירובין י"ג).

בעט איך ביי גאָט ער זאָל מיר געבען אַט אָ די פעהיגקייט, מיינע אייגענע אויגען זאָלען ליכטיג ווערען, און איך זאָל קענען געבען צו מיינע טייערע פריינד, די בעסטע זאכען וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהן און אָנגעהערט, און אויך אז איהר, מיינע

טייערע לעזער, זאָלט קריגען ליכטיגע אויגען, און דערזעהן די ווערטהפולע פערל און קאָסטבארע דימענטען, וואָס געפינען זיך דאָ אין דער „תבת נחת, די יעניגע ווערטלאך אדער וויצען, וואָס איהר דענקט אז זיי זיינען ניט אזוי פאסיג, פאר אזעלכע אידען וואָס זיינען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו דער תורה, טאָ בעט איך אייך, ווארפט אוועק יענע ווערטלאך — (מהרש"א חגיגה) „דר"מ הרחיק ממנו מדותיו הרעות וגם דעותיו הרעות" — אָבער מיינע (דעות) געדאנקען, דארפט איהר ניט אוועקווארפען, ווייל מיינע געדאנקען זיינען פול מיט (אמונה) גלויבען, אין דעם איינציגען גאָט, — נאָר מיט מיין אויסשפראכע בין איך ניט אזוי שטאָלץ ביי זיך, צייטענווייז דארף מיין שפראך ווערען קאָרעגירט. עס זאָל ניט זיין אזוי ווי די וועלט זאָגט אויף א געוויסען רב (א שבח) אז פון זיין דרשה ווערט דער עולם צו־גאנגען, ד"ה פשוט: זיי צוגעהן זיך פון שוהל.

איך האָף צום רבוש"ע, אז אַט אַ דער ספר „תבת נח", וועט אייך זעהר פיעל צונוץ קומען, ער וועט אייך דערמאָנען אין פיעלע געדאנקען און זאָגעכצען, פון דער גמרא. דער הו־האָ, און וויר־וואָר פון לעבען, צוטומעלט זעהר שטאַרק די מענשליכע קאָפּ, אז אפילו די פעהיגסטע מענשען ליידען זעהר שרעקליך אויף זייער זכרון.

מען דערצעהלט אויף א מואווי־סטאָר, אז ער איז געבליבען שטעהן אזוי ווי צוטומעלט, ווען זיין עקס־ווייב האָט זיך צו איהם באגריסט אין א נאַכט־קלוב, האָט מען איהם געפרעגט פארוואָס ער איז אזוי צוטומעלט געווארען? האָט ער געענטפערט אז אויפ'ן מאָמענט האָט ער גאָר פארגעסען אז זיי האָבען זיך אָפּגע'גט...

דעם נאָמען „תבת נח" האָב איך צוגעפאסט צו מיינע פינף ספרים אויף די חומשים פון דער תורה, ווייל איך האָב אין די אלע פינף ספרים ארייז געפאקט פארשידענע אלטע און

צייע ווערטלאך, געדאנקען און מאָראַלישע ווערטער, אזוי ווי אין א קאסטען, אָבער איך בין ניט געקומען מיט מיינע ספרים צו לערנען אייך מוסר, איך זאג אז מען טאר אויף קיינעם ניט מאַכען קיינע באשולדיגונגען. אויב דאַ, אין מיין „תבת נח", געפינען זיך יא באשולדיגונגען? איז עס בלויז געגען די באַשולדיגער, וואס באשולדיגען יענעם; געגען די בעלי-גאוה׳ס, די פוסטע כלים וואס קלינגען צופיעל, און מאַכען אנשטעלען פון הייליגע.

די מלכות אדום מאכט אנשטעלען אז זי איז א הייליגע. (מד"ר שמיני) די מלכות אדום צ׳ייגט זיך ארויס, אט פונקט אזוי ווי א בימה מיט אן אויסגעשפרייטען טישטוך, וואָס מען לייענט אויף דעם די הייליגע תורה, אָבער אין דער אמת׳ן רויבט זי, און טהוט אפ אלע צרות, אבער ווען מען ענטוואַפּענט איהר, דאַן שרייען זיי אליין די ערשטע: קאַפּוט היטלער! היטלער קאַפּוט!

אין א געוויסער שטאדט האָבען די גוים אויפגענומען א נייעם גלח. דער גלח האָט געהאלטען זיין ערשטען „סוירמאַן", וועגען דעם אכטען קאָמענדמענט „לא תגנוב". ער האָט גערעדט זעהר קינסטלעריש און איבערצייגענד, און האָט געמאַכט א גרויסען איינדרוק אויף די צוהערער, אזוי אז דער גאנצער עולם איז געוועזען שטארק באגייסטערט! אָבער ווי ערשטווינט איז ער געווארען, ווען די טראָסטים פון דער „קאָנגרעגיישאָן", האָבען איהם גערופען צו א ספּעשעל מיטינג, און איהם אָנגעזאָגט אז ער זאָל זיך ניט וואגען צו האלטען נאכאַמאָהל אזוינע סוירמאנס.

דעם צווייטען סוירמאַן האָט שוין דער גלח אויסגעמידען צו רעדען וועגען „לא תגנוב". (ער האָט ביי זיך געטראכט: אויפ׳ן גנב ברענט די היטעל . . . ) — האָט ער גערעדט וועגען דעם זיבעטען קאָמענדמענט.

ער האָט גערעדט מיט נאָך מעהר טאלאנט און אימפעט, ווי דעם ערשטען מאָהל. — אָבער די טראָסטים האָבען איהם שוין דאָס מאָהל געזאָגט, אז זיי ווארענען איהם צום לעצטען מאָהל, ער זאָל וועגען אזוינע קאמענדמענטס ניט רעדען.

דער גלח האָט באגרייפט זיין פאזיציע, און ער איז ארוים מיט דער אלטער טעמע פון אמאָליגע (שונאי ישראל) אידען־פיינט — ער האָט געגאסען פעך און שוועבעל אויף אידען, ער האָט אין זיין קאָנגרעגיישאָן ניט גע'מוסר'ט זיינע גויאישע מעמבערס, נאר ער האָט גאר גע'מוסר'ט דאָס אידישע פאלק, אין אלע זיינע גיפטיגע סוירמאנס. די טראָסטים האָבען אויס־געשפראָכען אין דעם נאָמען פון אלע גאָט'ס פארכטיגע סטראָפ־טשעס, א גרויסע דאנק דעם הייליגען פאָטער'ל, וואָס ער לערנט זיינע שאָף, צו געהן אויף דעם אלטען אויסגעטראָטענעם וועג, פון זיינע הייליגע פאטערס, טארקוועמאדא, ניקאָליי, אנטיוכוס עפיפאנוס, פראָפעסאָר קוזא, און די אלטע פאטריארכען עשו, און זיין זוהן אליפז.

(אליפז איז אָט דער רויבער וואָס נעמט צו ביי דעם קרבן אלעס, „וילך חרנה", ר"ת: ויתן יעקב לו כל חילו רק נשאר המקל. — אָבער וויבאלד אז ער האָט ניט ערמאָרדעט יעקב'ן האָט ער זוכה געווען צו נבואה: דאָס איז פיליכט דער זעלבער אליפז התימני, וואס האָט געזאָגט „ומוסר שדי אל תמאס".

הײנטיגע צייטען זיינען אויך דאָ אזוינע וואס טהוען דאָס זעלבע וואס אליפז, און דאָך שטראפען זיי יענעם. אָט דערפאר זאָגט די תורה: „אלה הדברים אשר דבר משה" — דאָס מיינט: אז בלויז משה רבינו האָט געקענט זאגען מוסר, ווייל מרע"ה האָט דאָך ביי קיינעם גאָרניט גענומען „לא חמור אחד מהם נשאתי" (קרח). — וויבאלד אז ער האָט ביי זיי גאָרניט גע־נומען, דארף ער דאך דעם חמור ניט „נושא פנים" זיין . . . אָט דאָס מיינט: לא חמור נשאתי.

אָבער ווי וואגט עס א מענש וואס נעמט געלד, צו זאגען אונז מוסר ? !

און אויב עס זיינען דאָ אזעלכע גאָט'ס סטראפטשעס, וואָס טהוען אויף זיך אָן א מאסקע פון אומזיסטע רעדנער און פרעדי־גער, זאָלט איהר וויסען, אז אָט די חברה זיינען די שעדליכסטע שווינדלער, ווייל היינטיגע צייטען איז גענוג ווען א פרעדיגער געהט אין גאָט'ס וועגען, אָט פונקט ווי גאָט שטראפט ניט אומזיסט, אָט אזוי זיינען די פרעדיגער אויך, זיי שטראפען ניט אומזיסט, נאר זיי קריגען גוט באצאָהלט דערפאר אונדירעקט . . .

**משה רבינו** איז ניט געגאנגען אין קיינעם'ס וועגען, ער איז געווען א מענש מיט אן אויסערגעוועהנליכען מוטיגען קוראזש, און ווען עס האט זיך געהאנדעלט אין גערעכטיגקייט, האָט ער אפילו געהאט גענוג מוטה צו זאגען צו דעם רבש"ע, אז ער איז ניט צופרידען צו טהאָן דאָס וואס דער רבש"ע וויל. און חאָטש אז פאר אזא האנדלונג איז ער באשטראָפט געוואָרען, דער רבש"ע האָט איהם געמאכט אוים כהן, (רש"י שמות ד' י"ד), אָבער דאָך האָט דער רבש"ע געזעהן אז ער איז דער אמת'ער צדיק, דער גרעסטער בעל־רחמנות !

זיין רחמנות גרייכט אזוי ווייט, אז אויב איימיצער וויל האנדלען לויט'ן דין נאך, דאן צייגט משה רבינו אויף, אז אלע דינים זיינען בלויז געשאפען געוואָרען צוליעב רחמנות האָבען, בלויז ווען איימיצער איז חו"ש א מערדער, קען מען דאן ניט אויסטייטשען דעם דין אז מען זאל אויף איהם רחמנות האָבען, ווייל אזוי שנעל ווי ער האָט ערמאָרדעט א מענשען, האָט ער דאָך אָפגעלייקענט דעם גאנצען עקזיסטענץ פון רחמנות, און דער תורה, וואָס איז איגנאנצען רחמנות—אָט אזוי רופט זיך דאָך די תורה : „רחמנא".

דער רבש"ע האָט געגעבען משה'ן אָנצוהערעניש, אז

אויב ער וועט מתפלל זיין, וועט ער זיין תפלה אויספאלגען.
„ועתה הניחה לי" (רש"י תשא). גאט האט געעפענט פאר משה'ן די טיהר פון דעם ארט וואו ער נעמט אריין די תפלות, און איהם אנגעטרויעט דעם שליסעל, — צו קיין מענשען האט משה ניט געדארפט אנקומען אז מען זאל איהם געבען, אדער באצאהלען, אויב משה רבינו האט געדארפט עפים, האט ער עס גענומען דירעקט פון הימעל פון דעם רבש"ע, — „משה קבל" — אבער אט א דא א, וויל איך אז איהר זאלט מיט אייער פערשטאנד דערהערען אט א דעם א דערהער, — ווען משה רבינו מיט זיין אומבאגרייניצטען רחמנות, און מיט זיין אויטא־ריטעט אין הימעל, וואלט זיך לאזען בעאיינפלוסען פון אייטי־צען, דאן וואלט מען חו"ש דעם גאנצען הימעל אויסגע'גנב'עט...

**משה רבינו** האט זיך ניט געלאזט בעאיינפלוסען פון קיי־נעם ניט ! ווען דער רבש"ע האט צו איהם געזאגט : „ואעשה אותך לגוי גדול", האט משה זיך ניט געלאזען בעאיינפלוסען פון דעם, אזוי ווי איינער זאגט : מיך קען מען ניט אונטערקויפען! אט דערפאר האט משה רבינו צוזאמען גערופען אלעמען, און זיי געזאגט אמת'ען מוסר.

„**דברים**" מיינט שטרענגע רייד. „דבר" איז א לשון קשות „דבר האיש אדני הארץ אתנו קשות" (מקץ). ער האט געזאגט צו זיי, זיי זאלען זיך ניט פארלאזען אויף איהם, אז זיי וועלען זינדיגען און ער וועט זיי אלעמאהל פארטיידיגען. ער האט אנ־געפאנגען זענגען זיך מיט זיי.

אויב מען זאל וועלען ארויסשרייבען אין ספרים, וויפיעל משה רבינו האט אונז אנגעזאגט, אז מיר זאלען היטען און זיך פראטעקטען, וואלט מען דארפען שרייבען אזוי פיעל ספרים, פשוט אהן אן ענדע און אהן א סוף, דאס איז דאך דער פשט פון די ווערטער „ויתר מהמה בני הזהר". אויב מען זאל דארפען

שרייבען וועגען „זהירות", איז „עשות ספרים הרבה אין קץ". וואלט מען דארפען שרייבען ספרים אן א שיעור. „ולהג הרבה", מענשען וואלטען מיעד געווארען ליינענדיג. און די צרה איז נאך א גרעסערע, וואס אסאך אידען, ווען זיי דערהערען תורה, לויפען זיי אזוי ווי פון א פייער, ווייל די תורה איז געגליכען צו פייער (כה דברי כאש— ירמי' כ"ג)

דעם ווארט „הליכות" לייענט מען „הלכות", (א"ת הליכות) אז א רב זאגט הלכות — צוגעהט מען זיך . . .

איך האב גראדע געוואלט דרוקען מיינע ספרים אין דער תנ"ך שפראך, עס האט אין זיך אסאך מעלות, ווייל אסאך אידען האלטען מעהר פון דער שפראך ווי פון דעם אינהאלט . . .

מען דערצעהלט אויף א גרויסען רב, אז ער האט געוואוי'נט אין א זעהר ארימער דירה, די טרעפ פון דעם הויז זיינען געווען צובראכענע, האט איהם איינער געפרעגט: סטייטש, רבי! איהר זאלט וואוינען אין א הויז מיט אזעלכע טרעפ?! — האט ער געענטפערט: „אויף לה"ק איז עס מעלות. (צובראכענע טרעפ איז אויך מעלות). ד. ה., די שפראך פארדעקט אמאהל אויף די פעהלערען, איז אבער די צרה, וואס אויף לה"ק זאגט מען אויף דרוקען „מדפים", דאס איז די אותיות „מספיד", דאס מיינט אז ווען איך וואלט דרוקען מיינע ספרים בלויז אין דער תנ"ך שפראך, וואלט איך (מפסיד געווען) פארלארען זעהר אסאך חכמות, און גלייך-ווערטלעך, מיט וועלכע אונזער גלות-שפראך האט זיך אזויפיעל אנגעזאפט.

אונזערע רבנים און רעדנער קענען זעהר פיעל בעאיינפלו־סען די וועלט צו טהאן גוטעס, אבער זיי האבען נויטיג א גרויסען סטאק פון רעדנער-מאטעריאל, און א גוטען חוש פאר הומאר. אט וועל איך אייך געבען א ביישפיעל:

דער רב פון דער שטאדט פפד"מ, האט געהערט אז דער

גביר פון שטאדט איז עובר אויף א גרויסע עבירה. דער רב האָט געוואָלט אומקעהרען דעם גביר אויף'ן גלייכען וועג, אָבער מען האָט דאָ געדארפט האנדלען מיט גרויס חכמה, עס איז געווען א מסוכן'דיגע אָפעראציע, וואָס ווען חלילה עס גיט זיך ניט איין, קען עס אַנטהאָן זעהר אסאך שאָדען. איהר ווייסט דאך: „עשיר יענה עזות".

האָט דער רב באגעגענט דעם גביר, און זיך אָנגערופען צו איהם: „אָה! וואָס מאכט איהר ר' ישורון" ? — זעהר גוט! האָט דער גביר געענטפערט. טאָ וואָס-זשע זינדיגט איהר ? האָט דער רב זיך נאָכאמאָהל אָנגערופען צום גביר. דער גביר האָט פון אָנפאנג ניט בעגרייפט וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך, ער האָט אָנגעקוקט דעם רב מיט פארוואונדערונג, און געזאָגט: רבי! איך האָב זיך פאר קיינעם ניט באקלאָגט ! — דאָס איז טאקע אמת' ר' ישורון ! אז איהר באקלאָגט זיך ניט, מען דארף דאך אָבער ניט זינדיגען, איהר פארשטעהט א איד ווי איהר . . . פאָלגט מיך, זינדיגט ניט מעהר . . . — דער רב האָט געמוזט שטארקער באטאָנען דעם ווארט. דער גביר האָט זיך גערויטעלט אויפ'ן פנים, און געטראכט ביי זיך: מען דארף פאָלגען דעם תלמיד חכם.

עס טרעפט אמאָהל אז דער מאָראל פרעדיגער מוז באנוצען אַן אנדער טאַקטיק. א גלח האָט אמאָהל אויסגעשריגען ביי זיין סוירמאַן, וועגען דעם זיבעטען קאָמענדמענט: מיינע טייערע צוהערער ! דאָ אין אונזער קאָנגרעגיישאָן, האָט זיך אריינגע-כאפט אַן אונמאָראלישער מענש, מיט זיין אונמאָראלישער אויפ-פיהרונג אין פאמיליען לעבען, פאראומרייניגט ער די לופט דאָ, איך וועל באלד איהם ווארפען די גרויסע גראבע בייבעל אין קאָפּ אריין, אויב ער וועט ניט פארלאָזען אונזער קאָנגרעגיישאָן. א העלפט פון דער קאָנגרעגיישאָן האָבען גלייך פארלאָזט די סוירוויסעס... דער גלח האָט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

מען האָט מיר געזאָגט אז מיין קאָנגרעגיישאָן פיהרט זיך אויף זעהר אונמאָראליש. איך האָב געוואָלט וויסען אויב עס איז ריכטיג וואָס מען זאָגט. אָבער איך האָב געזוכט א מיטעל איך אַלניט דארפען באליידיגען די גאנצע קאָנגרעגיישאָן. ענדליך בין איך צופרידען, וואָס מיט מיין מעדיצין האָב איך אויסגע־רייניגט די אונמאָראלישקייט פון אונזער געבעט הויז.

איהר זעהט, מיינע פריינדע, אז א גייסטיגער דאָקטאָר מוז באנוצען אסאך חכמה און הומאָר, אזוי ווי א דאָקטאָר וואָס מישט צוזאמען פארשידענע מעדיצינישע שטאָפען, אום אריינ־צוגעבען אין דעם מעדיצין די קראַפט צו פארטרייבען די קראנק־הייט, און היילען דעם קראנקען, אָט אזוי שפּרינג איך פון איין געדאנק צום צווייטען, מיש זיי אוים, באשפּריץ עס מיט אנ׳ ביסעל הומאָר, אום צו אריינגעבען אין דעם צוהערער אן אפּעטיט צו ווערען אלעם אויסהערען. „ודגלו עלי אהבה", דגלו איז א לשון „דלוג", איך טהו דאָס אוים ליעבע צו אייך, מיינע טייערע צו־הערער !

**די תורה** איז געגליכען צו האניג : „דבש וחלב תחת לשונך" (שה"ש). אויב איהר וועט זיך צוהערען צו די אלע וויצען און גלייכווערטלעך, וואָס אלע ת"ח זאָגען אין זייערע ספרים, דאן וועלען אייערע מוחות ווערען פול מיט וויסענשאַפט, אזוי ווי א בינשטאָק מיט זיסען האָניג. עס דאַרף אָבער זיין **תחת** לשונך, דאָס הייסט: אַביסעל צוגעדעקט. מען דאַרף ניט ווארפען די חכמות אומזיסט ווייל עס זיינען דאָ אַזוינע מענשען וואָס פאר־שטעהען ניט די ווערטה פון חכמות.

# דברים

## הספד נאָך א גרויסען תלמיד חכם וואָס לעבט
### נאר ער איז אָפּגעשטאָרבען פון די קהל'שע טעטיגקייטען

„פנו לכם צפנה — ואת העם צו לאמר". איז דאָך א קשיה! פארוואס זאגט ניט די תורה דעם אָנזאָג פון „פנו לכם צפנה" נאָך דעם „ואת העם צו", דאָס געהט דאָך אלץ אריין אונטער דעם אָנזאָג פון דעם רבש"ע. אָבער אז מיר וועלען טייטשען דעם וואָרט „צפנה" בעהאלטען זיך, פון דעם לשון „ותצפנו", וועט די קשיה זיין פארענטפערט.

דער מענש וואס האלט זיך אז ער איז א פארטיגער חכם, א גרויסער געלערענטער, אָט דער מענש איז אן אָפּגעקאָכטער! ווייל אויב עס איז ניט אָפּגעקאָכט, קען דאָך ניט זיין פארטיג . . .

די תורה זאגט צו די תלמידי חכמים, די געלערנטע מענשען: „פנו לכם צפנה", זייט באשיידען, טומעלט ניט מיט אייער חכמה אזוי שטארק, ווייל אויב איהר זייט שוין פארטיג? זייט איהר אָפּגעקאָכטע!

צו די תלמידי חכמים האָט די תורה ניט געהאט נויטיג צו באנוצען דעם לשון „צו". דער לשון „צו" איז א שטרענגער אָנזאָג, א תלמיד חכם דארף אליין באגרייפען אז א מטבע אין א פוסטען קרוג קלינגט שטארק.

(א חזן האָט געדאַווענט אין א שוהל, און ער האט מיט זיין קלינגענדיגען קול זעהר באגייסטערט דעם עולם, פרעגען די מעמבערס פון שוהל דעם רב: רבי! ווי געפעהלט אייך דער חזן? רופט זיך אָפּ דער רב: דער חזן איז א פוסטע כלי. — סטייטש, רבי! וואָס מיינט איהר? — האָבען די מעמבערס געפרעגט. — פארשטעהט איהר מיך, האָט דער רב געזאגט, דאָס וואָס פאר א רב איז א חסרון, איז פאר א חזן מעלה. א פוסטע כלי קלינגט בעסער. א חזן מעג קלינגען, אָבער א רב דארף ניט קלינגען). —

דאַרטען אָבעֶר וואו עס האנדעלט זיך, אז דער אלגעמיינער פאָלק זאָל ניט אויפרייסען די קנאה פון עשו'ן אויף אונזער אידישען פאָלק, דארטען באנוצט שוין די תורה דעם לשון „צו". „ואת העם צו לאמר, אתם עברים בגבול אחיכם בני עשו". דעם פאָלק מוז מען אָנזאָגען מיט'ן האַרבען ווארט, אז זיי זאָלען זיך ניט באריהמען, ניט חן'דלען זיך, און ניט ארייגלאָזען זיך צופיעל אין גוט-ברודערשאפט מיט עשו'ן.

אויף דעם וואָרט „וישקהו" איז דאָ א מחלוקת. אלע זאָגען אז עשו האָט ניט געקושט יעקב'ן מיט אן אמת, אָט דערפאר איז דאָ אויפ'ן „וישקהו" פינטעלעך. אָבער רשב"י זאָגט: „הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב אלא שנכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו". דארף מען דאָך קענען פארשטעהן, פארוואָס רשב"י זאָגט אנדערש פון אלעמען? נאָר דער ענטפער איז פשוט: רשב"י האָט געוואוסט די רזי התורה (סודות) און ער האָט געזאָגט, אז אויף דעם אז עשו האָט ניט געקושט יעקב'ן מיט אן אמת, אָט אויף דעם וואָלט מען גאר ניט געדארפט קיין פינטעלעך, ווייל דאָס איז דאָך באַשטימט, אזוי ווי א הלכה, (געזעץ), אז עשו האָט פיינט יעקב'ן. איז וויבאלד עס איז אָבער יא דאָ פינטעלעך, איז א סימן אז גראד יענעם מאָהל האָט עשו געקושט יעקב'ן מיט אן אמת.

איהר, מיינע טייערע צוהערער! ווייסט דאָך אז אין יעדער

ווארט און אין יעדער פינטעלע פון דער תורה געפינט זיך גרויסע סודות, „רזין דרזין,״, —

א חסיד איז אמאהל געקומען צו א רבי׳ן. פרעגט איהם דער רבי: וועגען וואס ביזטו געקומען? — רבי! האט זיך דער חסיד אנגערופען — איך בין געקומען אויסלערנען זיך די רזין, דרזין. עס איז געקומען צום טיש, דער חסיד האט זיך אריינגעטהאן ראשו ורובו אין דער אכילה; ער האט פשוט געקייעט אויף בײדע באקען... דער רבי האט א שמייכעל געטהאן, און געזאגט צום חסיד: עס ווייזט אוים אז איהר זענט גאר געקומען אהער לשובע, ולא לרזין.

און איך זאג אייך, מיינע צוהערער, אז דער חסיד וואס עסט אסאך, קען טאקע מיט׳ן עסען אויך זעהר אסאך דערגרייכען צו דער הויכער מדרגה פון חסידות; ווייל עס זיינען דאך דא צווייערליי צדיקים: איין סארט צדיק, וואס דיענט דעם רבש״ע מיט תפלה, און איין סארט צדיק וואס דיענט דעם רבש״ע מיט׳ן עסען און טרינקען.

**די גמרא** זאגט (ברכות ח) אז דער וואס דיענט גאט מיט׳ן עסען, איז אויף א גרעסערע מדרגה, ווי דער וואס דיענט גאט מיט׳ן דאווענען. „גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים... כתיב יגיע כפיך כי תאכל״. אין פשוט׳ע ווערטער מיינט דאס אזוי: גדול! גרוים איז אט דער „הנהנה מיגיעו״, דער וואס האט הנאה פון זיין הארעוואניע! ער עסט און טרינקט, און שטארקט דעם קערפער, כדי ער זאל קענען זיין מעהר ירא שמים, ווייל אום צו זיי א ירא שמים, דארף מען האבען א שטארקען, געזונטען קערפער. און נאך מעהר, ווען ער האט א שטארקען, געזונטען קערפער, קען ער גאר דיענען גאט מאהבה, דאס איז דאך אסאך א גרעסערע מדרגה ווי צו דיענען גאט מחמת יראה.

אויב מען זאל דעם מאמר חז״ל אזוי ניט אויסטייטשען, איז

דאַך א קשיה ! אז ער איז עס א „נהנה מיגיעו״, דארף ער דען נים זיין קיין ירא שמים?

עס איז דאָ א גרויסער אונטערשיעד צווישען די מצוות וואָס געהערען זיך אָן צווישען מענשען און גאָט, און די מצוות וואָס זיינען צווישען מענש און מענשען. אין די מצוות וואָס זיינען „בין אדם למקום״, דאָרטען איז דער עיקר די כונה, דער ווילען (חשק) צו טהאָן די מצוה. למשל : ער וויל דאווגען, נאָר ער קען נים; ער וויל היטען שבת, נאָר ער קען נים. ער האָט געדארפט דורך אן עקסידענט גאר מחלל שבת זיין, צו ראטעווען א מענשען. דאן איז די מחשבה טובה דער עיקר, ווייל דער רבש״ע זעהט דאָך אז ער וויל זיין א גוט קינד, נאר ער קען נעבאך נים . . .

עס האָט טאקע געטראָפען אז אן אָרענדאַר האָט נים געקענט דאווגען, האָט ער געזאָגט אזוי : רבש״ע ! איך וויל דיר זאָגען דעם אלף-בית, א גאנצען טאג, און דו, דערבאַרימדיגער טאַטע ! מאַך דערפון אלע תפלות וואָס זיינען צוזעמענגעשטעלט געווארען דורך דיינע קלוגע קינדער, אין די אלע פריהערדיגע צייטען, און וואָס מען וועט נאָך פיליכט צוזאַמענשטעלען, אין די יעצטיגע צייטען ! דו, רבש״ע ! דארפסט דען אָט די אלע לויב־געזאַנגען ? דו ווילסט דאָך נים מעהר, אז מיר זאָלען זיין גוט איין מענש צום אנדערען, און די אלע תפלות ותשבחות, איז דאָך בלויז צו לערנען דעם מענשען די געוואוינהייט פון צו זיין דאַנקבאַר פאר די גוטעס וואָס מען טהוט מיט איהם.

(דער ארענדאר האָט אליין נים געוואוסט, אז ער האָט דאן געשאפען א נייעם נוסח אין דאווגען). — אין די מצוות פון מענש צו גאָט, איז דער עיקר די כונה, און נים די עצם המעשה. און דערפאר מאַכט נים אוים, אין וואָס פאַר אַ נוסח מען דאווענט.

אָבער אין די מצוות פון מענש צו מענשען, דאָ איז שוין דער

עיקר דער אויפטהאָן, און נים די מחשבה. למשל : די מצוה פון **צדקה**. דאָס איז שוין אזא מצוה וואָס איז א צווייענדיגע מצוה. זי איז „בין אדם למקום", ווייל די תורה זאָגט דאָך „נתון תתן", און זי איז אויך „בין אדם לחברו", ווייל מען העלפט דאָך דער־מיט מענשען. איז טאקע, אויב איינער וויל געבען צדקה, נאר א געוויסע אורזאכע האָט צושטערט זיין פערלאנג, און ער האָט נים געגעבען, איז מיט דער מחשבה טובה, האָט ער מקיים געווען דעם טהייל פון „בין אדם למקום", אָבער דעם טהייל פון „בין אדם לחברו", קען ער דאָך נים מקיים זיין, ביז ער האָט טאקע גע־געבען די צדקה, ווייל פון דער מחשבה קען דאָך דער אָרימאן נים האָבען וואָס צו עסען.

די צרה איז אָבער, וואָס מענשען פארבייטען די „יוצרות". אָט דאָס טענה'ט דער נביא ישעיה (נח) הכזה יהיה צום . . . הלוא פרוס לרעב לחמך — דאָס מיינט אזוי : פאַסטען איז דאָך א מצוה וואָס געהערט זיך אָן מיט גאָט, און דער עיקר פון אָט דער מצוה, איז דאָך די כונה, נים דער עצם המעשה. (ער טהוט דאָך מיט'ן פאַסטען דעם רבש"ע קיין טובה נים . . .)און דאָך טהוט מען אָט די מצוה טאקע בעצם המעשה, אָט אזוי וואָלט מען געדארפט טהאָן ביי צדקה טאקע דעם עצם המעשה, געבען דעם הונגעריגען עסען ! הלוא פרס לרעב לחמך !

דער פשט פון די ווערטער איז אזוי : איהר דענקט אז די מצוה פון צדקה וועט איהר מקיים זיין פונקט אזוי ווי איהר זייט מקיים די מצוה פון פאסטען ? מיט נים טהאָן גאָרנים ! — די מצוה פון צדקה קען מען מיט „שב ואל תעשה" נים מקיים זיין !

איהר ווייסט פארוואָס איך ווענדע זיך אלע מאָהל צו אייך, מיט די ווערטער : „מיינע טייערע צוהערער !" ?

איך וויל אז איהר זאָלט גוט דערהערען און בעגרייפען

וואָס איך זאָג דאָ, ווייל דער ניט-דערהערען, איז זעהר א גרויסער פעהלער.

א מאַן האָט אָפּגערופען זיין פרוי וואָס איז געוועזען אין א קאַנטרי, און האָט געזאָגט צו איהר, אז זי זאָל זעהן ברענגען אהיים פון קאַנטרי, פוטער, ווען זי וועט אהיים קומען. האָט זי ניט דערהערט אקוראַט, און גאַר געבראכט איהר מוטער ! — (פליעז ! ברענגט מיר ניט די מוטער) . . .

רשב״י האָט מין זיין אויסדרוק וועגען די פינטעלעך אויף דעם וואָרט „וישקהו״, געגעבען אונז א הארציגע, געטרייע, און צו דער זעלבער צייט, א שטרענגע ווארנונג, אזוי ווי א געטרייער פאטער ווארענט זיינע קינדער, אז מיר זאָלען זיך היטען פון עשו׳ן, ווייל עשו האָט אונז ניט ליעב ! עשו טהוט דאָס וואָס א חזיר טהוט : (מדרש שמיני) „מוציא טלפיו ואומר ראו שאני טהור״. אָט אזוי האָט זיך דייטשלאנד צושפרייט מיט איהר קולטורע, זי האָט געשריגען אז זי איז א לאנד פון דער העכסטער ציוויליזאציע, ביז אין א שעהנעם העלען טאָג, האָבען זיי אוים-געבראָכען מיט זייערע שרעקליכסטע גרויזאמסטע מערדערייען, אונזערע אידישע פאָלק-מאסען האָבען זיך געלאָזט פארפיהרען פון דעם חזיר דייטשלאנד ! זיי האָבען דאָך זיך אלע ארייננגע-לאָזט ראשו ורובו אין דער גולטורע פון דייטשלאנד, אונזערע מאסען האָבען דאָך זאָגאר אלע דייטש געשפראָכען ! ביז די ווילדע וואלד-חזירים האָבען א דריטעל פון אונזער פאָלק אוים-געמאָרדעט, לעבעדיגערהייט אונזערע אונשולדיגע קינדער אין די גריבער פון דאכאו פארשאָטען, די ערד האָט זיך איינינע טעג געהויבען, ווייל די לעבעדיגע האָבען אין די קברים זיך נאָך גע-מוטשעט, ביז זיי זיינען דערשטיקט געוואָרען !

אָט דערפאר זאָגט די תורה : „ואת העם צו . . . אתם עברים בגבול אחיכם בני עשו״ — אָבער צו די תלמידי חכמים איז גענוג צו זאגען אין פשוט׳ע ווערטער : „פנו לכם צפנה״ !

איהר, תלמידי חכמים ! איהר טראָגט דאָך אויף זיך דעם „נזם זהב", די תורה איז דאָך „הנחמדים מזהב" — טאָ טהוט ניט ווי עשו טהוט — זאָגט ניט „אני טהור", אזוי ווי דער חזיר, — זעהט אז מען זאָל אויף אייך ניט זאָגען „נזם זהב באף חזיר" . . טומעלט ניט מיט די סימנים פון א לײדיגער כלי . . . טהוט ניט ווי יענער אידישער גביר האָט געטהאָן :

ער פלעגט קיינמאָהל ניט געבען קיין געלד אויף צו העל- פען בויען א שוהל, אָבער אויף א קלויסטער פלעגט ער יא געבען, און אז מען האָט איהם געפרעגט פארוואס גיט ער געלד אויף א קלויסטער ? האָט ער געזאָגט : איך האָב אסאך ביזנעס פון גויים. זאָגט יענער צו איהם : טאָ גיב בעסער אויף גויאישע האָספי- טאלס ! האָט ער געענטפערט, ווייל אין א קלויסטער איז דאָ א גרויסער גלאָק, און מען צוקלינגט עס בעסער. אָבער אין האָספי- טאלס איז ניטאָ אזא גלאָק.

**שלמה המלך** האָט געזאָגט : „עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר". איז דאָך א קשיה ! מחזיקים און תומכים טהוען דאָך ביידע די זעלבע זאך ! זיי שטיצען די תורה ! טאָ פארוואס איז ביי די מחזיקים זאָגט ער „חיים", און ביי די תומכים בלויז „מאושר". — דער ענטפער איז פשוט : —

די גמרא זאָגט (כתובות קי"א) ע"ה אינם חיים כי טל אורות טלך . . . וכל שאינו משתמש באור התורה אין אור התורה מחייהו". איז דער פשט פון „למחזיקים" אזוי: די וואָס האלטען זיך אָן, אין דער תורה, דאָס מיינט זיי באגרייפען אז דאָס וואס זיי שטיצען די תורה, איז דאָס פון זייער טובה ווענען, אסאך מעהר, ווי פון די ארימע תלמידי חכמים, ווייל דערמיט קען מען זיך אָנהאלטען צום אייביגען לעבען, מע זאָל קענען אויפשטעהן תחית המתים !

ר' לייבעלע חסיד ז"ל האָט אמאָהל אויסגעבעט די בעט

פאַר א מגיד, פרעגט איהם דער מגיד: רבי! איהר אליין בעט דאָס אוים די בעט פאַר מיר? — גאָר א נייעס! — האָט ר׳ לייבעלע געענטפערט, — איך בעט דאָס אוים פאַר מיר אליין! (ער האָט געמיינט אז דאָס גרייט ער זיך צו א מצוה לעוה״ב).

ר׳ לייבעלע חסיד האָט געהאלטען, אז „למחזיקים" מיינט די יעניגע וואָס האלטען זיך אָן אין דער תורה. איז טאקע ניט מעהר ווי רעכט, אז צו אזוינע גוטע מענשען, קומט זיי דער גרעסטער און בעסטער שכר, דאָס איז דער אייביגער לעבען צו תחה״מ. אָבער די מענשען וואָס שטיצען די תורה און דענקען בעת מעשה, אז זיי זיינען די תומכי תורה, דאָס שמעקט שוין מיט חוצפה, גאוה, און די געלד וואָס זיי גיבען צו אויפהאלטען דעם עקזיסטענץ פון די נויטבאדערפטיגע תלמידי חכמים, דאָס איז א מתנת בשר ודם.

מיר בעטען דעם רבש״ע: ואל תצריכנו לא לידי מתנת בשר ודם — אָבער דאָך קומט אט די תומכים אפילו די בשר ודם׳ס אויך א יישר כח! ווען ניט אָט די חוצפה׳ניקעס וואָלטען מיר ניט געהאט קיין גרויפען אין טאָפּ... (ותומכיה מאושר)! אָבער ליידער, צום בעדויערען, אין די לעצטע עטליכע יאָהר, איז צופיעל חוצפה צוזאמען מיט אונבאגרעניצטער גאוה, ארוים־געוואקסען ארום אונזערע קהל׳שע אינסטיטוציעס, די חברה וואָס האלטען אָן זייערע פּאָזיציעס, ווילען אויף קיין פאל ניט אפלאזען זייערע פּראָפיטירענדע אָנהאלטען, וואָס זיי שלאָגען ארוים פון די אומגליקליכע, אונווימענדע, דערשלאָגענע פון גלות, די פינסטערע מאסען, וואָס ווילען אפילו ניט שטרעבען צו קיין ליכט, און פרייהייט פון וואָרט, די מנהיגים שטרעקען אוים זייערע קלאָהען. זיי טהוען אָפּ, אָט די פיהרער, אזוינע שטוקעס וואָס מען דארף לאכען און וויינען צוזאמען! עס איז דאָך אונ־מעגליך צו באגרייפען, וויאזוי דער אידישער פאלק זאָל זיך לאזען אזוי פארפיהרען! אָדער מען באַנקעטעוועט און מען פרעסט אויף ביידע באַקען, אָדער מען פאַסט א צענדליג פרישע תעניתים,

און אלץ מיט'ן גרויסען גלאָק ! „ניע גאַנבאַי — ניע פאַסטאַי" !

א תודרוס אָדער א דתן ואבירם האָט זיך אָנגעטהאָן א טלית „שכולה תכלת" און דער „צאן קדשים" טאַנצט ווי ציגען און מעקען אזוי ווי בעק, האָטש מען האָט אויסגעקוילעט די בעסטע נביאים פון אונזער פאָלק ! א דריטעל פון אונזער פאָלק'ס־בלוט זידט אזוי ווי אמאָהל ! אונזערע גרויסע און אמת'ע תלמידי חכמים שמאכטען אפילו דאָ אין אמעריקא פאר א שטיקעל ברויט, זיי ווערען פרשעהמט און געטריבען, זיי לעבען דורך די ר"ת פון ק"ק נ"נ, דאָס מיינט : קאַליעקא קאַליעקו ניע נאַווי־דיט. (איין רב דעם צווייטען האָט ניט ליעב).

**ישעיה הנביא** זאָגט : „ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו". „שור" מיינט מען דעם צדיק. (יוסף דער צדיק ווערט אָנגערופען שור). דאָס מיינט דער צדיק ווערט פארקויפט, — „וחמור", דאָס איז ר"ת חכמים מרנן ורבנן „אבום בעליו", פאר־קויפען זיך פאר דער אכילה . . . מען באַנקעטעוועט צופיעל. אונ־טער אזוינע אומשטענדען איז דער גרויסער תלמיד חכם אָפּגע־שטאָרבען פון די קהל'שע טעטיגקייטען.

עס איז אמת טאַקע, אז איהר זייט אלע וואוילע, גוטע אי־דען. מען קען אויף אייך זאגען דעם מאַמר : (פסחים נ') „אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו". דאָס הייסט : איהר לערענט מיט'ן האַנט, ווייל איהר שטיצט דאך אלע די הייליגע תורה אינסטיטו־ציעס, „כן ירבו", אָבער „מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי ? " ! צו דען אז מען גיט מיט'ן האנד געלד, דארף מען אָט דורך דער האַנד טרעטען אויף תלמידי חכמים ? ! שטיצט די תלמידי חכמים מיט רעספּעקט ! טרעט ניט אויף זיי ! איהר זאָלט ניט ארויף געהן אויף די אָרימע רבנים וואָס זיינען ביי זיך נידעריג ווי די ערד, מיט אייערע צינגער, און טרעטען אוף זיי ! עס זאָל ניט זיין „ולשונם תהלך בארץ" (תהלים ע"ג).

'אט דעם הספד נאך א רב וואס לעבט דאך נאך, האב איך געזאגט, ווייל רב האט געזאגט לרב שמואל ברשילת אחים לי בהספדאי דהתם קאימנא. (שבת קנג). ווייזט אוים אז רב האט פאראויסגעזעהן אז מען וועט אמאהל דארפען זאגען א הספד נאך א לעבעדיגען רב, וואס וועט אליין קענען אנוועזענד זיין ביי זיין אייגענעם הספד.

## דרשה ב'.

### הספד לת"ח שנפטר ושמו משה יוסף.

רבותי ! די תורה זאגט : „הואיל משה באר את התורה", פארוואס זאגט די תורה דעם לשון „באר" און ניט דעם לשון „לפרש" ? נאר דער ענטפער איז : אז משה איז געוועזען א קוואל פון תורה, אזוי ווי א קוואל וואסער, וואס מעהר וואסער מען שעפט אפ פון איהם, אלץ מעהרער פרישערע און געשמאַקערע וואסער קומט אן, אט אזוי איז אויך אט דער רב הגאון ר' משה יוסף געוועזען. א „באר מיים חיים של תורה" ! ער איז געוועזען א פאנטעין פון ש"ס ופוסקים, די השגחה עליונה האט זיין נאמען פאר איהם זעהר צוגעפאסט,— אבער פארוואס האט מען איהם גערופען יוסף ? — אט א דער ענטפער איז א טרויעריגער !

די תורה זאגט אז ווען ראובן איז געקומען צום בור און ער האט געזעהן אז „אין יוסף בבור" האט ער געריסען קריעה ! איהר ווייסט פארוואס ? ווייל ווען מען שטארבט און מען לעגט אריין אין גרוב (בור) איז אין יוסף בבור ! קען מען שוין ניט מעהר מוסיף זיין קיין תורה.

דער גרעסטער וועלט-ספדן, ירמיה הנביא, זאגט : „יתומים היינו ואין אב, ואמותינו כאלמנות". איז דאך א קשיה ! פאר-

וואָס זאָגט ירמיה אויפ'ן פאטער א לשון יחיד „ואין אב", און אויף דער מוטער א לשון רבים „ואמותינו כאלמנות" ? דער ענטפער איז, ווייל ווען דער פאטער לעבט, טראָגט ער אליין אויף זיך דעם גאנצען יאָך פון דער פאמיליע, אָבער ווען דער פאטער חו"ש שטארבט, דאן ווערען אין הויז אסאך דעה-זאָגער, גלייך ווי עס וואלטען געווען אסאך מאַמעס ! אָט אזוי, מיינע טייערע פריינדע ! איז יעצט, אז אונזער גרויסער גאון איז נפטר געווארען, האָבען אלע געקריגען קוראזש צו צייגען זייער גייס-טיגע עשירות, און אז עס צייגען זיך ארוים שטערן אין א מיטען-העלען טאג, איז דאָך א סימן אז יוסף איז ניטאָ !

עס איז א מערקווירדיגע זאך, אז אָט דער גאון איז נפטר גע-ווארען צו דעם 66טען יאָהר פון זיין לעבען, בגימ"ט „והנה" (אין יוסף).

אונזער גרויסער גאון פלעגט אלע מאָהל ענערגיש טהאָן אין דער מצוה פון צדקה, ער איז געווען פון יענע גאונים וואָס פלעגען זיך מוסר נפש זיין צו העלפען די אָרימעלייט.

מען דערצעהלט אויף איינעם א גאון, אז א גרויסער גביר האָט ביי דער חתונה פון זיין טאָכטער געמאַכט אן אָרים מאָהל-צייט פאר די אָרימעלייט. ביי א בעזונדערען לאנגען טיש זיינען געזעסען די אָרימעלייט און מען האָט זיי סערווירט א פערטעל טשיקען צו יעדע פיער (4) פערזאָן. אָבער די גבירים האָט מען געגעבען א פערטעל טשיקען צו יעדען איינעם. האָט דער גאון געהייסען אז מען זאָל זיך שטעלען דאווענען מנחה. האָט זיך דער גביר אָנגערופען : סטייטש, רבי ! עס איז דאָך נאָך פריה צו דאווענען מנחה, עס איז דאָך נאָך פאר איינס (1) אזייגער ! —
— איך זעה, האָט דער גאון געענטפערט, אז ביי די גבירים איז א פערטעל צו איינס, אָבער ביי די אָרימעלייט איז א פערטעל צו פיער . . .

אַט אזא גאון איז געווען אַט אַ דער צדיק און תלמיד חכם, וואָס איך בין דאָ מספּיד. — ווען מען איז מספּיד א גרויסען תלמיד חכם, דאן שטעהט די נשמה פון ת"ח אליין און הערט זיך גוט איין צום הספד, אזוי זאָגט די גמרא (שבת קנ"ג). „אחים לי בהספדאי דהתם קאימנא". אַט יעצט זיינען מיר דאָך מספּיד א גרויסען צדיק, איז דאָך דער צדיק געוויס געקומען אהער צו אונז, דארף מען דאָך דעם צדיק מכבד זיין מיט משקה, מען דארף זאָגען „ פ י צ ד י ק" דאָס מיינט בלשון רוסי: טרינק, צדיק! אָבער ווי טרויעריג איז דאָס, אז מיר קענען ניט זאגען צום צדיק „לחיים", ווייל דער צדיק איז דאָך שוין ניט צווישען די לעבעדיגע, וואָס די וועלט רופט דאָס אזוי אָן „לעבעדיגע". אָבער משקה דארף מען אלץ איינס, נאר אן אנדער סאָרט משקה, רבותי! טרערען רבותי! טרערען!



# ואתחנן

## דרשה א

## להחזקת תלמיד חכם

רבותי! פארוואס זאָגט די תורה צוויי מאָהל די זעלבע ווערטער? ומשלם לשנאיו אל פניו, לשנאו אל פניו ישלם לו? פארוואָס זאָגט די תורה „לשנאיו" מיט א לשון רבים, און ענדיגט מיט א לשון יחיד „אל פניו להאבידו? און נאָך מעהר קשיה איז: סטייטש, ווי איז שייך צו זאָגען אז גאָט האָט שונאים? עס איז דאָך ממה נפשך: אויב איינער גלויבט ניט אין גאָט, האָט ער דאָך ניט וואָס פיינט צו האָבען! נאר ווייסט איהר ווער די שונאים פון גאָט זיינען? דאָס זיינען די יעניגע וואָס האָבען פיינט א תלמיד חכם. אָט דאָס מיינט דער פסוק לשונאיו, אל פניו! זיי האָבען פיינט א ת"ח אז זיי קענען איהם אין פנים ניט אָנ־קוקען! להאבידו! זיי וואָלטען דעם ת"ח וועלען אומברענגען, ר"ל! איז אָט די שונאי ציון, וועט גאָט שנעל אומברענגען אין איין רגע.

ראשית גוים עמלק איז ר"ת רגע. ווייל אָט די שונאים האָבען פיינט דעם ראשית, ד"ה דעם אָנפאנג פון עמלק. וואָס דאָס מיינט אין ר"ת: עמרם משה לוי קהת. איז דערפאר: „ואחריתו עדי אבד", וועלען זיי איינגנעמען א מיתה משונה, ווייל דער סוף פון עמרם משה לוי קהת, איז די אותיות מיתה. (לא יאחר, אל פניו ישלם לו, מדה כנגד מדה).

עדי אבד ! דאָס מיינט זיי וועלען ניט אויפשטעהן קיין תחה"מ. איך האָב אמאָהל געפרעגט א שמש, די אורזאכע פאר־וואס ער געהט אוועק פון זיין שטעלע. האָט מיר דער שמש אָנ־געצייגט אויפ'ן פסוק „וחם השמש ונמס", און געזאָגט : אזוי ווי דער גבאי פון שוהל איז א **חם**, און אז וחם, איז — השמש ונמס. געהט נעביך דעם שמש אוים דאס חיות פון הארצוועהטאָג. — האָב איך געצייגט דעם שמש דעם פסוק **שמש בגבעון דום**, ער זאָל הייסען דעם גבאי ער זאָל שווייגען. ווייל „וכל מאמינים שהוא עונָה לחש" טייטשען מיר דאך אזוי, אלע גלויבען אז דער רבש"ע ענטפערט צו די מקטרגים, לחש ! זייט שטיל, זייט שטיל!

אויף דעם פסוק „עם לבן גרתי" זאָגט רש"י „לא נעשיתי **שר** וחשוב". דאס מיינט אז לבן האָט יעקב'ן ניט געלאָזען צו ווערען ניט קיין שמש, ניט קיין רב, ניט קיין חזן, און ניט קיין שוחט. **שר** איז ר"ת **ש**מש, **ר**ב, „חשוב" ר"ת **ח**זן **שו"ב**.

איך אליין האָב דאך דאָס מיטגעמאַכט. די ר"ת פון **אעברה** איז **א**ני **ה**גבר **ר**איתי **ע**ני **ב**שבט **ע**ברתו . . . איך אליין לייד אויך פון די לבן'ס —

דער ווארט „ואתחנן" איז בגימ"ט **ישרה** — בעט איך ביי גאָט, אז ער זאָל מיך פיהרען אויפ'ן גלייכען וועג, (דרך **ישרה** שיבור). כי אחיה ! איך זאָל קענען לעבען. ווייל ביי מיר, איז דער עיקר „ואספר מעשי **יה**.

די גמרא זאָגט : „כל האומר ד"ת ואינן ערבין לשומעיהן כדבש מוטב שלא לאָמרן". איז דאך אַ גוואַלדיגע קשיא סטייטש! און אז איינער קען אסאך לערנען, אָבער ער האָט נעביך ניט אזא גוטע אויסשפראכע, איז דען צוליעב דעם זאָל ער ניט טאָרען לערנען דעם עולם קיין תורה ? עס איז דאך אונמעגליך צו פאר־שטעהן אָט דעם מאמר חז"ל. נאר דער ענטפער איז אָט וואָס : די גמרא וויל, אז ווען א ת"ח זאָגט תורה, זאָל ער אין יעדער

שטיקעל תורה אריין לעגען א שטיקעל מוסר, און חאטש דער ת"ח דארף זעהן צו זאגען געשמאק, כדי מען זאל איהם וועלען הערען, דאך דארף ער ניט חנפה'נען. נאר אזוי ווי די ביהן גיט טאקע האניג, אבער זי גיט דאך א ביס אויך. אט דערפאר זאגט די גמרא **כדבש**.

די גמרא זאגט (גיטין נ"ח) אז ריב"ח האט געזאגט צום תינוק, „מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים" ? האט איהם דער תינוק געענטפערט : „הלא ד' זו חטאנו לו, ולא אבו בדרכיו הלוך". האט ריב"ח געזאגט : איך בין זיכער, אז אט דער תינוק וועט זיין א מורה הוראה. און ער האט איהם אויסגעלעזט פאר אסאך געלד.

איז דאך אייגענטליך א פראגע : וואס פאר א חכמה האט דאס ריב"ח דא דערזעהן אין ר' ישמעאל'ן ? דאס איז דאך א געוועהנליכע זאך, וויבאלד ריב"ח האט אנגעפאנגען דעם פסוק, האט ר' ישמעאל גיענדיגט דעם פסוק.

נאר דער ענטפער געפינט זיך אין די איבריגע עטליכע ווערטער „ולא אבו בדרכיו הלוך". ריב"ח האט געזאגט די ווערטער „מי נתן למשיסה יעקב" מיט א געוויין, און אלס א לשון תפלה צו גאט. האט דער תינוק ר' ישמעאל איהם געענטפערט. רבי ! דו געהסט אויך ניט אין דעם ריכטיגען וועג פון גאט. ווייל דו ביזט דאך א רייכער, איז דיין וועג דארף ניט זיין צו וויינען און זאגען תפלות, נאר דו דארפסט ארויסנעמען פון פאקעט און געבען געלד. די רייכע דארפען ניט אפקומען בלויז מיט'ן דאווענען, דער אומגליק איז וואס „ולא אבו **בדרכיו**" !

אז ריב"ח האט דערזעהן, אז דער תינוק באנוצט זיך מיט א ביהן'ס כלי זין, האט ער געזאגט אז ער איז זיכער אז ער וועט געבען האניג. די ר"ת פון **דבש** איז **ש**ימה **ד**מעתי **ב**נאדך, דאס מיינט אז די ת"ח דארפען ריהרען דעם עולם צו טרערען.

אז זיי זאָלען פיהלען די נויט פון דעם אָרימאַן. די תורה זאָגט: ומלכי צדק ... הוציא לחם ויין.(לך לך) די תורה זאָגט ניט הביא, ווייל די תורה וויל אונז לערנען, אז מלכי צדק האָט ארויסגעצויגען, ד"ה אָפּגעלערענט זיך פון אברהם'ן די מדה פון געבען עסען. אָט דערפאַר האָט יצחק געגעבען די ברכות צו יעקב'ן, חאָטש ער האָט דאָך דערקענט אין זיין קול אז דאָס איז יעקב. ווייל ער האָט געזאָגט אזוי: הקול. קול יעקב! דאָס מיינט, רעדען, רעדט ער דאָך ווי אן אדעלמאַן, אזוי ווי יעקב. און די הענט צו געבען עסען האָט ער דאָך גוטע אזוי ווי עשו'ס הענט, וואָס טויגען צו ארבייטען, טאָ וויבאלד אזוי, איז ער בארעכטיגט צו די ברכות.

אָט די ביידע זאכען צוזאמען, די חכמה פון יעקב'ן צוזאמען מיט עשו'ס הענט, אויב זיי געפינען זיך אין איין מענשען, איז יענער מענש ווערטה א ברכה פון גאָט.

א טרעגער איז אמאָהל געקומען אום יום כפור אין שוהל מיט א שטיק ברויט אין האנד. פרעגט מען איהם: סטייטש! דו עסט יום כפור? — איך מעג עסען, האָט דער טרעגער געענטפערט. ווייל דער רב אליין האָט אויסגערופען אז די וואָס טראָגען מעגען עסען. — זעהט איהר, אז הענט אָהן שכל, טויג ניט.

די תורה דערצעהלט (ויגש) אז יוסף האָט געזאָגט: „אם לא ירד אחיכם הקטן אתכם לא תוספון לראות פני." טייטשט מען אזוי: דער רבש"ע זאָגט: אויב איהר וועט ניט מאכען קיין אחדות מיט די קלענערע פון אייך, זאָלט איהר ניט קומען צו מיר מיט אייערע תפלות, — לא תוסיפון לראות פני!

**במדבר פנו דרך ד'**! קען מען אזוי טייטשען: במדבר, דאָס מיינט א רעדנער. א רעדנער דאַרף ציינען און לערנען דעם עולם דעם ריכטיגען וועג, ווי צו דיענען גאָט. דער ווארט ואתחנן איז בגימ"ט תפלה, אָבער די וואָס האָבען די מעגליכקייט צו

געבען צדקה, קענען מיט תפלה אליין ניט אָפּקומען.

און די רייכע וואָס גיבען ניט קיין צדקה, אויף זיי קען מען זאָגען אז „ולא אבו בדרכיו הלוך", זיי געהען ניט דעם ריכטיגען וועג וואָס די רייכע דארפען געהן.

עס טרעפט פיעל מאָל אַז ווען אַן אָרימאַן בעט ביי אַ רייכען, ער זאָל איהם גיבען צדקה, רופט זיך אָפּ דער יצר הרע צום גביר: גיב איהם ניט אַוועק דיין שווער פערהארעוועט געלט! דו קענסט מיט דעם געלט פערדינען גרעסערע מצוות, לייהען איהם געלט איז דאָך אַ גרעסערע מצוה (סוכה מט); דערווייל פיהרט דער יצר הרע אוים זיין פּלאַן און ער רעדט אָפּ דעם גביר פון דער מצוה וואָס ראַטעוועט איהם פון טויט (צדקה תציל ממות). און אַז עס קומט צו לייהען? פאַנגט אָן דער יצר הרע: לייהע ניט דעם שלע-פער! ער וועט דיר קיינמאָל ניט באַצאָהלען. אויב דו ווילסט טאָהן אַ גמילת חסד? קענסטו דאָך טהאָן מיט איהם טויטערה׳יד: — הלוית המת איז דאָך גמילת חסד של אמת.

## דרשה ב

## אינסטאַליישאָן פון א רבאַי

ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם . . . ואמרו רק עם חכם ונבון." (השמירה היא הלמוד שפתי הכמים).

**רש"י זאָגט** (שמות ל"א) כל אכין ורקין מעוטין (יומא פ"ה „אך חלק". — פרעג איך אייך, רבותי! וואָס איז ממעט דער וואָרט „רק" דאָ אין דעם פסוק „ואמרו רק עם חכם" ?

אז איהר ווילט קען איך דאָס ענטפערען דורך דער מ"ש

אין אבות (פרק ו) „אריב"ל בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, שכל מי שאינו עוסק בתורה נקרא נזוף, שנאמר: נזם זהב באף חזיר, אשה יפה וסרת טעם". רבי יהושע בן לוי זאגט, אז דער מענש וואס לערענט אליין ניט קיין תורה, און ער שטיצט ניט קיין אנדערע וואס לערנען תורה, וועט דער סוף זיינער זיין, אז ער וועט שרייען אוי, אוי! און ער איז אזוי ווי א חזיר, וואס טראגט אויף זיין נאז א גאָלדענעם נאזבאנד. ער איז אזוי ווי א שעהנע פרוי וואס קעהרט זיך אָפּ פון טעם.

איז דאָך א קשיה: פון וואנען נעמט דאָס דער חזיר א גאָל־דענעם נאזבאנד? ווער וועט עם געהן אָנטהאָן א חזיר מיט גאָל־דענע צירונג? פארוואס פארגלייכט איהם דער תנא צו א חזיר, און ניט צו איין אנדער חיה? עס וואָלט זיך דאָך בעסער געפאסט צו פארגלייכען אזא מענשען צו א פערד, וואָס האָט ניט קיין מענשליכען שכל, און דער עיקר קשיה איז, פארוואָס הערען מיר ניט דעם בת קול? וויבאלד אז דער בת קול וויל אונז ווארענען, האָבען מיר דאָך אלע געדארפט הערען די ווארנונג, אום כדי מיר זאלען וויסען ווי שלעכט עס איז, אז מען פארשעמט די תורה, און אויב מיר וואלטען אלע געהערט אָט דעם בת קול? וואלטען טאקע פילייכט ניט געוועזען אזוי פיעל שלעכטע מענ־שען וואס פארשעהמען די תורה.

**דער מדרש זאָגט** (שמיני) אז די מלכות אדום איז גע־גליכען צו א חזיר. משה אמר ואת החזיר כי מפרים פרסה למה נמשלה לחזיר? לומר לך מה חזיר בשעה שהוא רובץ מוציא טלפיו ואומר ראו שאני טהור, כך מלכות אדום מתגאה וחומסת וגוזלת ונראת כאלו מצעת בימה (שמניחין עליה ס"ת). מעשה בשלטון אחד שהיה הורג הגנבים והמנאפים והמכשפים, גחין ואמר לסנקליטין שלשתן עשיתי בלילה אחד (סנקליטין שרים הממונים על ההריגה).

אַט פונקט אזוי ווי א חזיר, ווען ער ליגט שטרעקט ער אויס זיינע קלאָען, אזוי ווי איינער וואָלט וועלען זאגען: איהר זעהט, איך בין א כשר'ער! איך האָב דאָך צושפאָלטענע קלאָען! אַט פונקט אזוי איז דאָך די מלכות אדום, זי מאַכט אנשטעלען אזוי ווי זי וואָלט געווען א הייליגע בימה, וואָס מען לייענט אויף איהר א ספר תורה, זי גרויסט זיך מיט איהרע כשר'ע מעשים, אָבער אין דער אמת'ן רויבט זי און טהוט אָפּ אלע צרות!

עס איז געווען אמאָהל א קיסר, האָט ער אָרגאניזירט א ספעציעלע סקוואד תליונים צו אויס'הרג'ענען אלע גנבים און אונמאָראלישע מענשען. איינמאָהל האָט דער קיסר שטילערהייד אריינגעשושקעט זיינע תליונים, אז ער אליין האָט אָפּגעטהאָן אלע דריי עבירות, פאר וועלכע ער הייסט באשטראָפען מיט'ן טויט ווען אנדערע טהוען עס!

אַט דערפאר איז דער יעניגער מענש וואָס פארשעהמט די תורה געגליכען צו א חזיר, ווייל ער לאָזט איבער די געזעצען פון דער תורה וואָס זיינען אמת'ע און גערעכטע, און זיינען בעסער פון גאָלד (הנחמדים מזהב). און אז מען פרעגט איהם: סטייטש!? וויאזוי לאָזט ער איבער די אמת'ע תורה? זאָגט ער אַזוי: איך בין אַ מענש מיט אַלע מענשען גלייך, איך פיהר מיך לויט די געזעצען פון דער אלגעמיינער מענשהייט. און אויף וואס פאר א שליטעלע איך זיך אַט אזאַ לידעלע זינג איך.

אָבער אין דער אמת'ן איז דאָך ניט אַזוי! די מענשהייט שאפט אַלעמאָהל נייע געזעצען, וואָס קוקען אויס בלויז פון דרויסען ווי גאָלד, אָבער עס איז דאָך ניט מעהר, און ניט ווייני־גער ווי דער חזיר, וואָס שטרעקט אויס זיינע קלאָען, אזוי ווי איינער זאָגט, זעהט, איך בין א כשר'ער! און אזוי ווי דער חזיר וואָס ווען מען זאָל איהם אָנטהאָן גאָלד מיט דימאָנדס, וואָלט ער דאס געשלעפט אין שמוץ (אין א מקום הטנופת) אָט אזוי שלעפּען זיי די גאָלדענע מענשהייט אין ערגסטען שמוץ. עס איז

פון אויבען פארפוצט און פון אונטען פארשמוצט.

נעמט צוםביישפיעל, דעם פראָהיבישאָן געזעץ. אז מען טאָר ניט טרינקען קיין בראנפען. צום סוף האָבען אלע דזשאָ־דזשעס, סענאַטאָרס, פּאָליסלייט, גלחים, און אפילו דער פּרעזי־דענט געטרונקען צייטענווייז ביז שכרות.

איך האָב מיר געהאט אזא פעס-וואָרט אויף צו קריגען בּראנפען, איך פלעג זאָגען : דגים דאָס מיינט אין ר"ת : דאַי גאָרעלקו יעסלי מאָיעש. אָדער איך פלעג זאָגען : פרו, דאָס מיינט אין ר"ת : פערעד ריבי וואדקא — פּאסרעדי ריבי וואדקא — פּאָסליע ריבי וואָדקאָ. — דער געזעץ איז דאָך גע־ווען אן אומגליק פאר דער מענשהייט ! מענשען זיינען געפאלען טויט אין די גאסען פון „מונשיין" בראנפען, זיי זיינען געווארען בלינד פון וואוד אַלקאָהאָל,— דער חזיר האָט זיך ארום געשלעפּט מיט דעם אַנגעראבירטען גאָלד, פון שמוץ און צוריק אין שמוץ, „ממקום הטנופת בא ולמקום הטנופת שב", אומשולדיגע מענשען זיינען דערשאָסען געוואָרען אין די גאסען, צווישען די מלחמות פון די בוטלעגער !

מיינע טייערע צוהערער ! איך וואָלט אייך געקענט אויפ־צייגען נאָך אזוינע צענדליגער געזעצען, וואָס האָבען דורכאוים געבראַכט אומגליקען אויף דער וועלט. (נאר דער פּרעזידענט האָט מיר געגעבען א צייג אָן אויף דעם זייגער — דער זייגער איז א גאָלדענער, אָבער דער ווייזער טויג ניט) . . .

אָט דערפאר איז דער וואָס פארלאָזט די תורה, ווערט ער אָנגערופען „נזם זהב", ער לאָזט איבער די גאָלדענע תורה און ער איז „באף חזיר", ער לערענט זיך פון חזיר, פון עשו'ן.

איהר הערט, מיינע פריינדע ! איך האָב איינמאָהל באגע־גענט א באוואוסטען פריידענקער, לויפענדיג הענדום, פענדום. פרעג איך איהם : פאַרוואָס לויפט איהר אַזוי ? רופט ער זיך אָפּ : איהר האָט דען ניט געהערט ? עס האָט דאָך געדונערט,

און איך שרעק זיך פאר דונערען בליצען ! סטייטש ! פרעג איך איהם, פאהוואס שרעקט איר זיך אזוי פאר דונערען ? — איך האב מורא, האט ער געענטפערט, טאמער גיט מען נאך א תורה! אט אזוינע אידען, וואס האבען מורא פאר דונערען, האבען מיר ליידער אסאך. אבער פאר דער תורה האבען זיי קיין מורא ניט.

ביי אונז אין שוהל האט דער שמש געוואלט אויפרופען איינעם אט אזא אידען, וואס קען קיין ברכה ניט מאכען, צו הגבהת התורה. האט יענער געזאגט צום שמש, אז ער קען ניט אננעמען קיין הגבהת התורה, ווייל ער איז הייזעריג. (ער האט אפילו ניט געוואוסט וואס הגבהת התורה מיינט).

איינמאהל האט א רייכער חתן געבעטען דעם שמש, אז ער זאל כלומרשט מאכען זיך אזוי ווי ער האט פארגעסען, און ניט אויפרופען איהם, ווייל ער קען ניט מאכען די ברכה, און דערפאר וועט ער געבען דעם שמש צוויי דאלאר. דער שמש האט אזא העכט ניט געוואלט אפלאזען פאר אזא קלייניגקייט ווי צוויי דאלאר,און האט איהם גראדע יא אויפגערופען. ווען דער חתן איז ארויף אויף דער בימה, האט ער א זאג געטהאן צו דעם שמש שטילערהייד, וואס האט איהר געטהאן ? איך האב דאך אייך געזאגט אז איך קען קיין ברכה ניט מאכען ! אט אויף די ווערטער פון דעם חתן, האט דער שמש גלייך געענטפערט : אמן. און אנגעפאנגען לייענען די תורה. ווען דער שמש האט נאכדעם געמאכט דעם חתן „מי שברך", האט דער חתן מיט א שטראהל-ענדען פנים געזאגט : צען דאלאר פאר'ן קלוגען שמש !

אט דאס איז די צרה ! עם-הארצות האט זיך ביי אונז פאר-מעהרט, אידען זיינען ר"ל אוועק פון דער תורה, וואס איז בעסער פון גאלד ! זיי האבען איבערגעלאזט די „אשה יפה" (די תורה איז דאך אן „אשת חיל" און מיר זיינען פארבונדען מיט דער תורה. אזוי ווי א חתן מיט א כלה, „א"ת מאורשה אלא מאורסה" (פס' מ"ט) „וסרת טעם", מיר האבען זיך אפגיקעהרט פון טעם, —

אידעלעך לאָזען חו"ש איבער די תורה און לויפען זיך אונטער־חנפה'נען צו די גוים. — אפילו אמאָליגע יאָהרען פלעגט אויך טרעפען אז אידען פלעגען לויפען צו די פוילישע פריצים אין זייערע הויפען.

אָט אָ די אלע זאכען האָט ישעיה הנביא פאראויסגעזעהן, און ער האָט אזוי געזאָגט: (ישעי' מ') „כל הבשר חציר", אלע אידען לויפען אין הויף, — האָט מיך א איד אָפגעשטעלט אין מיטען דער דרשה און געפרעגט: „חצר" א הויף, איז דאָך אָהן א יוד! — דו הערסט, אָט דאָס זאָג איך דאָך טאקע, ווי קומט א איד (יוד) אין הויף?!

אין היינטיגע מאָדערנע צייטען לויפען זיי אויך צו אנדערע גוים, ר"ל. דערמיט וואָס אידען חנפה"נען זיך צו די גוים, ווערען זיי נידעריג אין זייערע אויגען, אָט דאָס איז דער „רק" ממעט,

„ואמרו" די גוים זאָגען, „רק עם חכם ונבון", איהר אידען זייט נאָר א קלוג און פערשטאנדיג פאָלק, ווען איהר האלט זיך אין אייער תורה, וואָס דאָס איז דאָך די גרעסטע חכמה פון געזעץ און גערעכטיגקייט, אָבער אז איהר דערווייטערט זיך פון דער תורה, זייט איהר דאָך גאָרניט מיט גאָרניט! אָהן דער תורה קענט איהר ניט לעבען! ווייל „כל העולם ניזון בשביל חנינא בני", צוליב חנינא'ס תורה שפייזט גאָט די גאנצע וועלט!

**די גמרא** זאָגט: (סנהדרין ל"ח) אמר ריש לקיש זה ספר תולדות אדם מלמד שהראהו הקב"ה דור דור ודורשיו... כיון שהגיע לדורו של רבי עקיבא שמח בתורתו ונתעצב במיתתו".

אייגענטליך איז דאָך א קשיה: פארוואָס האָט אדם הראשון גראדע געוויינט אויף דעם דור פון רבי עקיבא און ער האָט ניט געוויינט אויף דעם טוידט פון די אנדערע עשרה הרוגי מלכות? אזוי ווי רחב"ת וכו'. נאָר דער ענטפער איז פשוט:

רבי עקיבא האָט דאָך געהאלטען מיט דער שיטה, אז אָהן דער תורה קען מען ניט לעבען, (ברכות ס"א) אז דער גאנצער

עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק איז די תורה ,אָט אזוי ווי איך טייטש איין דעם פסוק : „ואמרו רק עם חכם ונבון״, האָט זיך אדם הראשון געפרעהט מיט דעם לאַגישען געדאנק פון רבי עקיבא׳ן. — שמח בתורתו ! — אָבער אז מען האָט רבי עקיבא׳ן צוריסען מיט אייזערנע קאַמען, איז אדם הראשון געווארען טרוי-עריג, ווייל דאָס איז שוין שוועהר צו פארשטעהן ! סטייטש ! פארוואָס האָט די תורה ניט געהאָלפען ! ?

ווען עס טרעפט זיך אמאָהל אז א מענש בלייבט ביי א קשיה וואס ער וויל פארשטעהן און ער קען ניט פארשטעהן, דאַן דרוקט זיין פנים אוים טרויער; אָט דאָס איז דער לשון „נתעצב״. אָט די קשיה פארוואס די רשעים זיינען עובר אויף דער תורה, און אויף אזוינע עברות וואָס מען ווערט ר״ל באשטראָפט מיט א פריהצייטיגען טוידט, לעבען גראדע לאנג ; און די צדיקים שטארבען מיט יסורים ר״ל. אָט די קשיה „מדוע דרך רשעים צלחה״ ? איז דאָך אן אלטע קשיה. נאר דאָך וועל איך פראָבירען געבען אויף אָט דער קשיה א שטיקעל ענטפער :

א רבי האָט געפרעגט זיינעם אן אלטען חסיד : סטייטש ! יאַנקעל ! זאָג מיר פארוואָס ביזטו עפּיס אזוי מיטאמאָהל אָפּ-געקיהלט געווארען, דו האָסט אין זיך ניט די אמאָליגע התלהבות?

רבי ! האָט זיך אָפּגערופען צוריק דער חסיד, — מיין בוכ-האַלטער (בוקקיפּער) האָט מיך אָפּגעקיהלט; איך זעה אלע טאג ווי ער איז עובר עברות, פאר וועלכע עס קומט אָפּגעשני-טענע יאַהרען, און ער איז שוין א זעכציגער, און ער איז שטארק ווי א דעמב !

יאַנקעל ! האָט דער רבי אויסגעשריגען — רוף מיר אריין דיין טאָכטער, איך דארף איהר עפּיס פרעגען. — יאַנקעל האָט אריין גערופען זיין אכצען-יאָריגע טאָכטער. רופט זיך אָן דער רבי צום מיידעל : זאָג נאַר, וואָס לערנסטו זיך יעצט ? — איך

לערן זיך טאַנצען! זאָגט די מיידעל. — נו, זאָגט דער רבי, טאַ טאַנץ יעצט פאַר אונז אַלעמען אין די אויגען. — איך קען יעצט ניט טאַנצען, זאָגט די מיידעל, איך וועל טאַנצען ווען עס וועט זיין די צייט פון טאַנצען, ביי א חתונה, אָדער ביי אַן אַנדער שמחה, דאַן וועל איך טאַנצען.

דו זעהסט! — האָט דער רבי געזאָגט צו דעם חסיד — דער רבש"ע טהוט אויך אַזוי מיט דעם בוכהאַלטער: ער וועט טאַנ־צען ווען זיין צייט וועט קומען, — אַט אַזוי האָבען געטאַנצט מוסאָליני און היטלער, און אַזוי וועלען אַלע רשעים טאַנצען, אַזוי ווי איינער וואָס געהט מיט באָרוויסע פיס אויף הייסע קוילען...

ווי טיעף גאָט'ס משפט איז קען מען זעהן פון דעם, אַז די שבטים וואָס האָבען פאַרקויפט יוסף'ן, זיינען געמשפט געוואָרען שפּעטער, און דאָס זיינען געוועזען די עשרה הרוגי מלכות.

רבי עקיבא בן יוסף האָט געזאָגט, אַז ווען ער איז געווען אַן ע"ה האָט ער פיינט געהאַט א ת"ח, און איהם געוואָלט צובייסען, דאָס איז א רמז, אַז ער האָט זיך באַטייליגט אין מכירת יוסף, ביי זיין ערשטען לעבען. דער וואָרט „יוסף" איז דער סימבאָל פון תורה (תרגום וישב — ברחכים). און ר"ח בן תרדיון, דאָס איז דאָך די ר"ת וואָס שכם בן חמור האָט געזאָגט „רחבת ידים" דער בזיון התורה ווערט ניט פאַרשוויגען.

דערפאַר רבותי! זאָג איך צו אייך: מיר האָבען אויפגע־נומען א רב, א גרויסען ת"ח, אַז ער זאָל מרביץ תורה זיין, מען זאָל ניט זאגען „נזם זהב באף חזיר", נאר מען זאָל זאָגען „עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה", מען דאַרף אָבער קומען אהער אין שוהל, שטיצען די שוהל וואס האלט אוים א תלמיד חכם. און איבערהויפט זיך צוהערען צו דער תורה, וואָס אונזער גרויסער ת"ח לערענט.

ווייל איהר ווייסט פאַרוואס מיר הערען ניט דעם בת-קול

(כרוז) וואָס געהט ארוים אלע טאג פון הר חורב ? ווייל אז מען קעהרט אָפּ די אויערען פון דעם גוף פון דער תורה, און מען וויל ניט הערען קיין תורה, דאן ווערען די גייסטיגע חושים אויך אָפּגיטעמפּט, און די נשמה וואָס געהט ארויף אלע טאג אין הימעל הערט ניט דעם בת קול.

ביי א פדיון הבן פרעגט דער כהן דעם פאטער פון דעם בכור : וואָס ווילסטו בעסער ? דו ווילסט מיר געבען די פינף (5) דאָלאר אויסלייז געלד, אָדער דיין זוהן ?

איז דאָך אייגענטליך א קשיה : וואָס איז דאָס פאר אזא מאָדנע פראגע ? וועלכער טאטע ועט דאָס חו"ש וועלען אוועק געבען זיין זוהן און נאָך צוליב אזא קלייניגקייט ווי פינף דאָלאר! נאר דער ענטפער איז פשוט : דער כהן זאָגט צו דעם טאטען פון בכור : וואָס איז ביי דיר טייערער ? די געלד, אָדער די ער-ציהונג פון דיין זוהן ? וואָס ביזטו מבכר, געלד אָדער תורה ? (אָט דערפאר דארף דער כהן זאגען דעם ווארט „טפי", אויב ניט צוליב דעם, וואָלט דער כהן געקענט זאָגען „מאי בעית לתן".
און דער פאטער ענטפערט : די ערציהונג פון מיין קינד, איז ביי מיר די ערשטע זאך. עס איז ביי מיר טייערער פון געלד ! — טאָ זעהט-זשע, פריינדע ! שטיצט די שוהלען וואו מען האלט אויף תלמידי חכמים.

א איד א משכיל האָט געבראכט זיין פרוי צום רב, און שרייט אז ער וויל זי אָפּ-גט'ן, ווייל זי האָט געמאַכט דעם אויוועו שבת — און די פרוי שרייט : רבי ! ער איז אן אפיקורס, ער רויכערט שבת ! — פרעגט דער רב דעם אידען : אויב דו רויי-כערסט אליין שבת, טא וואס אהרט דיך אז זי מאַכט דעם אויוועו שבת ?

רבי ! רופט זיך אָן דער איד — אז איך וויל רויכערן קען דאָך דאָס קיין אנדערער פאר מיר ניט טהון, אָבער דעם אויוועו האָט דאָך פאר איהר געקענט מאכען א גוי !

איהר זעהט, מיינע פריינדע ! אז דער וואס האט אמאהל געלערענט תורה, איז אפילו אויב ער געהט אראפ פון גלייכען וועג און ווערט א פריידענקער, דאך גליהט אין איהם א פונק פון ווארימקייט פאר שבת, און די מצוות פון דער תורה !

אבער דאך קען מען זאגען אז אט אזא משכיל איז „נזם זהב באף חזיר", ער שטרעקט אוים זיינע קלאען, און זאגט אז ער איז טהור, איבערהויפט אויב ער איז א בעל גאוה.

אויף דער מלכות אדום זאגט דער מדרש „מתגאה". „משה קבל תורה מסיני". דער תנא זאגט „מסיני" מיט א „מם", ווייל משה האט געלערענט אז מען דארף זיין איין ענו, ווי דער קליינער בארג סיני.



# עקב

## דרשה א

### אפיעל פאר ר׳ יצחק אלחנן׳ס ישיבה (שדרשתי).

**די תורה** זאָגט: „עקב **תשמעון**". איז דאָך אייגענטליך א קשיה! דער עיקר איז דאָך דער קיום המצוות, אָבער אז איינער הערט און טהוט פונקט פארקעהרט, איז דאָך נאָך ערגער ! טאָ ווארום זאָגט די תורה **תשמעון** ? נאר דער טייטש פון דעם וואָרט „**עקב**" איז **תורה**, אויף דעם וואָרט „ויעקבני", (תולדות) זאָגט דער תרגום : „וחכמני".

אין פשוט׳ע ווערטער, דער לערנען תורה איז איינע פון די גרעסטע מצוות, הערען תורה אָדער לערנען אליין, דאָס איז אלץ זעהר נויטיג, אום צו באגרייפען די חכמה וועלכע איז אָהן אן ענדע און אָהן א ברעג.

פונקט ווי ביי געלד, איז די נאַטור, אז דער וואס האָט ניט קיין שום געלד, איז ער צופרידען ווען ער האָט בלויז גענוג צום עסען, אָבער גראדע דער וואס האָט יא געלד, וויל ער אלץ מעהר. (מי שיש לו מנה רוצה מאתים — מ״ד קהלת) דער וואָס האָט הונדערט דאָלאר וויל צוויי הונדערט, (און דאָס מיינט ניט אז ער וויל בלויז צוויי הונדערט דאלר, נאר דאָס מיינט אז ער וויל נאָך צוויי הונדערט, ד. ה., צוזאמען דריי הונדערט, ווייל אויב ניט וועט דאָך ניט שטימען דאָס וואָס די חז״ל זאגען „אין אדם מת וחצי תאותו בידו).

איז אָט אזוי ווי ביי געלד, קומט ערשט דער אפעטיט (חשק) צום געלד, ווען מען האָט געלד, אָט אזוי איז ביי חכמה, וואָס מעהר איינער איז געלערענט, און וואָס מעהר חכמה ער האָט,

אליץ מעהר וויל ער נאָך חכמה. אַט דערפאַר באַהעפּט דער נביא ירמיהו (ט), חכמה צו עשירות: „אל יתהלל חכם בחכמתו . . . ואל יתהלל עשיר בעשרו". (רש"י: על הכתוב אוהב כסף לא ישבע כסף; אוהב תורה אינו שובע בה. קהלת ה').

אַט דאָס איז דאָך דער פשט פון די ווערטער (קהלת ז') „אמרתי אחכמה, והיא רחוקה ממני". קהלת זאָגט ניט „ואינני חכם", נאר ער זאגט „רחוקה", דאָס מיינט אז דער וואס האָט פארזוכט דעם טעם פון חכמה, זעהט ער ערשט דאן ווי ווייט ער איז פון דעם ציעל. דער חכם ליידעט גרויסע יסורים, ווייל ער וויל גרייכען וואָס מעהר חכמה, „ויוסיף דעת יוסיף מכאוב". אָבער די מינוט אין וועלכער דער חכם געפינט עפּיס א חכמה, ביי איהם איז יענע מינוט די גליקליכסטע. (שש אָנכי).

אַט דער פאר זאָגט די תורה **והיה**, „והיה" איז א לשון שמחה, אז איהר וועט לערנען תורה, וועט אייך גאָט העלפען צו דערגרייכען אלע חכמות, **עקב תשמעון**! איהר וועט קריגען א גוטען דערהער, און פארשטעהן די חכמה, וואָס רופט זיך „**עקב**".

די תורה זאָגט: „בא אתה וכל ביתך אל התבה". (נח) פארוואס באנוצט זיך ניט די תורה מיט דעם ווארט אניה? נאר כדי צו לערנען אונז אז דער וואס לערענט תורה, דארף אריין געהן אין יעדען ווארט פון דער תורה, מיט אלע רמח אברים און אלע שס"ה גידים.

**תבה** איז דאָך אויך דער טייטש „א וואָרט". א ת"ח דארף באגרייפען דעם ווארט. למשל די תורה זאגט: „ויקרבו ימי ישראל למות". דארף מען דאך פארשטעהן וואָס מיינט עס, די טעג האָבען זיך דערנעהנטערט צום שטארבען? די טעג האָבען דען פיס? נאָר דער טייטש פון „ויקרבו" איז אויך א לשון קרב (מלחמה). דאָס מיינט די טעג האָבען געמאַכט א מלחמה מיט דעם טוידט, זיי האָבען גע־

זאָגט אז יעקב דארף נאָך לעבען. — די געלערנטע לייטע ליגען ניט אויף די געלד, זיי ליגען אויף'ן וואָרט.

א מוטער האָט אמאָהל פארשלאָסען איהר קינד אין הויז, מיט די פאָלגענדע דריי זאכען: אן עפּעל, א בייבעל, און א דאָלאר. זי האָט געמאַכט אזא סימן: אויב דער קינד וועט זיך צוכאפּען צום דאָלאר, איז עס א סימן אז ער וועט זיין אַ באַנקיר. אויב ער וועט זיך שפּילען מיט דער בייבעל, וועט ער זיין א גייסטליכער, — ווען זי האָט אויפגעשלאָסען די הויז, האָט זי איהם געטראָפען, ווי ער זיצט אויף דער בייבעל, דעם דאָלאר האלט ער אין פּאַקעט, און ער עסט דעם עפּעל.

האָט די מוטער אליין ניט געקענט אורטהיילען דערפון, דעם חאראקטער פון דעם קינד, און זי האָט געפרעגט א געלע־רענטען מענשען. האָט דער געלערנטער געזאָגט, אז לויט ווי דער קינד האָט באהאנדעלט די דריי זאכען, וועט ער זיין א פּאָליטישען!

**רבותי!** די אמת'ע געלערענטע האָבען ניט קיין געלד, ווייל זיי שטרעבען ניט צו קיין געלד, זיי שטרעבען צו חכמה, און זיי באלייכטען די גאנצע וועלט מיט זייער וויסענשאפט. זיי צייגען אלעמען דעם ריכטיגען וועג אין לעבען. אָבער די תורה צענטערס —זיי אליין וויסען ניט דעם וועג פון עקזיסטענץ.

די גרויסע ישיבה מיט דעם קאָלעדזש, אויף דעם נאָמען פון דעם גרויסען לייב פון תורה, ר' יצחק אלחנן (אותיות אר"י) איז געקומען צו אייך, איהר זאָלט מיט אייער שטיצע, איהר בעלייכטען און צייגען דעם וועג פון עקזיסטענץ.

איינער האָט פארבלאנדזשעט אין א וואלד. נאָך א היבשע צייט פון וואנדערען אין וואלד, האָט ער ענדליך דערזעהן א סקאָטלענדער, און ער האָט אויסגערופען מיט פרייד: ענדליך בין איך שוין ניט פארלאָרען, אָט האָב איך דאָך דא א מענשען!

ווי גרוים איז דער פרייז וואָס מען צאָהלט פאר אייער קאָפּ? האָט דער סקאָטלענדער געפרעגט. — גאָט באהיט! האָט דער פארבלאָנדזשעטער מאן אויסגעשריגען, עס איז נישטאָ קיין שום פרייז פאר מיין קאָפּ! — נו, טאָ אויב אזוי, זייט איהר נאָך אלץ פארלאָרען! האָט דער סקאָטלענדער געענטפערט, און איז זיך אוועק געגאנגען.

רבותי! זייט ניט ווי יענער סקאָטלענדער! העלפּט אונזערע אָרימע תלמידי חכמים, זיי זאָלען קענען זיך דערשלאָגען צו זייער גאָלדענעם וועג פון דער תורה. — טהוט ניט ווי יענער ישובניק:

א ישוב׳ניק האָט זיך געוואָלט מאכען פאר א למדן, האָט ער זיך אויסגעלערנט די צוויי ווערטער „גם אתם", אָבער דעם מיינונג פון דעם האָט ער ניט געוואוסט. אז ער האָט זיך אוועק געזעצט אין שוהל נאָהענט צום רב, פרעגט איהם דער רב, וואָס הערט זיך עפּיס גוטע נייעס אויפ׳ן דאָרף? רופט זיך אָפּ דער ישוב׳ניק: דער אנטיסעמיטישער גלח איז גשטאָרבען. זאָגט דער רב „כן יאבדו". — גם אתם! ענטפערט אָפּ דער ישוב׳ניק... רבותי! ענטפערט ניט ווי דער ישוב׳ניק, נאר זאָגט קלאָר און דייטליך וויפיעל איהר זייט מנדר פאר דעם ישיבה קאלעדזש?

אויף די פאַרמס פון די כשר׳ע מילך האָב איך געזעהן כשר׳ע פאַרמערס און ניט קיין כשר׳ע. פאַרמערס וואָס גיבען צדקה, דאָס מיינט זיי זיינען מעלה גרה — גרה מיינט געלט (עשרים גרה השקל) און מפרים פרסה — מיינט גיבען עסען אַן אורחה, (מלשון פרום לרעב להמך), אָבער די פאַרמערס וואָס גיבען בלויז עסען, זיינען דאָך נאָר מפרים פרסה.

די בחירה צו לערנען תורה, האָט אונז דער רבש״ע איבערגעגעבען צו דעם מענשען אין זיינע אייגענע הענט. ווילך חרנה, ווען דער מענש געהט אַרוים אויף דער וועלט איז ער פריי צו טאָן

וואָס ער וויל; ווייל חרנה איז מלשון בן חורין. דער מענש איז ווי סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, דאָס הייסט: אַז כאָטש זיין גוף איז דאָ אויף דער ערד, אָבער זיין קאָפּ איז אין הימעל, און ער קען מיט דעם וואָס ער לערענט תורה, מיט דעם כח פון דער תורה, אויסבעטען פון דעם רבש״ע פאַר אַלע מענשען וואָס שטיצען די תורה אַלעם גוטעס.

אַז מען זאָגט ניט שבת אָדער ניט יום־טוב, — איז דאָך אַ קשיא: סטייטש? שבת און יום־טוב טאָר מען דאָך קיין געלט ניט גיבען? נאָר ניט שבת מיינט: ניט אַ נדר, זייט מנדר אויף דעם ישיבה קאַלעדזש. שלמה המלך זאָגט: יקרה היא מפנינים (משלי ג), איז דאָך קשיא, — וואָס פאַר אַ פערגלייך איז די תורה מיט פערל? תורה איז דאָך אַ גייסטיגע זאַך (רוחניות) און פערל איז דאָך בלויז אַ גשמיות׳דיגער אַרטיקעל? נאָר לאָמיר בעטראַכטען, איינענטליך מיט וואָס רעכענען מיר זיך פאַר אַ נאציאָן? אַז קיין לאַנד האָבען מיר ניט; מען טרייבט דאָך אונז אַרום פון איין עק וועלט צום צווייטען שוין הונדערטער יאָהרען. — איהר ווייסט וואָס האַלט אונז אויף אַלס אַ נאציאָן? דאָס איז די תורה! אַלע אידען איבער די גאַנצע וועלט, כאָטש מיר זיינען צואוואַרפען און צושפרייט איבער אַלע 7 ימ׳ען אָבער די תורה האַלט אונז אויף, אַז מיר זאָלען זיך האַלטען צוזאַמען אַלס די קינדער פון ישראל. טאָ אויב אַז די תורה פאַראייניגט אונז אַלס אַ פאָלק — דאַרף מען דאָך טייער האַלטען די תורה און לערנען זי! און אַז איינער קען אַליין ניט לערנען? דאַרף ער כאָטש מיט־העלפען אַז אַנדערע זאָלען לערנען. אָט דאָס מיינט יקרה היא! דער וואָס קויפט זיין תורה פאַר זיין געלט און בעצאָהלט מיט ווערטהפולע זאַכען פאַר איהר, איז דאָס אויך גוט און טייער. ( אין די אַמאָליגע צייטען איז ניט געווען קיין געלד, אַז מען פלעגט דאַרפען עפּעס קויפען— פלעגט מען בעצאָהלען מיט ווערטהפולע זאַכען אַזוי ווי פערל אָדער דיימאָנדס. און אַז מען האָט געדאַרפט גיבען געלט אויף ישיבות פלעגט מען גיבען פערל.)

היינטיגע צייטען זיינען ניט ווי אמאל, היינט זיינען דא פארשידענע מעיקערס, שוה מעיקערס, קעפ מעיקערס, נאר ניט קיין מוקיר רבנן. רבותי! זייט מוקיר דעם ישיבה קאלעדזש! ווייל דער ישיבה קאלעדזש איז א מעיקר פון רבנים און גוטע, שטאלצע אידען.

## דרשה ב

### איין אפיעל פאר דעם היא״ס (שדרשתי)

והיה **עקב** תשמעון, רש״י: המצות קלות שאדם דש בעקביו.

רש״י זאגט אז דערווארט „עקב״ מיינט, אז מען זאל טהאן די מצות וועלכע רופען זיך „עקב״. דאס איז די מצות וועלכע מען טרעט מיט די פיס. דארף מען דאך קענען פארשטעהן וועל-כע מצות טרעט מען דא מיט די פיס? וואס מיינט עס „מען טרעט מצות מיט די פיס״?

יא, מיינע פריינדע! עס איז דא אזא מצוה, וואס מען קען אנדערש ניט טהאן אט די מצוה, סיידען מען טרעט מיט די פיס. דאס איז די מצוה פון הכנסת אורחים. די אורחים וואנדערען דאך, און טרעטען מיט די פיס, פון שטאדט צו שטאדט, פון איין לאנד צו דער אנדער לאנד. גאט האט אויך געזאגט צו אברהם׳ן „עקב״. (עקב אשר שמעת בקולי). ווייל אברהם האט מקיים געוועו די מצוה וואס רופט זיך „עקב״, מיט זיינע אייגענע פיס, ער איז דאך געלאפען קראנקערהייד אנטקעגען די אורחים.

ווען א מענש וואנדערט, קען ער חו״ש אראפ פון גלייכען וועג, און פארבלאנדזשען צווישען די מערדערליכע חיות. (ניט נאר צווישען חיות אין וואלד, נאר חו״ש צווישען א שלעכטער געזעלשאפט, און ווערען גייסטיג רואינירט). אט דערפאר דארף

מען געהן דעם וואנדערער אנטקעגען, בעלייכטען איהם דעם וועג אקוראט ווי א"א האָט געטהאָן.

אָט דאָס, מיינע פריינדע, איז די ארבייט פון דעם **היאס** ! דער „היאס" איז דער לאָמפּ, וואָס באלייכט דעם וואנדערער, דעם געטריבענעם אלטען ישראל'ן. דעם ישראל'ן מיט דער אומ־געצופּטער באָרד, פון דעם שונא'ס הענט (ימ"ש). מען דאַרף אָט דעם ישראל'ן צייגען א וועג, וואו ער זאָל חאָטש ניט אריינ־פאַלען נאָך אַמאָהל צווישען די נאַצישע חיות (ימ"ש). (זאָלען טאקע אָט די נאַצים אליין ווערען ווי א לאמפּ, מען זאָל זיי אָנ־צינדען אין אָבענד, און אינדערפריה זאָלען זיי אויסגעהן).

**א רב** האָט אמאָהל דערצעהלט, אז זייענדיג אין וועג, איז ער אריינגעפאָהרען צו א ישוב'ניק איבערנעכטיגען. דער ישוב'־ניק האָט עטליכע מאָהל געזאָגט, „נו, יעצט וועל איך שוין האָבען א צדיק ! יעצט וועל איך שוין קענען מתפלל זיין ! נו, א צדיק ! איי, א צדיק ! — אָבער קיין עסען האָט ער דעם רב ניט געגעבען. דער רב האָט זיך זעהר געוואונדערט. אינמיטען דער נאַכט, האָט דער רב דערזעהן ווי דער ישוב'ניק שארפט א גרויסען מעסער. עפּיס איז דאָס דעם רב ניט געפעלען געוואָרען. רופט ער זיך אָפּ צום ישוב'ניק : צו וואס שארפט איהר דאָס עפּיס יעצט אין מיטען דער נאַכט א מעסער ? — ענטפערט איהם דער ישוב'ניק : אזוי ווי עס איז א גרויסע מצוה צו מתפלל זיין (אין איין עת צרה) אויף די קברים פון צדיקים, אָבער דאָ ביי אונז אין דאָרף האָבען מיר נאָך ביז יעצט קיין אמת'דיגען צדיק ניט געהאט; אָט דער־פאר וועל איך אייך הרג'נען כדי צו האָבען א קבר פון א צדיק, וואו צו מתפלל זיין.

**רבותי** ! איהר טראכט דאָך ביי זיך : סטייטש ! ווי קען דאָס גאָר טרעפען אזא זאך ? אפילו אמאָהל אין די ווילדע צייטען מיט אזוינע ווילדע אומוויסענדע ישוב'ניק'עס ? ! עט! זאָגט איהר, עס איז איין אויסגעטראכטע פאנטאסטישע מעשה ! —

זאג איך אייך, מיינע פריינדע ! אז מיר האבען היינט אויך, דא אין אמעריקא, אזוינע ישוב׳ניקעס ! טרעפט דען ניט ביי אונז, אז ווען א רב לעבט, וויל מען איהם ניט ארויסהעלפען, ער זאל האבען פון וואנען צו לעבען, און ער זאל קענען פארשפרייטען גאט׳ס תורה געזונטערהייד. נאר אז ער שטארבט,, ווערט א טומעל, מע מאכט הספדים, מען קלאפט מיט דער פושקע, צרקה! אז מען גיט ניט דעם צדיק אויף צום לעבען, איז דאך אויך גלייך ווי מען הרג׳עט איהם ! דארף מען דען יענעם טאקע אליין שעכ־טען מיט א מעסער ? אז מען העלפט איהם ניט מיט, איז דאך גלייך ווי גע׳הרג׳עט.

איך פלעג זיך אלעמאל וואונדערען פארוואס אז א רב שטארבט איז דא א גרויסע לויה? נאר דער ענטפער איז: די יעניגע מענשען וואס ווילען מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים, און קיין געלט זאל ניט קאסטען, אט די אלע ווארטען אויף דער לויה פון א רב מיט׳ן גמילות חסד.

געדענקט איהר די שיפען מיט די רעפיודזשים (פליכטלינגע) וואס מען האט ניט געוואלט אריין לאזען אין ארץ ישראל? און ווען די שיפען האבען זיך אומגעקעהרט, האט מען זיי געזונקען. דאס איז דאך גלייך ווי אליין גע׳הרג׳עט ! (אט די וואס האבען ניט אריינגעלאזען די שיפען, זיינען די רוצחים ! )

**די תורה** זאגט דאך, אז די זקנים האבען געדארפט זאגען „אונזערע הענט האבען ניט פארגאסען די בלוט”, ווען מען האט געפונען א גע׳הרג׳טען. (ידינו לא שפכו את הדם—שופטים). נו, און ווער וואלט דען דענקען אז די זקנים האבען חו״ש גע׳־הרג׳עט א מענשען ? זיינען זיי דען די רוצחים, אט די זקנים ?

נאר אין די ווערטער „ידינו לא שפכו את הדם” איז אויס־געדריקט פאלגענדעס: ווען מיר זעהען איהם און ווייסען פון איהם וואלטען מיר איהם געהאלפען.

אלזאָ, מיינע פריינדע ! איהר ווייסט אלע אין וואס פאר א צרות אונזער פאָלק ישראל געפינט זיך, אין זיין וואנדערען אין דער פינסטערער גלות-נאַכט. דער היאס איז דער גרויסער לייכט טורעם וואָס באלייכט זייער וועג ! עפענט אייער מויל און זאָגט אז איהר ווילט העלפען מיט געלד אָט די אומגליקליכע וואנדערער ! רייסט אויף אייער פערהארטקייט, (קרעו לבבכם ואל בגדיכם). וועט איהר דערפאר לאנג לעבען ! איהר וועט ניט דארפען רייסען חו"ש קיין קליידער.

A head covered with grey hair, due to old age, is a crown of glory; it can be found in the way of righteousness and charity. „עטרת תפארת שיבה בדרך צדקה תמצא".

אין די אמאָליגע נאָרמאלע צייטען, ווען אידען האָבען געהאַט אַן אייגען לאנד, איז געווען גענוג דער לשון „פתח תפתח את ידך", צו עפנען די האנט און געבען צדקה. היינט אָבער ווען די וועלט ברענט מיט א העלישען פייער, און א שווארצען רויך פון די פאַשיסטען ימ"ש, דאַרף מען רייסען די הערצער! דאָס הייסט יעדע מענשליכע הארץ דאַרף מיטפיהלען דעם אומגליק פון אונזערע ברידער וואָס זיינען אויף די וועגען פון נע ונד.

אַן אָרימאן האָט זיך אמאָל געוואונדערט און געפרעגט: סטייטש, בראנפען ווערט דאָך געמאַכט פון קאָרן, טאָ פאַר-וואָס עס איך אָלע טאָג ברויט און ווער ניט שכור? — שוטה! האָט איהם אַן אַנדער אָרימאַן געענטפערט, דאָס איז ווייל דו עסט ניט גענוג. קוק מיך אָן, אַז איך עס זיך אָן מיט גענוג ברויט, ווער איך טאקע ניט שכור — אָבער פרעהליכער ווער איך דאָך. רבותי ! גיט די אָרימעלייט ברויט, זאָלען זיי זיין פרעהליך.

עס האָט אמאָהל פאסירט אז א מאן מיט א פרוי האָבען פאַרשלאָסען זייערע קליינע קינדער אין הויז — און ווען זיי זיינען צוריק געקומען, האָבען זיי געטראָפען די הויז ברענען!

דער מאַן האָט גענומען זוכען די שליסעלע די טיהר צו עפענען, און פון צרות קען ער עס ניט געפינען. — שרייט איינער אויס צו איהם: שוטה! וואָס זוכסטו יעצט א שליסעלע? נעם ברעך אויף די טהיר שנעל, און ראטעווע דיינע קינדער! — אָט אזוי זאָג איך צו אייך: ראַטעוועט שנעל! זוכט ניט קיין שליסלען מיט קיין תירוצים!

איך האָב אמאָהל איינגע'טענה'ט מיט א אידען, א בעל-עברה-ניק, אז ער זאָל תשובה טהאָן, ווייל ווען מען טהוט תשובה מאהבה, ווערט פון די פריערדיגע עברות מצוות. — האָט מיר דער בעל-עברה'ניק געזאָגט: טאָ אויב אזוי, וועל איך נאָך זינ-דיגען א פּאָר יאָהר, וועל איך קענען איבערמאכען מעהר מצוות. ער האָט אָבער פארגעסען אז דאָס לעבען פון א מענשען לויפט דורך ווי א חלום ... און ער איז אין א קורצע צייט, שפּעטער געשטאָרבען.

מען האָט מיך געבעטען איך זאָל נאָך יענעם זאָגען א הספד, האָב איך אזוי געזאָגט: ווען מיר זעהען ווי א בלום וואָס גיט ארויס פון זיך א גוטען אַראָמאַט, ווערט אויסגעריסען און צוטרעָ-טען פון א מענשליכע האַנט, דאן בלוטיגט אונזער הארץ, עס פארדריסט אונז! אָבער ווען דער אלמעכטיגער גערעכטער גאָט טהוט עס, טאָ וואָס קענען מיר דאָ זאָגען? מיר טאָרען דאָך ניט פראָטעסטירען געגען גאָט, מיר טאָרען צופיעל ניט וויינען, ווייל וויינען מיינט פראָטעסטירען. — דער עולם האָט ניט געוויינט.

ביי גוטע מענשען איז אָבער פארקעהרט, ווען זיי ווערען געבוירען וויינען זיי, און די וועלט פרעהט זיך, אָבער דערפאַר איז ווען זיי שטאַרבען, וויינט די גאנצע וועלט.

אויף דעם טויט פון א צדיק, איז א מצוה צו וויינען. אברהם אבינו האָט דאָך אויך געוויינט ווען שרה איז געשטאָרבען. די תורה שרייבט **ולבכתה** מיט א קליינעם כף, ווייל אברהם האָט ניט געוויינט אויף דעם וואס ער האָט פארלאָרען אין שרה'ן א

שעהנע פרוי, נאר וואס ער האָט אין שרה׳ן פארלאָרען זעהר א גרויסע צדקת (בת ק׳ כבת כ׳ לחטא—רש״י). אָט אויף דעם כף האָט ער געוויינט. מיט דעם וואָס אברהם האָט ניט געוויינט פיעל, האָט ער ערקלערט צו דער וועלט אז עס איז דא תחית המתים.

איך האלט אין אלגעמיין ניט פון וויינען. בעסער גיט ד׳מעות אויף צדקה און ניט דמעות (טרערען). לעגט ניט אָפּ די צדקה, אזוי ווי יענער בעל-עברה׳ניק האָט אָפּגעלעגט די תשובה.

תשובה ר״ת:

**ת**מים תהיה עם ד׳ אלקיך -**ש**ויתי ד׳ לנגדי תמיד (תהלים י״ז)
**ו**אהבת לרעך כמוך — **ב**כל דרכך דעהו — **ה**צנע לכת עם ד׳.

אָבער דער **ו** איז דער מיטעל-פונקט פון דעם ווארט: „תשובה״. דאָס איז דער **ו**אהבת לרעך כמוך. — טאָ זייט מנדר אויף דעם היא״ם — דאָס איז דער מיטעל-פונקט. בעסער טאנצט א „וואלעך״ און וויינט ניט. ו״ל״כ איז די ראשי-תיבות **ו**אהבת **ל**רעך **כ**מוך.



# ראה

## דרשה א — לחנוך הנדר

ראה אנכי נותן לפניכם **היום**:

דארף מען פארשטעהן פארוואס די תורה זאָגט דאָ דעם לשון **היום**? פארוואס עפּיס גראדע **היינטיגען טאג**?

מען קען זאָגען אז מיט דעם איינציגעןווארט **היום** וויל אונז דאָ די תורה דערצעהלען פון דעם מענשליכען האראקטער. דער מענש זאָרגט אלעמאָהל פאר דער שפּעטערדיגער צייט, ער וויל זיך פארזאָרגען מיט געלד אויף די עלטערע יאָהרען, האָטש א מענש קען דאָך ניט וויסען אויב ער וועט דערלעבען צו זיין אלט.

עס איז געווען א מאן וואָס האָט געוואָלט ווערען פּרעזידענט, צום סוף איז ער גאָר געשטאָרבען אין אזא יונגען עלטער ווי צוויי-און-פופציג יאָהר. (טרעפט דעם נאָמען).

**די גמרא** זאָגט (יבמות ס"ג) אל תצר צרת מחר... שמא מחר בא ואיננו, נמצא מצטער על העולם שאין שלו. — אָט דערפאר זאָגט די תורה ראה **היום**! זאָרג ניט פאר דעם מאָרגען, — דארף מען דאָך אויך פארשטעהן וואָס מיינט די תורה מיט דעם לשון **ראה**? וואָס מיינט עס: זעה דעם **היינט**? דער ענטפער איז, אז אין גייסטיגע זאכען, למשל תורה אָדער צדקה, אָט

אין די זאכען דארף מען שוין גראדע יא זארגען פאר דער שפע־טערדיגער צייט.

די גמרא זאָגט „מי שטרח בע"ש יאכל בשבת" (ע"ז ג').
דער וואס גרייט זיך אָן מיט גוטע מעשים אויף דער וועלט, האָט יענע וועלט. די וועלט איז געגליכען צו ערב שבת, מען דארף אָנגרייטען ערב שבת אויב מען וויל האָבען וואָס צו עסען שבת.
(די וועלט איז אויך געגליכען צו פסח — אין ענגליש רופט מען אָן פסח „פעסאָווער". וואָס מיינט: אריבערגעהן. אָט אזוי איז די וועלט, זי געהט שנעל דורך — Pass-over

די וועלט איז געגליכען צו א פאָרהויז, און יענע אייביגע וועלט צו א פּאַלאַץ. בלויז נאַרישע מענשען מאַכען די פאָרהויז שעהנער ווי דעם פּאַלאַץ. דורך'ן בית עולם געהט אריין די נשמה אין דער אייביגער וועלט וואס ווערט אָנגערופען אין די הייליגע ספרים „טרקלין", ד. ה. א פּאַלאַץ. אָט טאקע דערפאר דארף מען באפוצען דעם בית עולם מיט א שעהנעם גדר, מיט שעהנע ווערטער אויסגעקריצט אויף דעם גדר, ווייל מיט דעם גדר, צייגען מיר דער וועלט, אז מיר גלויבען אין א יענע וועלט, אין א גן עדן . . .

איך בין אמאָהל געוועזען אויף א לויה פון זעהר א רייכען מאַן, ער איז געוועזען ביי זיין לעבען אן אַטעאיסט. דער טויטער איז געליגען אויסגעפוצט אין זעהר א שעהנעם סוט, האָב איך גענעבען זעהר א שטאַרקען זיפץ. פרעגט מיך דער אַנדערטייקער — רבי ! וואָס זיפצט איהר אזוי ? האָב איך איהם געענטפערט : דער רייכער איז אויסגעפוצט ווי א קעניג, ער האָט אָבער נעביך ניט וואו צו געהן, איהם איז יעצט ערגער פון דעם ערגסטען אָרימאַן. (ווייל ער האָט דאָך ניט געגלויבט אז די נשמה געהט אין גן עדן).

אַ בעל עגלה האָט אמאָל, פאָהרענדיג פערבײ פעלדער, אײנ־געדרימעלט; ער האָט געוואוסט אַז דער פערד ווייסט שוין אליין דעם וועג, אָבער די גוטע גראָז האָט זעהר פארשמעקט דעם פערד. דער פערד האָט זיך אַ לאָז געטאָהן צו דעם בארג אָפּגעשניטענע גראָז מיט גרוים אימפעט, איבערגעקערט דעם וואָגען און צובראָכען דעם בעל עגלה די ביינער. רבותי ! פארלאָזט זיך נים אויף קיינעם פון אייערע מנהיגים און שכנים, האָט אליין אָפענע אויגען. ראה !

אָט דערפאר זאָגט די תורה **ראה** ! דאָס איז אַ לשון הבנה, (פארשטעהן), דאָס מיינט אזוי : פארשטעה ! אין וועלכע זאכען מען דארף יא זאָרגען פאר דעם מאָרגען, און אין וועלכע זאכען מען דארף גאָרנים זאָרגען — **ראה היום** ! פארשטעה דעם **היום** !

אונזערע הייליגע חכמים ז״ל האָבען שטארק געהאלטען פון אַ **גדר**, זיי האָבען ארום געצאָמט ארום די מצוות פון דער תורה מיט גדרים. די חז״ל זאָגען : דערווייטער זיך פון אַ שלעכטען שכן. (הרחק משכן רע — פ״ק א׳) — דאָס איז איינער פון די גייסטיגע גדרים וואָס די חז״ל האָבען ארום געצאמט ארום די מצוות און דער תורה, ווייל פון אַ שלעכטען שכן קען מען זיך חו״ש אָפלערנען שלעכטע מדות. אַ פוילער עפעל קען קאליע מאכען די איבריגע גוטע עפעל וואָס ליגען אין שכנות מיט איהם.

הביטו אל אברהם אביכם ! (ישעיה מ״ה) דער נביא ישעיה זאָגט : גיט אַ קוק און לערענט זיך פון אייער פאָטער אברהם׳ן, אַז אפילו נאָכ׳ן טוידט האָט ער ניט געוואָלט זיך אויסמישען מיט שלעכטע שכנים, אין דער ערד אפילו האָט ער געוואָלט זיין מיט גוטע שכנים, מיט אדם און חוה׳ן (אַ טויטער קען דאָך שוין ניט אוועק געהן פון די שכנים).

דער מדרש זאָגט, אַז דערפאר וואָס עפרון האָט גענומען ביי

אברהם'ן פיער הונדערט דאָלאר, האָט איהם די תורה אראָפּגע-
נומען דעם וואָו, און זי שרייבט עפרן (אָהן א ו). פאַרוואָס עפּיס
גראָדע א „ו" ? ווייל „ו" איז דאָך גימט' זעקס, און וויבאַלד אַז
עפרן האָט דאָך פאַרקויפט די מערת המכפלה, קען ער דאָך שוין
ניט זאָגען אז די זעקס (6) גרעסטע מענשען פון דער וועלט ליגען
ביי איהם אויף זיין לאַנד.

עס איז דאָ אזוינע מענשען וואָס געלד איז ביי זיי טייערער
פון אלעס, דאָס זיינען מענשען מיט עפרן'ס נשמה, אָבער מיר,
די קינדער פון אברהם'ן ווייסען אז ביי אזא געלעגענהייט ווי
סעמעטערי, טאָר מען ניט אַכטען אויף קיין געלד, ווייל מיר
ווייסען דאָך גאַנץ גוט, אז א מענש שטאַרבט מיט אָפּענע הענט,
אזוי ווי דער טויטער וואָלט וועלען זאָגען, איהר זעהט, פריינדע !
איך האָב אָפענע הענט, ליידיגע. איך נעם מיט זיך קיין זאַך ניט
מיט, נעמט אלעס אָן, און זייט ניט קיין קאַרגע מענשען ! אָט
דאָס איז דער פשט פון די ווערטער „ולא תקפוץ את ידך" —
פאַרמאַך ניט דיין האַנד !

אויב דו ווערסט צומאַכען דיין האַנד, איז — פתוח תפתח את
ידך ! וועט מען דיר עפנען דיין האַנד מיט גוואַלד, ווייל געגען
טוידט זיינען ניטאָ קיין שטאַרקע.

עס טרעפט אמאָהל אז איינער קען זיך אַרויסדרעהען פון
טוידט מיט גרויס חכמה. א גענגסטער וואָס האָט געדאַרפט קרי-
גען די עלעקטריק טשעיר, האָט אַפּעלירט צום גאָווערנאָר, אז
מען זאָל אָפּלעגען זיין הינריכטונג ביז היטלער וועט געטויטעט
ווערען, ווייל ער וויל האָטש דערלעבען אָט דעם פערגעניגען אין
זיין קורצען אומגליקליכען לעבען. איז דער גאָווערנאָר געריהרט
געוואָרען פון זיינע האַרציגע ווערטער, און ער האָט איהם באַ-
וויליגט דעם אַפּיעל.

אָבער ווען היטלער איז שוין געווען טויט, האָט ער נאָך
אמאָהל אַפּעלירט, מיט די ווערטער : טייערער גאָווערנאָר! יעצט

אז היטלער איז שוין טויט, איז דאָך אזוי גוט צו לעבען ! טאָ ערלויבט מיר האָטש יעצט צו געניסען פון'ם לעבען ! — דער גאָווערנאָר האָט איהם בעוויליגט זיין בקשה.

דאָס זעלבע זאָג איך יעצט צו אייך, מיינע טייערע פריינדע! מיט חכמה קענען מיר זיך ראטעווען פון טויט ! אָבער די גרעסטע חכמה איז קלוג צו מאַכען די אָרימעלייט. — „אשרי משכיל אל דל, ביום רעה ימלטהו ד'. ד' ישמרהו ויחיהו". (תהלים מ"א). מאַכט יעדען אָרימאן פאַר אַ רב. „רב" אין ר"ת איז ראזאמני בערע.

אמאָהל האָב איך ניט מדקדק געווען מיט וועלכע מענשען צו באפריינדען זיך. איך האָב געטייטשט אזוי דעם מאמר : — הרחק משכן ! דערוויטער פון דיין שכן, „רע", דאָס שלעכטס. ד. ה., לערען איהם אז ער זאָל טהאָן גוטס. און איך האָב געלאָזען מיין רבצין צו פארהאלטען זיך פריינדליך מיט אזוינע שכנים. אָבער יעצט זעה איך אז איך האָב ניט פארשטאנען דעם אמת'ן פשט פון די רייד פון די חז"ל. (איך האָב אזוי געטייטשט, ווייל דער תנא זאָגט ניט „התרחק", נאר „הרחק".

זעהט, מיינע פריינדע! דערווייטערט זיך פון אזוינע שכנים וואָס זיינען געגליכען צו שטערען, ווייל זיי שטערען דעם רוה פון דער וועלט ! מאַכט א גדר ! אזוי ווי יעקב אבינו האָט ארומ־געצאַמט מיט שטיינער זיין קאָפּ. דעם קאָפּ דארף מען היטען, און גוט אריין נעמען אין קאָפּ אז מען דארף זיך אָפּטהיילען פון שלעכטע מענשען. די ווערטער : „וישם מראשותיו" (ויצא), מיינט, אז יעקב האָט פשוט אריינגענומען אין זיין קאָפּ אריין אז מען דארף זיין אויף דער וואַך.

## דרשה ב — להזכרת נשמות ולהספד

די תורה זאָגט אונז אָן, אז: „שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך", דריי מאָהל אין יאָהר זאָלען אלע זכרים זיך צייגען פאַר גאָט. מיר זיינען היינט מקיים נאָך מעהר ווי דער פסוק זאָגט, אפילו די פרויען זיינען אויך דאָ אין שוהל, אין דעם בית־המקדש מעט, — ווייזט אוים, אז די וועלט טייטשט ניט „זכורך" דיינע זכרים, נאָר זיי טייטשען „זכורך" גאָר אלס לשון „יזכור". דריי מאָהל אין יאָהר זיינען אלע שוהלען אָנגעפּאַקט פול מיט אידען וואָס קומען מזכיר נשמות זיין. דעם יזכור פון יום כפור רעכען איך ניט, ווייל יו"כ קומט מען דאָך ניט צוליעב יזכור,— יו"כ איז מען אלץ איינס א גאנצען טאָג אין שוהל.

עס איז איינע פון די שעהנסטע טראַדיציעס צו דערמאָנען אונזערע טייערסטע און ליעבסטע, וואס זיינען אוועקגעריסען געוואָרען פון אונז מיט גוואלד, צוזאמען מיט א שטיק פון אונזער האַרץ. דער טוידט איז ווי א שטורם ווינט, וואָס רייסט אוים בוימער, דער מענש איז דאָך אַזוי ווי אַ בוים, — „כי האדם עץ השדה", דער טוידט רייסט אוים די שעהנסטע בלומען! צייטענ־ווייז קען מען פערגלייכען דעם טוידט צו א גנב, וואָס קריכט אריין דורך אַ פענסטער און גנב'עט ארוים אונזערע בעסטע און ווערטהפולסטע זאכען.

ווען מיר זעהן ווי אזוי עס שטארבען יונגע מענשען פלוצ־לינג, ר"ל! פרעגען מיר: סטייטש! פארוואָס קומט דאָס זיי? עס טרעפט נאָך זעהר אָפט, אז זיי זיינען גראדע געווען אזוינע גוטע מענשען! אָט דאָס זאָגט די תורה: ויצא יעקב — יעקב איז אוועק פון דער וועלט, וועלכע איז א באר שבע (א לעבען פון זעטיגקייט) **חרנה**, דאָס איז א לשון כעס (חרן) עס האָט אוים־געבראָכען א ברען, א פייער, פון דער השגחה! „ויפגע במקום"

זאָגט רש"י : „ללמדך שקפצה לו הארץ". ד.ה., די ערד איז אונטער געשפרונגען אונטער אָט די טייערע צדיקים און האָט זיי אריינגעכאַפּט אין זיך, נאָך פאר דער צייט, יונגערהייט ר"ל.

צוויי ישובניקעס האָבען זיך געקריגט איבער א שטיקעל ערד, זיינען זיי געקומען צום רבי'ן. זאָגט דער רבי : איך וועל זיך אוועקלעגען אויף דער ערד און פרעגען ביי דער ערד צו וועמען זי באַלאַנגט. ווען דער רבי האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, פרעגען די ישובניקעס : רבי ! נו וואָס האָט די ערד געזאָגט ? — זאָגט דער רבי : די ערד האָט געזאָגט אז זי באלאנגט ניט צו דיר, און ניט צו דיר. נאר פארקעהרט, איהר ביידע באַלאנגט צו דער ערד ! ד.ה., עס איז קיין צווייפעל ניטא, אז דער מענש איז גענומען געוואָרען פון דער ערד, און די ערד ווארט אויף איהם פון דעם ערשטען טאג וואָס ער ווערט געבוירען, ער זאָל זיך אומקעהרען צוריק צו איהר. „אדם יסודו מעפר, וסופו לעפר" (כי ממנה לקחת . . . ואל עפר תשוב — בראשית)

אָבער ווען א יונגער מענש שטארבט ר"ל, דאָס מיינט פשוט אַז די ערד האָט ממש געשפרונגען אונטער איהם, און איהם אריינגעכאפּט אין זיך.

**כי באָ השמש** ! זאָגט רש"י „ששקעה לו חמה פתאום שלא בעונתה". ד.ה., די זוהן איז ר"ל אונטערגעגאנגען פלוצלינג, אין מיטען העלען טאג איז געוואָרען פינסטער ווי די נאכט ! ויקח מאבני המקום ! מען דארף אזא יונגען, בליהענדען בוים, אריינלעגען אין דער ערד, און שטעלען איהם א מצבה צוקאָפּענס, ר"ל גוואַלד געשריגען ! עס איז דאָך אַן אומגליק, א טראגעדיע ! די ליפּען וואָס פלעגען אלעמאָל צו אונז אזוי ליעבליך שמייכלען, ליגען נעביך אונטער די הארטע שטיינער ! און די נעמען וואָס מיר פלעגען מיט אזוי פיעל ליעבשאפט אזוי אָפט הערען, זיינען יעצט בלויז אויסגעקריצט אויף די האַרטע שטיינער !

**הערט זשע**, מיינע טייערע פריינדע ! עס איז **ויחלם** ! דער גאנצער לעבען איז ניט מעהר ווי א חלום וואָס פליהט שנעל אוועק. "חלם„ איז די אותיות ל-ח-ם,— דער מענש האָוועט און יאָגט זיך צו פאַרדינען זיין ברויט, ער פאַרגעסט אז עס איז א חלם. איבערהויפט, די רייכע לייט, זיי פאַרגעסען געוויס אז די וועלט איז א חלם !

אין א הייסען טאָג, האָבען רייכע לייטע געמאַכט א באַנ־קעט, אין איינעם פון די באוואוסטע ווייך-קעלערען. זיי זיינען אלע געווען אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין ווייסע בגדים. אין קעהלער האָט זיך קיין שום היץ ניט געפיהלט. זיי האָבען מיך איינגעלאדען אז איך זאָל זיי זאָגען עפּיס א גוט וואָרט. האָב איך אזוי געזאָגט : — אָנגעטהאָן אין תכריכים זייט איהר; אין דער ערד ליגט איהר; עס פעהלט אייך טאקע ניט מעהר אז ווע־רים זאָלען אייך עסען ! — איך האָב זיי געוואָלט ברענגען צו דעם באוואוסטזיין אז די וועלט איז ניט מעהר ווי א חלום. אָבער איך האָב דערזעהן אז זיי האָבען זיך אָפּגיקעהרט פון דעם עסען, האָב איך דערנאָך אזוי געזאָגט :

**די תורה זאָגט** : „כי תאוה נפשך לאכל בשר, בכל אות נפשך תאכל בשר". איז דאָך שוועהר צו פאַרשטעהן : פאַרוואָס זאָגט די תורה נאָכאמאָהל דאָ „בכל אות נפשך", עס וואָלט דאָך געווען גענוג ווען די תורה זאָגט כי תאוה לאכל בשר,תאכל בשר דער ענטפער איז דאָ אין דעם וואָרט „נפש". ווען דער נפש וויל עסען פלייש, ד.ה., ער וויל עסען פלייש צו שטאַרקען זיין געזונד, ער זאָל האָבען כח צום לערנען און טהאָן מצוות, דאן איז עס א גרויסע מצוה צו עסען פלייש, ווייל „בכל אות **נפשך**" . . . דאָס איז דאָך צוליעב דעם נפש. אויב מען דאַרף טהאָן עפּיס אזא זאך מיט וועלכען מען קען אויפבויען דעם געזונד פון דעם קערפּער, און א געזונטער מענש קען דאָך מעהר אויפטהאָן פאַר גאָט'ס תורה און איהרע לערנער, אָט דאָס מיינט אז צוליעב „עת לעשות

לד׳,״ מעג מען מבטל זיין דעם לערנען, און עס איז א גרויסע מצוה צו מבטל זיין דעם לערנען, צוליעב דעם עסען, און צוליעב פרנסה. אט דערמיט וועל איך פארענטפערען איין אלטע קשיה:

די גמרא זאגט: (שבת קכז) גדולה הכנסת אורחין מהקבלת פני השכינה, דכתיב ויאמר . . אם נא מצאתי חן בעיניך אל נא תעבור. איז דאך טאקע א פראגע: פון וואנען האט אברהם אבינו געוואוסט אז הכנסת אורחים איז גרעסער מקבלת פני השכינה? פון וואנען האט א״א געוואוסט אז מען מעג אוועק לויפען פון גאט כדי מקבל צו זיין אורחים? נאר דער ענטפער איז אברהם אבינו האט באגרייפט מיט זיין לאגישען שכל אז „עת לעשות לד׳ איז הפרו תורתך״ (תהלים קיט).

אין פשוט׳ע ווערטער: עס קען טרעפען אז דער „הפרו תורתך״ איז גאר צוליעב דעם אז מען זאל קענען גוט לערנען, דערפון קענען מיר באגרייפען ווי נויטיג עס איז צו לערנען תורה, און צו שטיצען די וואס לערנען תורה, צו שטיצען ארימע לייט, און מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. די יעניגע וואס טהוען אט די אלע זאכען, זיינען אזוי ווי אברהם אבינו. אויף א״א זאגט די תורה „ויגוע״. דאס מיינט ער איז פארגאנגען! אזוי ווי די זון ווען זי פארגעהט דא, שיינט זי אויף אין איין אנ־דער טהייל פון דער וועלט, אט אזוי זיינען אט די גוטע מענשען, זיי זיינען ניט טויט! זיי זיינען בלויז אוועק אין אן אנדער וועלט — תנצב״ה! — זעהט-זשע, מיינע פריינדע, טהוט צדקה!

# שופטים

## דרשה א.

פאַרוואָס די גרויסע רבנים האָבען ניט קיין שטעלעס און מען דאַרף זיי שטיצען.

„שופטים ושוטרים תתן לך, ולא לאומות העולם"
(מדרש רבה).

רבותי ! וואָס מיינט מיט דעם דער מדרש ? צו דיר זאָלסטו אויפנעמען א רב, אָבער ניט צו די גוים — סטייטש ! ווער וואָלט דען געדענקט פון אַזאַ זאַך, אַז מען זאָל אויפנעמען אַ רב פאַר גוים ? ! דער ענטפער איז פשוט :

מיט א קורצער צייט צוריק איז ערשיענען אן אנאָנס : — „פערלאַנגט א גוטען רבאַי מיט א שיקסע, די שיקסע זאָל ארויס-העלפען דעם אָרגעל-שפּילער. דער רבאַי קען זיך מעלדען שפּע-טער מיט א פּאָר טעג, אָבער די שיקסע מוז מען האָבען אויף קבלת שבת, ווייל זי דאַרף העלפען דעם אָרגאַניסט (מקבל שבת זיין)".

די בעלי מדרש האָבען פאָראויס געזעהן, אז אין אונזער צייט, ווען מען וועט אויפנעמען א רב, וועט מען ניט זוכען ער זאָל זיין א גרויסער למדן, א בעל מדות, און א ירא שמים. נאָר מען וועט אין זינען האָבען ער זאָל אויסנעמען ביי די גוים, קענען

גוט ענגליש, און באַזיצען אַ שעהנעם אויסזעהן — אַט דערפאַר זאָגט דער מדרש : ווען דו ווילסט נעמען אַ רב, נעם אַזאַ רב, וואָס אידען דאַרפען איהם האָבען און ניט די גוים.

דער שטייגער איז, אַז ביי אַ געפעהרליך קראַנקען, מאַכט מען אַ קאָנסיליום פון דאָקטוירים, און די דאָקטוירים רעדען אין אַזאַ שפּראַך וואָס דער קראַנקער זאָל ניט פאַרשטעהן. היינט, אַז די יעצטיגע אָלרייטניקעס נעמען אויף, אויף דעם פּלאַץ פון אַ רב, אַזעלכען וואָס רופט זיך דאָקטאָר, און ער רעדט אין ענגליש, וואָס די אַלטע קראַנקע מעמבערס פון די שוהלען פאַרשטעהען עס גאָרניט, קען מען שוין פאַרשטעהן, ווי געפעהרליך קראַנק ר״ל מיר זיינען !

דער מחבר פון „דרש אב״ האָט געזאָגט פאַר זיין פּטירה, אַז עס וועט נאָך קומען ר״ל אַ צייט, וואָס די רבנים וועלען זיך רופען פּראָפעסאָרען. — איינער אַזאַ פּראָפעסאָר האָט אַמאָהל אויסגערופען נאָך זיין לעקטשור, צום עולם : ווער עס איז פון אייך אַן אידיאָט און וויל מיך ניט פאָלגען אין מיינע קלוגע עצות זאָל זיך אויפשטעלען ! האָט גראַדע אַ קלוגער מעמבער זיך אויפגעשטעלט. זאָגט דער פּראָפעסאָר צו דעם מעמבער מיט פאַר וואונדערונג : סטייטש ! איהר האַלט זיך דען פאַר אַן אידיאָט ? — ניין, געוויים ניט ! האָט דער מעמבער געענטפערט — נאָר איך האָב ניט געקענט ליידען וואָס פון די אַלע וואָס האָבען זיך געדאַרפט אויפהויבען, זייט איהר געבליבען שטעהן איינער אַליין.

אַ רב דאַרף זיין אַ חכם, און דאַרף לערנען דעם פאָלק חכמה. — אַ איד איז אַמאָהל געקומען צו אַ רב, און איהם געבעטען ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַ תשובה אויף זיינע זינד, מיט אַן אָפּקומעניש פון תעניתים. האָט דער רב געזאָגט צום אידען :— די נשמה האָט איהר שוין באַגראָבען, יעצט ווילט איהר דעם גוף אויך באַגראָבען ? ! בעסער גיט צדקה ! ווייל „תענית״ איז די אותיות תת און אין מיטען עני — ד.ה., גיב דעם אָרימאַן.

דער נביא ירמיה׳ קלאָגט (איכה) „נפלה עטרת ראשנו, אוי נא לנו, כי חטאנו״. אמאָליגע יאָהרען, ווען מיר האָבען געהאט גרויסע צדיקים און לומדי תורה, פלעגען זיי מכפר זיין אויף אונזערע זינד, אָבער היינט אז „נפלה עטרת ראשנו״, אז מיר האָבען ר״ל ניט קיין ת״ח, איז דאָך אוי לנו ! מיר האָבען געזינ־דיגט און מיר האָבען ניט ווער עס זאָל מכפר זיין פאר אונז !

א איד האָט מיך אמאָהל געפרעגט, פארוואָס היינטיגע רבנים רופען זיך מיט׳ן טיטול „גאון״ ? האָב איך געענטפערט, ווייל אסאך רבנים ווייסען דאָך ניט קיין פשט אין רש״י, אזוי ווי די אמאָליגע גאונים, וואָס האָבען ניט געוואוסט פון רש״י׳ס פירוש.

א רבאַי האָט געהאַלטען א לעקטשור וועגען רש״י׳ס טעטיג־קייטען, און ער האָט געשילדערט רש״י׳ן, פונקט ווי ער וואָלט איהם פערזענליך געקענט. געהט צו איהם צו א איד מיט א חומש אין האנד, צייגט איהם א פסוק אין רש״י, און זאָגט צו איהם : רבאַי ! איך זעה דאָך אז איהר קענט אַזוי גוט רש״י׳ן, קענט איהר מיר פילייכט זאָגען דעם פשט פון דעם פסוק רש״י ? — דער רבאַי האָט געהייסען דעם אידען קומען צו איהם אין אָפיס. ווען דער איד איז געקומען, האָט איהם דער רבאַי געגעבען אן אַדרעס : 132 נעסאו סטריט, און געזאָגט צו איהם : דאָרטען איז די אגודת הרבנים, פרעגט זיי דעם פשט, זיי גיבען זיך אָפּ מיט׳ן פשט פון רש״י, זיי האָבען צייט אויף דעם.

איך האָב פיעל מאָהל אריינגעטראכט אין דעם וואָס די עגיפּטער האָבען געדיענט צו א שעפּס ! סטייטש ! ווי קומט עס צו אזא קולטורעלע פאָלק ווי די מצריים זיינען דאן געווען, אז זיי זאָלען האַלטען א שעפּס פאר א גאָט ? יעצט דענק איך אז דער שכל פון דעם איז אזוי : אזוי ווי די מצריים האָבען איינ־געפיהרט ביי זיך א שקלאַפערישען דיסציפּלינירטען סיסטעם, אז דער קעניג פרעה איז זייער גאָט, און דער פאָלק מוז אוספּאָל־

גען אלעם מיט דער גרעסטער פונקטליכקייט, אַט דערפאַר האָ־בען זיי געמאַכט אלס א סימבאָל פון גאָט, די שטילע רוהיגע שעפּס, ד.ה., פשוט, אז דער אלגעמיינער פאָלק און אפילו די בעאַמטע זאָלען זיך האלטען אזוי ווי שעפּסען ביי פרעה׳ן. אַט אזוינע זאכען קען פּאסירען ביי די גוים אָבער ניט ביי אידען.

יהודה האָט געזאָגט : „ידבר נא עבדך דבר באזני אדני״, איז דאָך אייגענטליך קשה : ידבר מיינט דאָך גערעדט גאנץ הויך, טאָ פאַרוואָס זאָגט ער נאָך דעם „באזני״? אין אויער זאָגט מען דאָך שטיל ! און עפּעס איז צופיעל ווערטער : ויאמר, ידבר נא דבר, מאי כולי האי ? צו וואָס דאַרף ער זאָגען אזויפיעל ווערטער?

נאר יהודה איז דאָך געווען א גרויסער חכם, און ער האָט דאָך פארשטאנען אז בנימין האָט ניט גע׳גנב׳עט דעם בעכער, נאר מסתמא האָט מען עס איהם אריין געלעגעט, אום צו מאכען אויף זיי א בלבול. — ויאמר, האָט יהודה געזאָגט : ידבר נאָ ! איך בעט דיך, גיב אקארשט א רעד שטרענג „עבדך״ מיט דיין קנעכט מיט דעם מצרי. וועסטו זעהן ווי ער ועט דיר זאָגען אויף׳ן אויער „דבר״, דעם וואָרט, אַז מען האָט געמאכט אויף אונז אַ בלבול. כי כמוך כפרעה ! ווייל דו אליין ביזט דאָך ניט קיין שעפּס, ווי די איבריגע עבדי פרעה, נאר דו ביזט דאָך גלייך מיט פרעה׳ן.

**רבותי** ! מיר, דאָס אידישע פאָלק, דיענען ניט צו קיין שעפּסען ! מיר זיינען ניט קיין שקלאַפען, מיר זאָגען אונזערע פיהרער, וואָס מיר דארפען זיי זאָגען. זיי קלינגען צופיעל ווי א מטבע אין אפּוסטען קרוג, און זיי זיינען ניט איבערגעבען צו טהאָן א טובה די אָרימע רבנים וואָס זיינען נע ונד !

איך האָב אמאָהל באמערקט ווען איך האָב גערעדט, האָט דער רב פון יענער שול געברענט פון קנאה! האָב איך געטראכט: ער ברענט און איך פרעגל זיך. (עס איז געווען אַ הייסער טאָג.) יענער רב האָט געפרעגט אויב איך האָב געזען זיינע ספרים וואָס

ער האָט מחבר געווען? און ווען איך האָב גיענטפערט אַז איך ווייס פון אַלע זיינע ספרים, בית יונה, כנפי יונה, אהבת יונה, און יד יונה, האָט ער געפרעגט וואָס איך דענק פון זיינע ספרים? האָב איך גיענטפערט אַז דעם „יד יונה" איז שווער צו עפענען, און ער טויג אויף כפרות. איך האָב געהאַט אַ גרויסען האַרץ-וועהטאָג ווען איך האָב געמוזט זאָגען ר' יונה'ן אזוינע ווערטער! אָבער איהר, מיינע פריינדע, זאָלט וויסען אז די גרויסע לומדים, האָבען ניט קיין רבנות שטעלעס, און מען דאַרף עפנען די האנד, און זיי שטיצען!

א געוויסע שוהל האָט זיך אמאָהל אַנגעטשעפעט אין א אידען, א גרויסען למדן, אז ער זאָל אַננעמען ביי זיי די רבנות, האָט דער איד געזאָגט אז ער שטימט איין צו אַננעמען די רבנות שטעלע, אָבער מיט דעם באַדינג, אז מען זאָל זעהן פריהער באַזאָרגען פאר דער שוהל (פאר'ן קהל) דעם שעהנסטען אתרוג פאר סוכות. די מעמבערס פון שוהל האָבען ניט געזשאַלעוועט קיין געלד, און מען האָט געקויפט דעם שעהנסטען אתרוג. נאָך סוכות האָט דער למדן זיך אַנגערופען צו די מעמבערס: איהר זעהט, אידען! אָט אַ דער אתרוג איז געווען דער שעהנסטער, אָבער אזוי שנעל ווי ער איז אריינגעפאַלען צו קהל אין די הענט, זעהט וואָס פון איהם איז געוואָרען! אויב איהר ווילט אַז איך זאָל בלייבען א שעהנער איד, בעט איך אייך, לאָזט מיך ארויס פון אייערע הענט!

פאַרוואָס זאָגט מען הושע"ר הויך אויפן קול „למען דעת כל עמי הארץ — אַז גאָט איז איינער און ניטאָ נאָך אַ גאָט? ווייל די רייכע אידען געהען מיט די אתרוגים אַרום דער בימה, און די אָרימע תלמידי חכמים האָבען נעבאך ניט קיין אתרוגים. די רייכע האָבען גאָר קיין מורא ניט צו פאַרשעהמען די ת"ח. טאָ אויב אַזוי קומט דאָך אוים אַז דעם „את ד' אלקיך תירא" דרש'ענען זיי ניט לרבות ת"ח. קען מען דאָך חו"ש דרש'ענען

דעם „את—לרבות שתי רשויות״דארף מען אויסשרייען אז עס איז דאָ בלויז (1) גאָט. און ווייל די גבירים פארשעהמען די חכמים, אַט דערפאר טרעפט זעהר אָפט, אז די גרויסע רבנים האָבען ניט קיין שטעלעם! שטיצט רבותי! די רבנים וואָס האָבען ניט קיין שטעלעם!

# דרשה ב

## לבר מצוה וגם ליום הדין

מיינע טייערע פריינד און אלע פערזאמעלטע דאָ אין שוהל!

מיר האָבען דאָ היינט אין שוהל א גרויסע שמחה, א „בר-מצוה״! ווילט איהר דאָך געווים עפים הערען א פּאָר גוטע ווערטער, ניט פון די אלטע געהערטע און איבערגעקייטע חכמות, וואָס ווען מיר הערען זיי, ווינשט זיך יעדער איינער בשעת מעשה, אָי! אזוי פיעל גוטע יאָהר זאָל איך האָבען ווי אלט די חכמות זיינען שוין. איז אויב איהר ווילט הערען עפּים נייעס? טאָ הערט זשע, רבותי!

**די תורה זאָגט**: (שופטים) „ולבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל״. איז דאָך א קשיה: וואָס מיינט די תורה מען זאָל זיך ניט אָפּקעהרען פון דער **מצוה** רעכטס און לינקס? וואָלט דען ניט געווען גענוג ווען די תורה זאָגט מען זאָל זיך ניט אָפּ-קעהרען פון דער מצוה, גאָר פשוט, אין ערגיץ ניט, אויף קיין זייט ניט? נאָר די תורה וויל דאָ אויסדרוקען אַט דעם גאָלדענעם געדאנק, אז מען זאָל זיך ניט אָפּקעהרען ניט פון דער רעכטער זייט פון דעם וואָרט „**מצוה**״ און ניט פון דער לינקער זייט, נאר מען זאָל זיך האלטען פעסט ביי דיביידע אותיות דעם **מ**ם מיט'ן **הא**, וועלכע זיינען פון רעכטס און לינקס פון דעם וואָרט **מצוה**.

דער מ מיט'ן ה שטעלען צוזאמען דעם ווארט **מה**, דאס מיינט: אז יעדער מענש דארף האבען אלעמאהל אין די פראנט פון זיינע אויגען, אז דער מענש אליין אהן מצוות, האט קיין שום ווערדע מה **א**נו, מה **ח**יינו, מה **ח**סדנו, מה **צ**דקותינו, מה **י**שועתינו, מה **כ**הנו מה **ג**בורתינו, מה **נ**אמר לפניך", אט פון די אלע אויס-גערעכענטע זאכען, בעטרעפט די ר"ת פון זיי בגימ"ט קץ.

די תורה זאגט (נח): „**קץ** כל בשר בא לפני", טייטשט מען דארטען אזוי: דער ווארט „קץ" איז געקומען פאר'ן רבש"ע און געטענה'ט, רבש"ע! זיי גלויבען גאר ניט אז דער מענש דארף אמאהל אוועק געהן פון דער וועלט, אז די וועלט איז בלויז אזוי ווי א פארהויז פון א גרויסען פאלאץ, אז די וועלט איז געגליכען צו אן ערב שבת, אדער אן ערב פסח, די פארגעניגענס פון דער וועלט זיינען נאר צייטווייליג, און זיי האבען א שנעלען סוף— א קץ! דער עיקר פון אט א דער וועלט איז וואס דא קען מען האבען א ביסעל צייט, און א געלעגענהייט צו-צוגרייטען זיך מיט מצוות און מעשים טובים, מען זאל האבען מיט וואס אריין צו קומען אין פאלאץ, מען זאל האבען מיט וואס צו האלטען שבת, אבער כדי צו געווינען אסאך צייט, מען זאל קענען לעבען לאנג, דארף מען ווערען א בר **מצוה**. ווייל די צוויי בעסטע ווער-טער „למען תחיה" באטרעפען די גימ"ט פון די תרי"ג מצות. אין די יעצטיגע צייטען זיינען דא אסאך מענשען מיט א טונקעלע פארגאנגהייט.(דאס הייסט: פרויען אזעלכע וואס זיינען געווען ברונעט, האבען זיי תשובה געטאהן און געווארען בלאנד) אבער מען קען דאך תשובה טאהן און אנפאנגען טאהן מצוות.

דו הערסט, מיין טייערער בר-מצוה בחור! איך וויל דיר עפים פרעגען, דו זאלסט מיר זאגען דיין מיינונג, וועגען א אינגעל וואס איז געקומען אמאהל צו זיין מאמען, מיט אזא פראגע: מאמע! קען מען באשטראפען א אינגעלע פאר גארניט טאהן?

איא, מאמע, דו פלעגסט דאָך זאָגען אלעמאָהל, אז פאר גאָרניט שטראָפט מען ניט ! אונזער טיטשער האָט געזאָגט, אז פאר ניט מאַכען די לעסאָנס וועט ער אונז שטארק באַשטראָפען. — נו, זאָג, זוהנעלע, וואָס דענקסטו וועגען אַט אזא אינגעלע ? דו וועסט געוויס אליין זאָגען אז דער אינגעל האָט גאָר קיין שכל ניט ! אָט אזוי בר מצוה בחור׳ל, זאָלסטו וויסען, אז פאר ניט אָנטהאָן אלע טאָג די תפילין, באַשטראָפט דער רבש״ע !

עס טרעפט אמאָהל א איד גיט א זאָג, סטייטש ! פארוואָס איז גומפראך געשטאָרבען אַ יונגער מאַן ? ער איז דאָך געוועזען אַ שטילער מענש, ער האָט קיינעם ניט אָנגעריהרט ! דארפט איהר וויסען מיינע פריינדע, אז דער וואָס טשעפּעט קיינעם ניט, מיינט עס ניט אז מיט דעם איז ער שוין א פיינער מענש ; אויב די גאַנצע וועלט וואָלט באַשטאַנען פון בלויז אַזוינע מענשען וואָס טהוען קיינעם גאָרניט, ניט גוטעס און ניט שלעכטס, וואָל־טען חו״ש מענשען אויסגעשטאָרבען פון קראַנקהייטען און פון נויט, ר״ל !

די הייליגע ספרים זאָגען אויפ׳ן פסוק „ימינך ד׳ **תרעץ אויב**״, אַז אין די ווערטער „תרעץ אויב״ זיינען דאָ די אותיות „**צרעת איוב**״. דאָס מיינט אז דערפאר וואָס איוב האָט געשווי־גען ווען פרעה האָט געזאָגט „ונתחכמה לו״, אָט דערפאר איז איוב קרעציג געוואָרען. א כהן דארף קענען פארשטעהן אָט די קראַנקהייט, וואָס רופט זיך „צרעת ממארת״. איך בין א כהן, און איך זאָג אייך אזוי ווי א גייסטיגער דאָקטאָר, אז דערפאר וואָס מיר אידען האָבען אסאָך איוב׳ס אין אונזער פאָלק, אָט דערפאר ליידען מיר, און מיר זיינען אָהן א לאנד, אָהן א היים, און האָטש מיר זיינען א שעהנע פאָלק, זאָגט מען אויף אונז, „טמא טמא יקרא״ ! עס איז געשריבען צוויי מאָהל דער וואָרט „טמא״. דאָס מיינט אז די טמאים זאָגען אויף אונז אַז מיר זיינען

טמא. (טמא! דער טמא רופט יענעם מיט׳ן אייגענעם פעהלער. ער רופט יענעם: טמא!)

„איוב״ איז די אותיות **אויב**, דער גרעסטער שונא פון פאָלק, איז דער וואס שווייגט ווען עס איז דאָ אן אומגליק, נאר ווייל דער אומגליק האָט איהם פערזענליך ניט אָנגעריהרט, אָט דערפאר שווייגט ער. אָט דאָס איז אן „איוב״!

דו בר מצוה בחור! אזוי ווי דו פארבינדסט זיך מיט די רצועות פון דיינע תפילין, אָט אזוי פארבינדסטו דיין שיקזאל מיט דעם שיקזאל פון אונזער גאנצען אידישען פאָלק! דאָס גאנצע אידישע פאָלק דארף זיין אזוי ווי איין מענש — גאָט האָט אונז געבענשט מיט א לשון יחיד „יברכך ד׳ וישמרך״.

(א פאָר פאָלק איז געפאָהרען אויף א האָנימון, גיבען זיי דעם קאָנדוקטאָר בלויז איין (1) טיקעט. מאָהנט דער קאָנדוקטאָר דעם צווייטען טיקעט. רופט זיך אָפ דער מאָן: דער רבאַי האָט אונז פאָרגעלייענט פון דער בייבעל אז מיר זיינעןביידע-איינס! „לבשר אחד״, דארפען מיר ניט מעהר ווי איין (1) טיקעט! אָבער די צרה איז וואָס מענשען פראקטיצירען ניט דאָס וואָס די בייבעל זאָגט, האָט דער קאָנדוקטאָר געזאָגט, אָבער אויב עס וועט דורכגעהן כאָטש פופציג (50) יאָהר, און איהר וועט נאָך אלץ ביידע לעבען צווישען זיך אזוי ווי איין מענש, אין האַרמאָני און אחדות, דאן וועל איך אייך אומקעהרען די געלד פון דעם צווייטען טיקעט, וואָס איהר דארפט מיר יעצט באַצאָהלען. —

אָבער דו, בר מצוה בחור, ביזט אנדערש פון דעם האָנימון פאָר פאָלק. דו ביזט מיט די מצוות פון דער תורה אסאך מעהר פארבונדען, ווי א מאן מיט א פרוי, דו ביזט מיט דער תורה ווי א פאָטער מיט א זוהן. קען זיך דען א פאָטער שיידען פון זיין זוהן? געוויס ניט, קיינמאָהל ניט! אָט דאָס מיינט „בר מצוה״, דער זוהן פון די מצוות).

עס טרעפט אמאהל אז דורך דעם וואס מען טהוט א מענ־שען א טובה, מוז מען חו"ש טהאן דורכדעם אן עברה; מען דארף, צום ביישפיעל, זאגען א ליגען, אדער מפסיק זיין אין מיט'ן דאוונען, — דער אמת'ער עהרליכער איד האט אזויפיעל ליעב יעדען מענשען, אז ער איז מפקיר אלעם אום צו טהאן א מענשען א טובה! אט דאס איז דער פשט פון די ווערטער, „כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא". אט א דער מענש וואס וויל טהאן נאר דאן א טובה, ווען די טובה ברענגט איהם ניט צו קיין חטא, אט א דער מענש איז קיין צדיק ניט.

משה רבינו האט געשלאגען דעם שטיין, כאטש דער רבש"ע האט דאך געזאגט "ודברתם אל הסלע", ווייל משה רבינו האט ניט געוואלט אז עס זאל פון דעם ארויסקומען א שאנדע פאר דעם אידישען פאלק. — די וועלט וועט זאגען אז שטיינער האבען יא געפאלגט משה'ס אנזאג און דאס אידישע פאלק פאלגט ניט אוים משה רבינו'ס ווערטער.

דו, מיין בר מצוה בחור, זאלסט נאר זוכען צו טהאן גוטעס צו אלע מענשען! דו זאלסט אבער אויך די מצוות וואס זיינען בלויז „בין אדם למקום", שטארק אפהיטען! ווייל אמונה אין גאט און אויספאלגען אלע מצוות פון דער תורה, דאס איז די גרעסטע חכמה, און די חכמה איז א קאמבינאציע פון כח־מה, (אותיות חכ־מה).

דו זאלסט ניט ווארטען צו ווערען א מאמין אין גאט, ביז דעם מאנאט אלול, אזוי ווי יענער ישובניק האט געזאגט „לולא האמנתי" — „לולא איז די אותיות א־ל־ו־ל, דאס מיינט אז אין אלול דארף מען ווערען א מאמין. — מיין זוהן, מען דארף זיין א מאמין אלע מינוט פון לעבען, לבלתי סור מן המצוה.

מען האט אמאל געפרעגט א ישיבה בחור: ווי אזוי קען מעג־ליך זיין אז אמאל זאל מען ניט דארפען זיין א מאמין אין גאט?

ווייל די גמרא זאָגט „כל מה דאסר לן שרי לן דכוותי" (חולין קט), האָט דער בחור גיענטפערט: ווען אַן אָרימאַן בעט דיך דו זאָלסט איהם גיבען עפּעס — דאן פארלאָז זיך ניט אַז גאָט וועט איהם גיבען.

אויב איהר ווילט פאַרשטעהן דעם פירוש המלות פון דער תפלה „חדש ימנו כקדם" וועל איך אייך זאָגען: אַן אַלטער איד האָט געבעטען ביי גאָט, רבש"ע! „השיבנו ד' אליך ונשובה".— רופט זיך אָן דער מקטרג צום רבש"ע: זעה רבש"ע! ווען ער איז געווען א יונגער מאַן האָט ער געזינדיגט. יעצט אַז ער האָט שוין ניט קיין כח צו זינדיגען, וויל ער תשובה טאָהן. רופט זיך אָפּ צוריק דער אַלטער איד: אַלל-רייט, טאָ מאַך מיך צוריק יונג! „חדש ימינו כקדם! — זונעלע! דו זאָלסט זיין א גוטער איד נאָך אין דיינע יונגע יאָהרען. וואַרט ניט אויף דער עלטער.

# תצא

## אַן אַפּיעל ליום הדין

## צו שטיצען די בית יעקב ישיבות פאַר מיידלאַך

רבותי ! עס וואָלט דאָך געוועזן געננוג ווען די תורה זאָגט: „והבאת אל ביתך", פאַרוואָס-זשע זאָגט די תורה „תוך ביתך"? דעם ענטפער צו דער קשיה געפינען מיר אין רש"י'ס ווערטער. רש"י זאָגט : „לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע". אָט דערפאַר זאָגט די תורה „אל תוך ביתך", דער וואָרט „תוך" מיינט די מלחמה וואָס דער מענש דאַרף אָנפיהרען ביי זיך אינוויינינג, מיט'ן יצר הרע.

די ווערטער „לא" און „אלא" וואָס רש"י באַנוצט דאָ, קוקט דאָך אייגענטליך אויס צו זיין איבריג, נאָר רש"י דרוקט דאָ אויס מיט די צוויי ווערטער, אז האָטש די תורה איז דאָך מתיר צו נעמען אָט די גוי'אישע שענהייט וואָס מען האָט געפאַנגען אין מלחמה פאַר א פּרייז, אויב זי וועט ווערען א אידישע. אָבער דאָס האָט נאָר די תורה מתיר געמאַכט, בלויז צוליעב דעם יצר הרע. ווייל ווען די תורה וואָלט זאָגען אַז מען טאָר ניט, וואָלט ערשט דאַן, דער יצר הרע נאָך מעהר חשק צוגעגעבען, און ערשט דאַן וואָלט מען נאָך מעהר חתונה געהאַט מיט אזוינע פרויען, ווייל גראַדע דאָס וואָס מען טאָר ניט, אָט צו דעם רעדט-

דער יצר הרע שטאַרק צו, און די תורה איז ניט צופרידען פון אזוינע חתונות. דערפאר וואָס פון אזוינע חתונות, קומען ניט ארוים קיין גוטע קינדער.

די גמרא זאָגט (יבמות ס"ג) „דינו שמגדלות בנינו ומצילות אתנו מן החטא". אָבער אָט פון דער יפת תואר קען מען ניט ערווארטען קיין גוטע קינדער, אָט דערפאר זאָגט רש"י „לא", און „אלא", דאָס מיינט אז אזא פרוי איז בלויז להציל מן החטא, אָבער דעם „מגדלות את בנינו" קען מען דאָ ניט ערוואַרטען. דעם ווייטערדיגען פסוק „וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת ותלית אתו על עץ", טייטש איך אזוי: אז אויב עס טרעפט חו"ש א בן סורר ומורה, אָדער א מענש א פארברעכער, וואָס פארזינ־דיגט זיך צו טוידט שטראָף, ר"ל, איז „ותלית אתו על עץ", — זאָלסטו אָנהענגען די שולד אויף דעם בוים! זאָלסט וויסען אז שולדיג אין דעם איז דער בוים, מחמת דער עפּעל פאלט ניט ווייט פון דעם בוים...

א מעמבער פון מיין שוהל האָט מיך געבעטען איך זאָל פאר איהם איבערלייענען א לעטער פון זיין שנור אין פלאָרידא: —

„טייערער שווער! אייער אייניקעל דענים, וואָס איז א נאָ־מען נאָך אייער פאָטער ר' תנחום דוב, וויל ניט האָבען די תפילין וואָס איהר האָט איהם געשיקט, ווייל זיי זיינען שווארץ, און האָבען שווארצע בענדלאך (רצועות). ער וויל האָבען ווייסע תפילין, זיי זאָלען מעטשען צו זיינע ווייסע שיך, און צום ווייסען פּאָלם ביטש סוט.

טייערער שווער! קריגט דאָרטען ביי אייך אין ניו יארק, א פּאָר ווייסע תפילין, וויפיעל עס וועט קאָסטען וועל איך אייך אומקערען, ווייל דענים סטראָשעט אז ער וועט אין גאַנצען ניט קומען צו זיין בר מצוה פּארטי, אין שוהל."

(כלל יד הלכות תפ' הלל"מ שהרצועות יהיו שחורות ואם לבנות לא יברך עליהן.

אַט האָט איהר אייך א לעבעדיגען ביישפּיעל פון קינדער ערציהונג, עס זיינען דאָ אסאך אידען וואָס וויסען אזוי פון דעם אינהאלט פון די תפילין, אַט פונקט אקוראט ווי יענער פּויער וואָס האָט גע'גנב'עט ביי א אידען א פּאָר תפילין, און ער האָט עס געבראכט צו איין אנטיקען הענדלער צו פארקויפען. פרעגט איהם דער סוחר : וואו האָסטו עס גענומען ? האָט דער פּויער געענטפערט : „יאָ סאַם סאַפּאַזשניק, יאָ סאַם יעוואָ זראָביל". דאָס מיינט : איך בין אליין א שוסטער, און האָב עס אליין געמאכט. אַט פון אזוינע אונוויסענדע, גראָבע מענשען קען מען דאָך קיין "כבוד אָב" ניט ערוואַרטען.

איך בין אמאָהל איינגעשטאָנען ביי דעם באוואוסטען ת"ח מר. גאָלדשטיין אין האָטעל, אין לייקוואוד, האָט נעביך אן אלטער איד געהוסט זעהר שטארק אגאנצע נאכט. איינער פון די געסט האָט זיך צושריען, אז דער אלטער לאָזט ניט שלאָפען, שרייט אויס דעם אַלטען'ס זוהן : טאַטע, פאָלג איהם ניט ! הוסט טאַטע! הוסט אַ גאנצע נאַכט ! האָסט באצאָהלט פאר אַ רום, מעגסטו הוסטען א גאַנצע נאַכט !

אַט וועגען די גראבע, אונוויסענדע מענשען רעדט דאָס די תורה. די קינדער וואָס זיינען ערצויגען געוואָרען אָהן תורה און אָהן דרך ארץ, זיי זיינען נעבאך ניט שולדיג, זיי זיינען נעבאך אומגליקליכע, פינסטערע כחות, וואָס ווערען דורך זייער אום-וויסענהייט פארוואנדעלט אין א כח, וואָס העלפט אונזערע שונאים פון ציון און פון דער תורה. דערפאר מוזען מיר ער-קלערען מלחמה צו דער פינסטערקייט, אונוויסענהייט ! דאָס איז דער גרעסטער שונא פון דעם אידישען פאָלק ! דאָס איז דער יצר הרע וואָס מאַכט זיך צו יעדער מענשען פריינדליך און היימיש, ער איז תוך ביתך.

אַט אויף דעם בעטען מיר, ווען מיר בענשען ר״ח, ״חיים של חלוץ עצמות״, — דער וואָרט „חלוץ״ איז א לשון החלצו מאתכם אנשים לצבא. מען דארף האָבען העלדישע סאָלדאטען, און אַ גוט באַוואָפענטע און פּאַראייניגטע קראַפט, צו קענען באַזיגען די פינסטערע קרעפטען. אַט דערפאר זאָגט די תורה מיט א לשון יחיד „כי תצא למלחמה״, מיר זאָלען ארויס אלע צוזאמען פאראייניגט, אזוי ווי איין מענש, געגען אַט די פיעלע שונאים. חאָטש אפילו מיט אלע אונזערע מיטלען, וועלען מיר זיי אליין ניט קענען באזיגען, מיר מוזען אַנקומען צו דעם רבש״ע, אז ער זאָל זיי איבערגעבען צו אונז אין האַנט. אָבער דאָך טאָרען מיר אָבּ־סאָלוט ניט אָפלאָזען, און ארויף לעגען זיך אינגאנצען אויף׳ן רבש״ע, אז ער זאָל פאר אונז מלחמה האלטען. ניין! מיר מוזען אליין אָנפאנגען די מלחמה, און ערשט דאן וועט דער רבש״ע שוין איבערגעבען צו אונז אין האַנד אלע שונאי ציון. אז כי תצא למלחמה? איז דאן „ונתנו ד׳ .. בידך״.

אַט דער געדאנק ווערט אויסגעשפראָכען פון דעם תנא הלל הזקן (פק״א) „אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני״? דער תנא הלל האָט דאָך געזאָגט אז דער וואָס ווייסט ניט קיין דין, איז ער א פוילער (פסחים) מפני עצלות שבכם. אַט דאָס מיינען די ווערטער „אם אין אני לי מי לי״. יעדער מענש מוז אליין אָנפאנגען טהאָן, אָבער צו דער זעלבער צייט דארף ער אָנ־קומען צו גאָט׳ס הילף, מחמת אליין קען ער גאַר ניט אויפטהאָן, וכשאני לעצמי, מה אני?

אין מוסף, יו״כ, בעטען מיר: מסטין בכבל אסור! איז דאָך אייגענטליך א קשיה: וואָס קען דען העלפען אז ביי דעם שטן וועט זיין געבונדען די פיס, אָבער מיט׳ן מויל וועט ער דאָך קענען מקטרג זיין, און מסר׳ן אויף אידען ר״ל. נאר דער ענטפער איז פשוט: יו״כ לאָזט דאָך דער רבש״ע דעם שטן אַלץ איינם ניט עפנען דעם מויל, ווייל דער רבש״ע ענטפערט איהם: לחש! זיי

שטיל! (וכל מאמינים שהוא עונה לחש), נאר אזוי ווי דעם שטן׳ס פיס קוקען אוים ווי קעלבערנע, (וכף רגליהם ככף רגל עגל — יחזקאל א׳) וואס-זשע טהוט ער? ער ווארפט מיט די פיס, ער וויל אז דער רבש״ע זאל זיך דערמאנען דעם עגל הזהב—דערפאר בעטען מיר: רבש״ע! פארבינד איהם די פיס מיט א קייט.

אבער די תפלה קענען מיר אויסבעטען ביי גאט נאר דאן, ווען מיר וועלען גיבען געלד פאר תורה, „יבא זהב המשכן ויכפר על זהב העגל״, שטיצט רבותי, די תורה! „אם תקום עלי מלחמה״ איז „בזאת אני בוטח״. — „זאת״ מיינט: די תורה, און „זאת״ איז דאך בגימ״ט צום קול ממון, איז אום צו געווינען די מלחמה געגען דעם יצר הרע, דארף מען געבען געלד, צו שטיצען די תורה, די בית יעקב ישיבות.

עס טרעפט אז אומשולדיגע מענשען שטארבען יונגערהייט, פלוצלינג, אומגעריכטערהייט! די תורה זאגט: וכי יהיה באיש חטא משפט מות — טייטשען מיר אזוי: אז עס שטארבט איין אומשולדיגער מענש, עס פעהלט איהם די זינד, פאר וועלכע מען דארף שטארבען, — „חטא״ מיינט פעהלען, עס איז א לשון חסר כמו „קולע אל השערה ולא יחטא״,ותלית אותו על עץ — זאלסטו וויסען אז דאס איז מחמת דעם אמאליגען חטא פון עץ הדעת! די עצה וויאזוי צו ראטעווען זיך פון דעם חטא איז — דורך׳ן „תהלים״. ניט זאגען תהלים, נאר מען דארף טהאן דעם „תהלים״. די ר״ת פון ת-ה-ל-י-ם איז „לא תקפוץ ידך מאחיך האביון״

אזוי ווי עס די ישיבות רופען זיך אויפ׳ן נאמען פון יעקב אבינו, דערפאר זאג איך אייך: שטיצט די בית יעקב ישיבות — וועלען די טעג פון יעקב׳ן פאר אייך מלחמה האלטען, און איהר וועט זוכה זיין צו לאנגע יאהרען, מיט אייער (גאנצען בית) גאנצע פאמיליע, מדה כנגד מדה.

אויף די מיידלאך וואס ענדיגען די בית יעקב שוהלעס קען

מען זאָגען וואָס דער אמאָליגער סטאָלינער רבי זצ"ל האָט גע-
זאָגט אויף זיינע חסידים — קאַטערינאַ מאַלאַדיצאַ, דאָס מיינט:
„כת רינה מלא דיצה", ווייל די מיידלעך קענען אפילו זמירות
אויך זינגען.

מיינע פריינדע! אום מיר זאָלען געווינען די מלחמה און
מיר זאָלען קענען לעבען לענגער, דארפען מיר האָבען א שטאר-
קען פונדאַמענט פון תורה און מענשליכקייט, און דער אמת'ער
פונדאמענט איז נאר אז אונזערע אידישע טעכטער זאָלען זיין
געטריי צו אידישקייט און דער תורה, ווייל זיי זיינען דאָך די
צוקונפטיגע ערציהערינס פון אונזערע דורות! שטיצט זשע די
בית יעקב ישיבות! ווייל זייער אויפגאבע איז צו ערציהען
אמת'ע געטרייע מוטערס און בויערס פון א געזונטען אידישען
פאָלק, גייסטיג און פיזיש!

רש"י זאָגט (ויצא): התחילו מריבות זו את זו, זאת אומרת
עלי ינוח צדיק את ראשו וזאת אומרת עלי... איז דאָך אַ קשיא
סטייטש! אויב אַז די שטיינער האָבען גערעדט אַזוי ווי מענשען,
פארוואָס דערמאָנט ניט דער תנא (אין פרקי אָבות) פי האבן,
אַזוי ווי פי האתון? נאָר דער פשט פון „אבן" מיינט אַ פונדא-
מענט, און יעקב האָט פון אַלע בעזונדערע אידעעס געמאַכט איין
(1) פונדאמענט, דאָס איז די תורה.

פארוואָס זאָגט די תורה „הצילני נאָ מיד אחי מיד עשו?
די ווערטער "מיד אחי„ זיינען דאָך איבריג! נאָר עשו וויל שלאָ-
גען יעקב'ן מיט צווייערליי געוועהר, — אָדער ער נעמט אריין
יעקב'ן אזוי ווי אן אייגענעם ברודער אין זיינע קאַלעדזשעס, און
דאָרטען וויל ער יעקב'ן אסימילירען, מאַכען איהם גייסטיג אוים
איד! אָדער ער וויל איהם פשוט דער'הרג-נען מיט דער ביקס!
אַט דערפאר דארפען מיר האָבען געטרייע אידישע טעכטער,

זיי זאָלען אויפברענגען געזונטע, געטרייע אידען ! זיי זאָלען זיך ניט לאָזען פארפיהרען ניט פון אָחי און ניט פון עשיו.

(ניט ווי יענער באָיטשיק וואָס איז געקומען צו לויפען אהיים מיט אן אויסגעשריי : פּאָ ! דו ביזט א לאָקי מען ! פרעגט איהם דער פּאָטער : מיט וואָס בין איך דאָס אזוי לאָקי ? רופט זיך אָפּ דער באָיטשיק : דו האָסט דאָך געזאָגט אז אויב איך וועל וויסען ווי מען רופט אדם׳ס טאַטע, קריג איך צען דאָלאר, אָלזאָ, פּאָ ! די צען דאָלאר בלייבט ביי דיר.

# תבוא

## הספד על רב — וגם לז׳ אדר, וליוה״כ

„וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה״.

מיינע פריינדע ! די תורה זאָגט אַז אויב גאָט וועט חלילה באשטראָפען, וועט ער אָנשיקען חו״ש אזא מכה, וואָס איז אפילו אין דער תוכחה ניטאָ. איז דאָך אַ קשיא : סטייטש ! דער רבש״ע דאַרף זיך דען באנוצען מיט סעקרעטנע וואָפען? פארוואָס האָט עס דער רבש״ע ניט געוואָלט שרייבען אין דער תורה, אזוי גוט ווי אלעס ?

די וועלט זאָגט, אז די חז״ל זאָגען אויף די ווערטער „מכה אשר לא כתוב בס״ת״, זו מיתת צדיקים. ר׳ ישעיה פיק, זצ״ל, האָט געזאָגט, אז טאקע אָט דערפאר איז דאָס א מכה אשר לא כתוב, ווייל עס איז דאָך אין ערגיץ ניטא אזא מאמר חז״ל. איך זאָג אַז די וועלט ווייסט יאָ וואָס זי זאָגט, און ממילא וועט איהר אויך האָבען א תירוץ, אויף מיין ערשטער קשיה.

אין אַמעריקא איז דאָ א מנהג, אַז צו אַ יאָהר צייט גיט דער שמש א קלאַפּ אין טיש, און רופט אוים : יאָהרצייט ! מכה, איז דער טייטש : א קלאַפּ ! און עס איז אין ערגיץ ניט געשריבען אַז מען דארף קלאַפּען ביי א יאָהר צייט. א יאָהר צייט מיינט : מיתת צדיקים. ווייל „ועמך כלם צדיקים״, און איבערהויפּט א יאָהר נאָך׳ן טוידט זיינען זיי דאָך שוין געווים צדיקים (משפט ר׳

בגיהנם יבֹ חדש). עס איז ניטא קיין איין חכמה אין דער וועלט, וואס עס איז ניט אנגעמערקט אין דער הייליגער תורה; דאס וואס דער שמש קלאפט צו יאהר צייט איז דאך זעהר א גרויסע חכמה, די ערשטע זאך ברענגט דאך דער קלאפ אריין געלד אין שוהל, און צווייטענס, טרייסט ער די מתפללים אז דער יעצטיגער חזן עסט ניט פאר'ן דאוונען, ד.ה., ער מאכט פון דעם דאוונען ניט קיין געלד, נאר אדרבה ער גיט נאך געלד, און בראנפען מיט צובייסען, גיט ער דאך אויך.

דער פשט פון דעם פסוק איז אזוי: וכל מכה — און דעם קלאפ וואס דער שמש גיט — „אשר לא כתוב בס"ת", חאטש עס איז ניטא אויף דעם קיין בפירוש'ער דין, „זו מיתת צדיקים", דאס איז א מנהג אמעריקא צו קלאפען צו א יאהרצייט, און די תורה האט פאראויסגעזאגט אפילו די חכמות פון אמעריקא (קלאפען יאהרצייט, דאס איז א מאמר חכמים).

אי, ווי־זשע קומט דער פסוק אין דער תוכחה? איז דער ענטפער פשוט: משה רבינו האט ניט געזאגט די תוכחה חו"ש מיט'ן צוועק צו שילטען, נאר יעדער ווארט פון דער תוכחה מיינט גאר א ברכה. אזוי ווי די גמרא זאגט: אז ר' אלעזר ב"ר שמעון האט זיך מתרעם געווען אז די תנאים האבען איהם גע־שאלטען, זיי האבען איהם געוואונשען אז ער זאל וואוינען א לאנגען לעבען אין א דירה, האט זיין פאטער, רשב"י, צו איהם געזאגט: זיי האבען מיט די ווערטער אויסגעדריקט, זעהר א וויכטיגע ברכה — זיי האבען געמיינט אז ער זאל ניט שטארבען יונגערהייט, נאר ער זאל זיין נאך א לאנגע צייט אויף דער וועלט, וואס די וועלט איז געגליכען צו א דירה. (דא אויף דער וועלט איז דאך אלעם צייטווייליג).

ליידער, מיינע פריינדע, האט דער רב אונזערער ארויסגע־מופט צו שנעל פון אונזער דירה, ער איז געווען א שכן טוב, א גרויסער מופלג אין תורה, א למדן, א חכם, א בעל מדות טובות.

ער האָט געהאט א גוטע הארץ, חבל על דאבדין ולא משתכחין! לאָמיר אלע וויינען וואָס מיר האָבען פארלאָרען אזא גוטען חבר, ווייל די וועגט פון הויז וויינען וואָס זיי האָבען פארלאָרען אזא גוטען טענענט! מיר וויינען מיט איין אמת, ווייל א־מ־ת איז ר"ת ארון, מטה, תכריכים. מען האָט אונזער אמת'ן רב, אונזער ארון הקדש, ארייגעלעגט אין איין ארון, און מען נעמט איהם אוועק פון אונז!

איינמאָהל אין יאָהר, יוה"כ, פלעגט דער כהן גדול אויס־טהאָן זיינע גאָלדענע בגדים און זיך אָנטהאָן אין גאנצען אין ווייסע לייווענטענע בגדים, ווייל ער האָט דאָך ניט געקענט מכפר זיין אויף אונז אידען, מיט די גאָלדענע בגדים (אין קטיגור נעשה סנגור—אחרי מות). אָבער וואָס פאַר אַ שרעק וואָלט אונז אידען באַפאַלען, ווען דער כהן גדול וואָלט אויסטהאָן אין א געווהנליכען טאָג פון יאָהר, זיינע גאָלדענע קליידער, און אָנטהאָן זיך אין ווייסען. מיינע פריינדע! ווי דערשראָקען דארפען מיר יעצט אלע ווערען, אז מיר זעהען ווי אונזער רב, דעם כ"ג, האָט מען אָנגע־טהאָן אין ווייסע בגדים! אידען, ברידער! עס איז היינט א יום נורא, איום וקדוש!

די מאָדערנע מענשען קריטיקירען צייטענווייז די פרומע אידען. זיי רופען די פרומע אידען אָן מיט'ן נאָמען „צבועק", אָט אַזוי ווי אַ זאַך וואָס איז געפאַרבט פון דרויסען, און פון דרויסען קוקט עס אויס שעהן, אָבער אינווייניג איז עס צופוילט, און ניט ריין. אָט אזוי זיינען דאָ אַסאַך מענשען וואָס פארשטעלען זיך פאר צדיקים, אָבער אין דער אמת'ן זיינען זיי פאַרדאָרבענע מענשען.

אָבער אונזער רב, האָט בעלאנגט צו איין אנדער קלאַס מענשען, צו דעם קלאַס פון „שחורה אני ונאוה", פון דרויסען האָט ער גראדע ניט אויסגעזעהן צו זיין אזא גרויסער ת"ח, אזא גרויסער צדיק; פון דרויסען האָט ער אויסגעקוקט — שחורה!

אבער — ונאוה ! אינווייניג איז ער געווען א בעל מדות טובות, אַט אזוי זיינען אלע אמת'ע צדיקים, זיי זיינען אמת'ע צבוע-קעס.

א חסיד איז אַמאָהל געקומען צו א רבי'ן, זיך לערנען מדות טובות. האָט דער רבי איהם געהייסען פאָהרען אין א ווייטער שטאָדט און אויפזוכען א אידען מיט'ן נאָמען זרח, און לערנען פון זרח'ן.. דער חסיד האָט ביי דעם זרח'ן פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכען, אַכטונג געגעבען אויף זרח,ס אויפפיהרונג, און געהאַלטען אין איין וואונדערען זיך אויף וואָס דער רבי האָט איהם געשיקט, ווייל עס איז לגמרי גאָרניט געווען וואָס צו לערנען זיך פון איהם. און נאָך מעהר האָט דער חסיד ניט געקענט פארשטעהן, פארוואָס זרח וואוינט מיט א שכן, וואָס יענער איז געווען א מחלל שבת בפרהסיה.

ביים געזעגנען זיך, האָט דער חסיד זיך ניט געקענט איינ-האלטען און דערצעהלט זרח'ן, אז דער רבי האָט איהם געשיקט אהער, און עס טהוט איהם באַנק, וואָס ער האָט גאָרניט געקענט לערנען פון איהם; און אדרבה, עס וואונדערט איהם, וואָס זרח וואוינט מיט אזוינע שכנים מחללי שבת ! ? האָט איהם זרח גע-ענטפערט מיט די ווערטער : אז ער קען גאָרניט זאָגען אויף דעם שכן, ווייל ער האָט נאָך מיט זיך אליין זעהר פיעל צו טהאָן . . . אָט די ווערטער האָבען געמאַכט אויף דעם חסיד א שטארקען איינדרוק, און ער האָט פארשטאנען פארוואס דער רבי האָט איהם געשיקט צו זרח'ן.

די אמת'ע צדיקים ווייסען אליין ניט ווער זיי זיינען, און צייטענווייז, ווייסט אַפילו די וועלט אויך ניט פון זיי.

אַז דער גרויסער צדיק, דער „תם" איז אַנגעקומען אין פּ", זיינען אַרוים הונדערטער חסידים איהם אַנטקעגען. פּרעגט דער „תם" דעם גבאי: וואוהין לויפען די אידען? עס איז אַנטקעגען דעם רבי'ן, האָט איהם דער גבאי געענטפערט. אויב עס איז דאָ

א רבי — לאָמיך אויך לויפען, האָט דער „תם״ אויסגערופען, און ער איז געלאָפען גלייך מיט זיינע חסידים.

עס איז אמאָהל געווען א איד אין ברוקלין וואָס פלעגט גיבען זעהר אַסאַך צדקה שטילערהייד, אז מען זאָל ניט וויסען ווער דער געבער איז (מתן בסתר). די וועלט האָט איהם גע־האַלטען פאַר א קאַרגען. ווען איך האָב איהם מספיד געווען, האָב איך געזאָגט אויף איהם דעם שבח אז ער איז געווען אַ קאַרגער. איך האָב אבזיכטליך געזאָגט עטליכע מאָהל, אויף דעם נפטר, אז ער איז געווען א קאַרגער, אום ארויסצורופען ביי דעם עולם די איבעראַשונג פון אזא סאָרט הספד. איך האָב געזעהן ווי דער עולם וואונדערט זיך, און קוועטשט מיט די פלייצעס; ערשט דאן האָב איך אויסגעשריען: איהר זאָלט וויסען אַז אָט דער נפטר האָט ביי זיין לעבען געגעבען זעהר אַסאַך צדקה בסתר, נאָר ער איז געווען אַ קאַרגער אין מצוות, ער האָט ניט געוואָלט הנאה האָבען פון דעם כבוד פון די מצוות אויף דער וועלט, כדי מען זאָל איהם ניט אראָפּרעכנען פון דעם שכר אויף יענער וועלט. יעצט, מיינע פריינדע! אַז „הצדיק אבד״ איז „ואנשי חסד נאספו״. וויבאלד אז דער צדיק איז נפטר געוואָרען, איז דערוייל ניטאָ ווער עס זאָל טהאָן אויף דער וועלט חסד, דער חסד איז געמי־נערט געוואָרען.

דער אבן עזרא זאָגט (פי׳ הארוך) כאשר שמענו כן ראינו. אין קורצע ווערטער דרוקט אוים אָט דער וועלט־חכם, די אידישע טראַגעדיע, דעם „כאשר להיטיב״ וואָס גאָט האָט געזאָגט(תבוא) דאָס האָבען מיר בלויז געהערט, ווען מען לייענט די תורה, אָבער מיר האָבען נאָך ניט געהאַט קיין איין גוטען טאָג, פון זינט מיר אידען זיינען א פאָלק. אָבער דאָגעגען דעם „כן להאביד״, אָט דעם כן ר״ל האָבען מיר געזעהן מיט אונזערע אייגענע אויגען, די פרויען מיט די קליינע קינדער, וואָס די נאַצים ימ״ש האָבען גע־שלעפּט אין די גאַז־קאַמערען פון טרעמבליאנקע, לובלין וכו׳...

און אַט זעהען מיר דאָך ווי אונזערע צדיקים שטארבען אַפּ זעהר יונג.

אויף דעם פסוק „מפני הרעה נאסף הצדיק", זאָגט רש"י (ב"ק-ם) שלא יראו ברעה העתידה לבא. ד.ה. דער צדיק שטארבט איידער עס קומען אָן די צרות אויף דער וועלט, כדי דער צדיק זאָל ניט דאַרפען אַזויפיעל אָנליידען זיך צו-קוקענדיג אַלע יסורים, און אין אלגעמיין, ווען דער צדיק לעבט לאָזט ער דאָך ניט צו צו די יסורים, ווייל די גמרא זאָגט: „כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד". איז דאָך א קשיה: פארוואָס דארף די גמרא זאָגען צוויי מאָהל דעם וואָרט „עביד"? נאָר דער ענטפער איז, אויב דער רבש"ע איז חו"ש גוזר א גזירה רעה, דאן זיינען די צדיקים דאָס מבטל, אויב „רחמנא עביד לטב" איז „עביד", און אויב ניט „לטב" איז „לא עביד. אַט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער, אין דער תפלה (ונתנה תוקף), „ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת". ד.ה., אז אויב דער רבש"ע טהוט חסד, דאן קען ער קעניגען מיט אָן אמת, און די צדיקים שטערען איהם ניט. אז ניט האָבען דאָך די ווערטער „ותשב עליו באמת" קיין זינען ניט. אָבער יעצט אז הצדיק אבד איז „ואנשי חסד נאספו", האָט זיך דער חסד ר"ל אָפּגעטהאָן, עס איז ניטאָ ווער עס זאָל מבטל זיין די גזירות רעות ר"ל. אז דער צדיק איז דאָ, איז ער ממשיך די ברכות פון די אבות.

עס איז דאָ א קשיה אין דער תורה: אז יצחק אבינו האָט דערקענט דאָס קול, אז עס איז יעקב'ס קול, טאָ פארוואָס האָט ער איהם געגעבען די ברכות? נאָר יצחק האָט פון אָנפאנג גע-מיינט אז יעקב איז נאר א תם, ער זיצט און לערענט טאָג און נאַכט תורה, אָבער געבען א מענשען עסען אויף דעם איז ער ניט פעהיג. אָבער אז ער האָט דערפיהלט אז הקול קול יעקב, **און צו דער זעלבער צייט**, איז אויך „והידים ידי עשו", ד.ה., אז

יעקב אין א בן תורה און אויך א בעל מעשה, (עשו לשון מעשה) ד.ה., אז יעקב גיט אויך עסען צו מענשען, טאָ אויב אזוי, קומט דאָך די ברכות יעקב'ן. דער נאָמען עשיו איז אַ שעהנערער ווי יעקב, אָבער יש ששמותיהם נאים ומעשיהם מכוערים.

די חז"ל זאָגען אז ווען די צדיקים שטאַרבען, איז דער רבש"ע אליין זיך מתעסק מיט זיי, שנאמר: והלך לפניך צדקיך, וכבוד ד' יאספך. פרעגען די מפרשים א קשיה: טאָ אויב אזוי, פאַרוואָס-זשע זאָגט דער תנא „מי לנו גדול ממשה שלא נתעסק בו אלא המקום ב"ה", קומט דאָך אוים אז ניט מיט אלע צדיקים איז זיך דער רבש"ע אליין מתעסק! נאָר מען קען ענטפערען אַט די קשיה, מיט דעם געדאנק וואָס דער אריה"ק זאָגט, אז אַט דאָס וואָס די גמרא זאָגט „משה שפיר קאמרת", איז עס מחמת משה'ס נשמה איז נתגלגל געוואָרען אין יעדען ת"ח פון אלע דורות, און יעדער ת"ח איז אין דער בחינה (פאָרם) פון משה רבינו. משה איז ניט געשטאָרבען, ז' אדר מת משה, ז' אדר נולד. משה ווערט צוריק געבוירען אין אלע דורות, באלד נאָך זיין שטארבען, ווייל נאָך'ן מת זאָגט די גמרא נולד, און ניט נאָך'ן נולד, מת. דערפאַר זאָגט מען צו א ת"ח: משה שפיר קאמרת, און מיט יעדער ת"ח איז זיך דער רבש"ע אליין מתעסק ווען זיי שטארבען, פונקט ווי מיט משה'ן, שנאמר: ויקבור אותו בגיא.

דער מדרש זאָגט, אז גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, אם אעברה נאָ אתה מבקש בטל סלח נא, קען מען זאָגען אז די אורזאכע פאַרוואָס ביידע בקשות האָט דער רבש"ע ניט געוואָלט נאָכגעבען משה'ן, איז ווייל משה רבינו דארף אין יעדער דור נתגלגל ווערען, אום צו אויסווירקען דעם סלח נאָ, אָבער אויב משה וואָלט אריין אין א"י, וואָלט געווען פאַר איהם א צו גרויסע ירידה נתגלגל צו ווערען אין די יעצטיגע רבנים פון חוץ לארץ. עס איז אַזוי אויך אַ צו-גרויסע ירידה.

(פון וואנען די וועלט האָט גענומען צו זאָגען אז וכל מכה

אשר לא כתוב זו מיתת צדיקים? קען מען זאגען, ווייל דעם ווארט "יכבה **ובעפלים**" לייענט מען "**ובטחורים**".— דער רד"ק טייטשט דעם ווארט **ובטחורים** לשון חורים, שינקבו מעיו... און די צדיקים עפ"י רוב שטארבען דאך פון חולי מעיים, דאס איז דער פשט "וכל מכה אשר לא כתוב", אין דער תורה איז ניט געשריבען "טחורים" נאר "עפלים", דאס איז נעבאך מיתת צדיקים ר"ל).

מען האט אמאהל געפרעגט א חכם א רעטעניש, וואס איז דער אונטערשיעד פון א גנב ביז א דאקטאר ? האט דער חכם געענטפערט, אז ווען א גנב מאכט א וויזיט אין א הויז, ווייסט מען באלד נאכדעם וואס עס פעהלט, אבער א דאקטאר קען מאכען אסאך וויזיטען און מען זאל ניט וויסען וואס דעם קראנקען פעהלט. אט אזוי זיינען אסאך פון די גייסטיגע דאקטוירים, זיי מאכען אן אנשטעל פון מנהיגי הדור, פון צדיקים, אבער זיי הויבען ניט אן צו וויסען וואס דעם אידישען פאלק פעהלט נעבאך, און וויאזוי מען דארף איהם היילען ?

אט דערפאר איז, ווען עס שטארבט אן אמת'ער תלמיד חכם אזוי ווי אונזער רב, דארף מען וויינען, ווייל אונזער רב האט דאך יא געטהאן זעהר אסאך פאר אונזער פאלק.

די גמרא זאגט (ר"ה י"ח) ללמדך ששקולה מיתתן של צדיקים כשריפת בית אל-קינו (מ"ד קהלת) קשה סלוקן של צדיקים. . . . די תלמידי חכמים, זיי זיינען די יעניגע וועלכע מאכען ליכטיג אויף דעם פינסטערען פלאנעט וואס רופט זיך ערד, זיי בעלייכטען אונז מיט דעם גרעסטען עלעקטרישען שטראם, דאס איז די תורה, ווייל אין דער תורה איז וועגען אלעם אנגעמערקט, אז מיר וועלען פטור ווערען פון די נאצים ימ"ש, דאס איז אנגעמערקט אין דאוונען "יקום פורקן מן שמיא", דאס מיינט מען די אמעריקאנער באמבערס, און די תורה זאגט "וימח את

כל היקום", דאָס מיינט אונזערע באַמבערס האָבען אָפּגימעקט די דייטשע לופטוואפע. די חכמה פון עקסרעי איז אויך אָנגימערקט אין דאַוונען: „הבוחן ובודק גנזי נסתרות" עקסרעי, דאָס איז אַזאַ לופט וואפע וואָס וועט באנוצט ווערען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה ביפאַר משיח וועט קומען. אין אלע פארשידענע נוסחאות פון דאַוונען, קען מען אלעמאָהל געפינען אין די ווערטער עפּיס אַ טיעפען שכל, וואָס דריקט אוים כונה און חכמה. נעמט צוםביישפּיעל, אין דעם ספרדישען נוסח, די תפלה „רזא דשבת". זאָגען מיר „למשרי עלה רזא דאחד צלותא דמעלי שבתא", פאר־וואָס זאָגען מיר צום אָנפאנג דעם לשון „שבת" און נאָכדעם זאָ־גען מיר „שבתא"?

דער ענטפער איז אַזוי: דער **א** פון דעם ווארט **אחד** איז געקומען צום רבש"ע מיט א טענה: רבש"ע! דער תרגום זאָגט אויף דעם וואָרט „אחד" **חד**! האָט זיך דער רבש"ע אָנגערופען צום אלף: זאָרג זיך ניט, דער תרגום וועט דיך צוריק אריין שטעלען אין דעם וואָרט „שבת". אויף **שבת** זאָגט דער תרגום „**שבת-א**", — אָט דאָס איז דער פשט פון דער תפלה „רזא דשבת רזא **דאחד** צלותא דמעלי שבתא"· דער סוד פון שבת איז דער סוד פון דעם רבש"ע וואָס ער איז **אחד**. דערפון קענען מיר פאר־שטעהן ווי ענג דער שבת איז פארבונדען מיט אמונה און אחדות הבורא.

אין דער תורה איז אָנגעמערקט ווענגען די אלע תעניתים וואָס די רבנן האָבען באַשטימט; די תורה זאָגט דאָך (9) ווערטער „על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה", דאָס מיינט „ט־באָב". דער ג' פון **ג**יד איז דער דריטער טאָג פון תשרי, צום גדליה,

דער י׳ — עשרה בטבת; **יג**, דאָס איז תענית אסתר. „גיד״ איז בגימ״ט י״ז תמוז. אָט אין די טעג איז „לא יאכלו את גיד״.

די אמת׳ע תלמידי חכמים זאָגען אָבער אויך אַז **אדם** איז ר״ת **א**כילה, **ד**ירה, **מ**לבוש, דאָס מיינט אז דער עיקר פון פאַסטען, איז העלפען דעם אָרימאַן מיט **א**כילה **ד**ירה **מ**לבוש. אָט דער געדאנק איז אויסגעדריקט אין דעם מאמר „אתם קרויים אדם״.

**רבותי**! גיט **צדקה**! העלפט דעם אָדם וואָס לעבט נאָך!



# נצבים

## נאום לראש השנה

רבותי! פארוואָס פאַנגט אָן דער פסוק מיט א לשון רבים **אתם נצבים**, און נאָכדעם זאָגט די תורה א לשון יחיד, — **מחטב עציך**? און וויבאַלד אַז די תורה וויל דאָ אויסרעכענען אלע קלאַסען מענשען, פון דעם אָרימסטען ביז דעם העכסטען קלאַס מענשען, טאָ פאַוואָס זאָגט די תורה פון דעם האלץ האקער ביז דעם וואסער טרעגער? אָט דיביידע פּראָפעסיעס זיינען דאָך פון דעם זעלבען קלאַס? (אין דער סדרה „בא" האָט די תורה שארפער ציטירט אלע קלאַסען. „מבכור פרעה היושב על כסאו עד בכור השפחה").

נאָר אָט דאָס איז טאקע די תורה אויסען, אונז צו לערנען, אָט פונקט ווי עס איז ניטאָ קיין אונטערשיעד פון א האָלץ-האקער ביז א וואסער טרעגער, אָט אזוי איז ביי דעם רבש"ע ניטאָ קיין מיוחסים. א האלץ האקער קען דאָך אויך זיין א גוטער מענש, און א גרויסער ת"ח. הלל הזקן איז דאָך געווען א האלץ-העקער! קיין מענש טאָר זיך ניט האלטען גרויס ביי זיך! אָט דערפאר באנוצט די תורה דעם לשון „נצבים", דאָס מיינט: „בקומה זקופה", דאָס הייסט, איהר האלט זיך אלע גרויס, אפילו אַ האָלץ העקער האַלט זיך גרויס! דער אַלטער מאָדזשיצער רבי,

זצ"ל, האָט אמאָל געהייסען אז מען זאָל אוועקזעצען אַ גרויסען מיוחס ביים טיר, ווייל די מזוזה איז דאָרטען.

די תורה וויל אונז דאָ נאָך עפּיס לערנען: די תורה איז אַן „עץ חיים", און עס זיינען דאָ ר"ל אזוינע מענשען, וואָס האָבען ניט ליעב קיין ת"ח. אַט די מענשען ווערען אָנגערופען „חטב עציך", זיי ווילען אויסהאקען דעם עץ חיים.

די תורה באנוצט (שמות) דעם לשון „הסנה בער באש". אייגענטליך, וואָלט דאָך די תורה געדאַרפט געווען דאָרטען זאָגען „האש בער בסנה". נאר דער רבש"ע האָט געצייגט משה'ן אז די רשעים, ד"ה, די דאָרן בוימער ווילען זיך פאַרמעסטען צו ברענען די תורה, (אַט דאָס מיינט „הסנה בער באש", דער דאָרן ברענט דעם פייער). אָבער די תורה איז דאָך פייער, שנאמר „הלא כה דברי כאש" (ירמיה כג). נו, קען דען עמיצער פאַרברענען פייער? דער וואונדער באשטעהט אין דעם וואָס דער דאָרן שפּיעלט זיך מיט פייער, ד"ה ער טשעפּעט זיך מיט דער תורה און ער ווערט ניט פאַרברענט — מדוע לא יבער הסנה?

א פּרעזידענט פון א תלמוד תורה, וואָס איז געווען אַן עם-הארץ, אָבער ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ למדן, פלעגט די לעהרער דערגעהן די יאָהרען, ער פלעגט האָבען די הוצפּה צו אריינמישען זיך און זאָגען אז דער טייטש פון אזא און אזא וואָרט איז גאָר אנדערש, איינמאָהל איז ער אָנגעקומען ווען א לעהרער האָט געלערענט מיט די קינדער די תוכחה. טייטשט דער לעהרער די ווערטער „וגעלה נפשי אתכם", און מיין זעלע וועט מיט אייך פאַרמיאוסט ווערען. שרייט אוים דער פּרעזידענט: ניין! דער טייטש איז גאָר „און מיין זעלע וועט אייך אויסלייזען"! רופט זיך אָפּ דער לעהרער: מר. פּרעזידענט! ווען איך זאָל

טייטשען אז איך וועל פון אייך אויסגעלייזט ווערען, וואָלט עס דאָך ניט געווען קיין תוכחה, נאר די גרעסטע ברכה פאר מיר.

טייערע ברידער אידען! די לעהרער אין די תלמוד תורה'ס, און די רבנים אין די שוהלען, האָבען זעהר גרויסע צרות פון די אונוויסענדע מענשען, זיי באגרייפען גאָרניט וויפיעל מיר וואָלטען בע"ה געטהאָן פאר אונזער פאָלק, ווען זיי וואָלטען אונז ניט באליידיגט, און ניט געשטאָכען ווי דערנער. דער וואָרט „נצבים" מיינט אין ר"ת „נודר צדקה ביום הדין ינצל ממיתה". דער וואָרט היום מיינט אין ר"ת „הן ילמדו ותרנות ממנו", דאָס מיינט גאָר פשוט, אז היינט אין דעם יום הדין, דאַרף מען מנדר זיין צדקה, צו שטיצען אלעס וואָס עס האָט צו טהאָן מיט דעם לערנען תורה, יעדער מענש וואָס לערענט תורה, אָדער שרייבט ספרים און ביכער צו לערנען די מענשהייט וויסענשאפט, איז בארעכטיגט עפ"י דין, מען זאָל איהם העלפען, ווייל ווען מען העלפט אַזאַ מענשען איז מען דאָך מקיים דעם הן ילמדו ממנו. ווען פרעה'ס טאָכטער האָט דערהערט משה'ס קול, האָט זי מבטל געווען די גזירה פון איהר פאָטער דעם רשע, ווייל משה'ס קול האָט דאָך געדארפט אין דער צוקונפט לערנען מיט אונז אידען תורה, האָט דער קול פון דעם קליינעם משה'ן געקריגען אין זיך דעם כח און מאַכט פון דער שפּעטערדיגער צוקונפט, אָט אַזאַ גוואַלדיגע און אונבעגרעניצטע קראַפט, האָט אין זיך דער לערנען פון תורה.

אָט דער געדאַנק ליגט אין די ווערטער: „אהבתי כי ישמע ד' את קולי", דאָס מיינט דעם קול תורה, אויב אָבער א איד שטיצט ניט דעם קול תורה, קען ער שרייען „אהבתי כי ישמע" אפילו פון היינט ביז איבעראיאָהר. און עס קען איהם העלפען אָט אקוראַט ווי א טויטען באַנקעס. עס איז נאר אַ רחמנות אויף אָט אזא מענשען וואָס ער איז אונוויסענד און מען דאַרף דאָס איהם זאָגען, אָט דאָס איז דער פשט פון דעם מאמר חז"ל,

וואָס די גמרא זאָגט: (ר"ה ט"ז) „וא"ר יצחק ד' דברים מקרעין גזר דינו של אדם, אלו הן: צדקה, צעקה, שנוי השם, ושינוי מעשה". איז דאָך אייגענטליך א קשיה: וואָס מיינט דאָס אז צעקה צוריייסט דעם גזר דין פון א מענשען? דער רבש"ע דער־שרעקט זיך דען פאַר דעם געשריי פון עמיצען? נאָר דער וואָרט „צעקה" מיינט ניט סתם גלאַט שרייען; צעקה, מיינט מען לערנען תורה, דער קול יעקב.

עס זיינען דאָ אזוינע שוטים נעבאַך, וואָס שרייען שטארק אין דאַוונען, אָבער די אָרימע תלמידי חכמים שטיצען זיי ניט,— זאָג איך אייך, אז שרייען קען אייך גאָר ניט העלפען!

א איד האָט מיך געפרעגט: „רבי! צווישען די פיער זאכען וואָס צוריייסען די גזרה, רעכענט ר' יצחק אריין שנוי השם, איז דאָך א קשיה: סטייטש! אז ער בייט איבער זיין נאָמען, קען ער דען דערמיט אָפּנאַרען דעם רבש"ע? אזוי ווי איינער זאָגט, דאָס בין איך ניט דער יעניגער, וואָס מען האָט אויף איהם גוזר געווען! איך רוף זיך גאָר ניט מיט יענעם נאָמען, נאָר מיט אן אַנדער נאָמען. דעם רבש"ע קען מען דאָך ניט אָפּנאַרען, טאָ וויאזוי קען העלפען שינוי השם?"

נאָר דער ענטפער איז פשוט: עס טרעפט אמאָהל אזא מענש וואָס די וועלט גיט איהם צו א נאָמען, „קאַרגער" אָדער „רשע" אָדער „היטלער", איז אויב דער קאַרגער ווערט אַ בעל צדקה, א גוטער מענש, דאַן מוז מען דאָך איהם „משנה שם" זיין, אָט אַזאַ שינוי השם איז מבטל די גזירה!

זעהט-זשע, מיינע טייערע אידען! זייט משנה השם! רופט זיך אָפּ מיט נדרים! אפילו די יעניגע וואָס דאַרפען ניט קיין שנוי השם, דאַרפען זיך דאָך אויך אָפּרופען, ווייל צדקה און צעקה דאַרפען מיר דאָך אלע.

(עס איז דאָ אזוינע מענשען וואָס רעדען זיך איין אז זיי דאַרפען ניט קיין שינוי השם. אזוי ווי יענע פרוי וואָס דער מאַן האָט זי געבראַכט צום רב פאַר א גט, האָט די פרוי אָנגעפאנגען שרייען. איך וועל אלעס טהאָן וואָס דער רב וועט מיר הייסען, נאָר מיט דעם באַדינג אַז איך זאָל זיין אַזוי ווי פריהער, איידער איך האָב חתונה געהאָט מיט אָט דעם מאַן, בין איך געוועזען אַן אלמנה, וויל איך נאָך אמאָהל האָבען דעם נאָמען אלמנה, אָבער איך וויל ניט דעם נאָמען גרושה! — איך האָב דאן צום ערשטען מאָהל אין מיין לעבען מיטגעמאַכט אזא צופאל, וואו דער שינוי השם דאַרף גאָר געמאַכט ווערען אויף אַן אנדער פערזאָן, און ניט אויף דעם פערזאָן וואָס וויל בלייבען לעבען. — כדי צו ראַטעווען דעם מאַן, האָט מען געמוזט משנה שם זיין דער פרוי)

מיינע פריינדע! אויב איהר ווילט אַז אין דעם יום הדין זאָל דער רבש"ע מבטל זיין אלע גזירות רעות, און געבען אונז א גוט יאָהר, מיר זאָלען אלע לעבען אַן אמת'ן גוטען לעבען, דאַן דאַרפט איהר ליעב האָבען די בני תורה, ווייל די בני תורה האָבען דאָך געווים ליעב אַלע מענשען, און צוויי מאָל „אהבה" איז די גימ"ט פון גאָט'ס נאָמען, (26) דער שם הרחמים. אָט דער־פאַר זאָגט די תורה נאָך „ואהבת לרעך כמוך", די ווערטער: „אני ד'!" דאָס מיינט אַז אויב איהר וועט ליעב האָבען איינער דעם אנדערען, דאַן איז דאָ דער שם הרחמים.

ניט ווי יענער איד האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך ניט פאַרזאָרגען מיט סעמעטערי, ווייל וויבאַלד אַז צווישען לעבעדיגע וועט דאָך איינער דעם אנדערען באַגראָבען פאַר א דאָלאַר, וועט מען דאָך א טויטען געווים באַגראָבען.

דער תנא הלל זאָגט „אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני", (פרק א'). איז דאָך א קשיה: פריהער זאָגט דער תנא אַז אויב איך וועל אליין ניט טהאָן פאַר זיך, וועט פאַר מיר קיינער

ניט טהאָן, און באלד ווידערשפרעכט ער זיך אליין, און זאָגט: און אז איך קען פאר זיך אליין גאָרניט אויפטהאָן, נאָר אין דער משנה ליגט דאָ בעהאַלטען אָט דער געדאנק אז אַ מענש זאָל זיך ניט גרויס האלטען מיט זיין רייכטהום, ווייל ניט נאָר איז די געלד ניט זיין אייגענטהום, נאר אפילו זיין גוף איז דאָך אויך ניט זיין אייגענטהום — דער רבש"ע קען דאָס צונעמען פון איהם יעדע מינוט — אָט דאָס מיינט אז „אם אין אני לי", אז אפילו מיין אייגענער איך באלאנגט דאָך ניט צו מיר, טאָ „מי לי", טאָ וואָס-זשע האָב איך?

אמאָהל טרעפט אז א מענש איז ביי זיך שטאָלץ, ווייל ער איז נאָך א בחור, און האָט ניט קיין פליכטען אויף זיך, פון אויפ-צוהאלטען א פאמיליע, זאָגט דער תנא: „וכשאני לעצמי", דאָס מיינט אז אויב א מענש איז ניט פארהייראַטה איז ער גאָר קיין גאנצער מענש ניט, נאר ער איז א „מה", די ר"ת פון „מה", מיינט מחצית הגוף.

אָט אַ דער געדאנק איז דאָ אין די ווערטער „אתם נצבים היום", הייסט זייט איהר אלע „עומדים"; די גמרא זאָגט: „תלוים ועומדים"—זייט- זשע ניט צו שטאָלץ ביי זיך, ווייל אז מיר וועלען זיין מיי זיך קליין, דאן קענען מיר בעטען ביי דעם רבש"ע אז ער זאָל דערוועקען זיין רחמנות איבער אונז, אין דעם זכות פון משה רבינו וואָס ער איז געווען אַן „ענו מכל אדם".

מיר קענען זאָגען צום דיין האמת: רבש"ע! זיי מבטל דעם דין איבער אונז, און האנדעל מיט רחמנות! אז פרעה'ס טאָכטער באשע (בתיה) האָט געקענט מבטל זיין דעם געזעץ פון א מלך, צוליב משה'ן, וואָס די תורה רופט איהם אָן „כי טוב" (ותרא אותו כי טוב), האָט זי רחמנות געהאט און מבטל געווען די גזירה פון „כל הבן", דארפסטו דאָך, רבש"ע, געוויס מבטל זיין דעם דין, און האָבען רחמנות אויף אונז.

אַט אַ דאָס זאָגט דער נביא הושע (יד) כל תשא עון — וקח טוב". „אמרו אליו", זאָגט צום רבש"ע, „כל", אז באַשע האָט צוליב משה'ן געקענט מבטל זיין די גזירה פון „כל הבן היארה", קען דאָך דער רבש"ע געווים מבטל זיין אלע גזירות צוליב דער תורה און מוחל זיין אויף אונזערע זינד ! „תשא עון", אַט אַ דעם געדאנק וואָס איך זאָג דאָ יעצט, פּאַסט ער זיך זעהר גוט אריין אין די ווערטער וואָס משה רבינו האָט געזאָגט : „ואם אין מחני נא מספרך",

משה רבינו האָט געטענה'ט צו גאָט : מיין נאָמען „משה", דאַרף דערמאָנען אז רחמנות ברעכט דעם דין, ווייל דעם נאָמען „משה" האָט דאָך מיר געגעבען פּרעה'ס טאָכטער, ווען זי האָט מיך פון וואסער געראַטעוועט. איז אויב דו האָסט ניט קיין רחמנות חו"ש און דער דין שטעהט ביי דיר העכער פון אַלץ, טאָ מעק חאָטש אוים מיין נאָמען. זאָל די וועלט ניט וויסען אז פּרעה'ס טאָכטער האָט מעהר רחמנות פון גאָט !

מיינע טייערע אידען ! היינט איז דער יום הדין ! מאָהן איך אויך ביי דעם רבש"ע אז ער זאָל רחמנות האָבען, אָבער איך טענה דאָך צום רבש"ע אין משה'ס נאָמען, טאָ שטיצט די יעניגע וואָס טראָגען משה'ס נאָמען !

איך מיין ניט אידען מיט'ן נאָמען משה, איך מיין די תלמידי חכמים. ווייל תלמידי חכמים רופען זיך בשם הכנוי „משה", אזוי זאָגט די גמרא : „משה שפיר קאמרת". איך פערלאנג פון אייך נאָך א בעסערע זאַך, אז איהר זאָלט אַפילו שטיצען די קענערם אויך ! קענערם ? האָט דער מלבי"ם זצ"ל אָנגערופען אַט אַ די וואָס קענען עסען אומגעוואשען, די וואָס קענען עסען אָהן א היטעל, און אָהן א ברכה.

(א געוועהנליכער איד קען אום תשעה באָב ניט עסען, ווייל ער לעגט דאָך ניט קיין תפילין, אָבער א קענער קען).

אָבער אויב אז אָט די קענערס האלטען זיך נאָך ביים לערנען תורה, דארף מען זיי העלפען, ווייל דער נביא באנוצט דעם לשון „וכתוב עליו בחרט אנוש" (ישעי' ח') — חרט איז א לשון חרטה. די גמרא זאָגט דאָך: „שמא עשה תשובה ודאי עשה תשובה". פארוואָס זאָגט די גמרא פריהער „שמא" און באַלד נאָכדעם „ודאי", איז דער ענטפער פשוט: די גמרא זאָגט דאָך אין נדרים דף י', „שמא ימות", איז דערפאר זיכער אז ווען א תלמיד חכם טהוט אן עולה, האָט ער געווים תשובה געטהאָן, ווייל א ת"ח ווייסט דאָך פון דעם „שמא ימות".

אָט אזוי איז מיט די קענערס, זיי וועלען זיכער חרטה האָבען, אָבער איהר, רבותי! איהר טהוט **צדקה**! אָט אויף דעם וועט איהר קיינמאָהל ניט דארפען חרטה האָבען! אויב איהר וועט אָפּלעגען די צדקה, קענט איהר גראדע יאָ חרטה האָבען!

א רייכער מאַן האָט ביפאָר זיין טוידט געהייסען זיינע קינדער אז זיי זאָלען פארשרייבען אלע נעמען פון די מענשען וואָס זיינען איהם שולדיג געלד. רופען זיך אָפּ די קינדער: טאַטע, זאָג אונז אויך די נעמען פון די מענשען וואָס דו ביזט זיי שולדיג! האָט דער קארגער גביר געזאָגט: דאָס וועלען שוין יענע אליין טהאָן, ווען זיי וועלען האלטען ביים שטארבען.—דער מענש איז אזוי „סעלפיש", אז אפילו פאר'ן טוידט וויל ער קריגען דאָס וואָס ער רעכענט אז עס בעלאנגט צו איהם.

אָבער וויפיל מענשען איילען זיך אוועק צו געבען דאָס וואָס עס בעלאנגט צו יענעם?

**רבותי**! די צדקה געלד בעלאנגט ניט צו אייך! דאָס מוזט איהר אוועק געבען צו די נויטליידענדע, וואָס פריהער! — איינע פון די דריי זאַכען וואָס גאָט האָט פיינט, איז „דל גאה". אין אידיש מיינט עס: ער זאָגט צום אָרימאַן, געה! דל, געה! אָט דער וואָס זאָגט אזוי צום אָרימאַן, האָט איהם גאָט פיינט!

איך האָב אַמאָל געהאלטען אַ רעדע אין אַ רייכער שוהל, וואו די אָרימע לייט ווערען שלעכט בעהאַנדעלט, און ממש גע־טריבען. האָב איך צו זיי אזוי געזאָגט: מיינע פריינדע! איהר דארפט זיך ניט שרעקען אויב די מילך איז חלילה ניט כשר, טאָמער איז אריינגעמישט אין דער מילך אביסעל מילך פון א דבר אחר, איך בין זיכער אז ניט—ווייל די דבר-אחר'ים לאָזען זיך ניט מעלקען . . .

עס טרעפט אמאָהל אז איינער איז פון דער נאַטור א קאַר־גער, ער וויל ניט שטיצען קיין אָרימע לייט. דערצו קען ער נאָך לערנען, פארדרעהט ער דעם פשט אין א פסוק, און ברענגט א בעוויז אז מען דארף ניט געבען קיין צדקה. אַט אזוי האָט א איד געטייטשט דעם פסוק „ארפא משובתם אוהבם נדבה", דאָס מיינט מען די רבי'שע איניקלאך, וואָס האָבען זיך אײַנגערעדט א משוגעת אז זיי זיינען שעהנע אידען. עס פאַסט זיי ניט צו ארבייטען, און עס איז שענער צו בעטען נדבות, זאָגט גאָט, איך וועל היילען זייער משוגעת!

אָבער איך טייטש אָט דעם פסוק אנדערש: ארפאָ משובתם! אויב עס איז חו"ש נגזר געוואָרען א גזרה אַז זיי זאָלען זיין קראַנק, וועל איך אומקעהרען דעם וואָרט „מחלה", און איך וועל מאַכען פון דעם וואָרט „מחלה" דעם וואָרט „הלחם", ווייל זיי גיבען צו די אָרימע א נדבה, און אָט דערפאר האָב איך זיי ליעב! אוהבם! ווייל זיי גיבען נדבות! „משובתם" מיינט ניט משוגעת, נאָר דאָס מיינט אומקעהרען דעם וואָרט „מחלה", און אויסהיילען זיי.

אָט דערפאר האָט ר' יוחנן געזאָגט (ברכות ו') „הב לי ידך —יהב לי ידיה ואוקמיה". דורך צדקה וואָס מען גיט מיט'ן האנד, קען מען אומבייטען דעם וואָרט „דוי", אויף דעם וואָרט „ידו", דאָס מיינט לשון חכמים מרפא (כתובות כג). די חכמים וואָס

לערנען תורה ווערען אַנגערופען „סופרים״, ווייל זיי צעהלען די אותיות פון דער תורה, און טהוען מיט די אותיות זעהר נוצליכע זאכען. (סופרים מיינט צעהלען). אויף דער תפלה: „וסלחת לעונינו כי רב הוא״, צעהלען זיי די אותיות פון דעם וואָרט „הוא״, און זיי זאָגען אז דערפאר איז ר״ל אונזערע זינד אזוי גרויס, ווייל עמלק (דער יצר הרע) איז שולדיג אין דעם.

די אותיות „הו״ בעלאַנגען צו „יה״, און דער א׳ פון „הו-א״ צו דעם וואָרט „כס״. ד״ה, אז גאָט׳ס נאָמען וועט ווערען גאַנץ (הו און יה), צוזאַמען איז עס י-ה-ו-ה און פון דעם וואָרט „כס״ וועט ווערען „כסא״, ביז וואנען אָבער עמלק איז נאָך ניט אָפּגע-מעקט, איז „יד על כס-יה״ (בשלח). אויב ניט אָט דער פשט׳ל, איז דאָך אַ קשיא: דערפאַר וואָס „רב״ איז „וסלחת״?

מיינע פריינדע! מיר מוזען שטיצען די תלמידי חכמים, ווייל מיט זייער חכמה קענען זיי אונז יעצט העלפען, מיר זאָלען האָבען א גוט יאָהר. דעם פסוק „עת לעשות לד׳ הפרו תורתך״ (תהלים קי״ט) טייטשט מען אזוי: אז גאָט טהוט אלעס וואָס ער וויל, נאר אין דער צייט וואָס מען לערענט חו״ש ניט קיין תורה, אין דער צייט וואָס „הפרו תורתך״, דאן איז „עת לעשות לד׳ ״. אָבער ווען תלמידי חכמים לערנען תורה, דאן פאָלגט דער רבש״ע די תלמידי חכמים אלעס וואָס זיי הייסען. און די תלמידי חכמים האָבען די מאַכט צו הייסען דעם בית דין של מעלה אז מען זאָל אונז חתמ׳ענען א גוט יאָהר.

דער פרעזידענט פון מיין שוהל איז אן אמעריקאנער גע-בוירענער און ער קען ניט ארויסרעדען שארף דעם חית (ח׳). אז איך האָב געהייסען אז מען זאָל שיקען פון די מעות חטים

געלד צו אן אָרימען תלמיד חכם, האָט דער פּרעזידענט ניט גע־וואָלט געבען, ער האָט אָבער ניט געקענט זאָגען „מעות חטים" נאר ער האָט געזאָגט „מעות גיטים". האָב איך באַלד געגעבען די געלד פאר'ן אָרימען ת"ח; אז דער פּרעזידענט האָט פּראָטעס־טירט, האָב איך איהם געזאָגט אז ער אליין ווייסט ניט ווי גוט ער איז . . . אָט אזוי זאָג איך צו אייך, מיינע פריינדע ! מעות גיט־אים ! שטיצט די אָרימעלייט !



# וילך

## דרשה(שדרשתי)צו דער אינסטאלײשאָן פון א שמש א ת״ח

מיינע טייערע צוהערער! פארוואָס זאָגט די תורה: „ממרים הייתם עם ד׳״? דער וואָרט „עם״ מיינט דאָך אז זיי האָבען גע-זינדיגט חו״ש צוזאמען מיט׳ן רבש״ע! אויב די תורה וויל זאָגען אז מיר האָבען געזינדיגט, האָט דאָך די תורה געדארפט נוצען דעם אויסדרוק „נגד ד׳״ — סטייטש! אפילו דער נארישסטער מענש אין דער וועלט, וועט דאָך ניט זאָגען אז דער רבש״ע האָט געזינדיגט צוזאמען מיט אונז! איז דער ענטפער אזוי:

אסאך מענשען בעגרייפען ניט אז די תורה האָט אין זיך טיעפע סודות (און אין יעדער וואָרט איז איינגעוויקעלט דער צוקונפטיגער פראָגרעס פון דער מענשהייט). זיי זאָגען אזוי, ווי מען זאָגט אין ענגליש: „ריעד די בייבעל״! זיי נעהמען ניט אָן די תורה אלס די גרעסטע וויסענשאפט, וואָס מען דארף שטודי-רען און מאטערען דעם מח און כח צו לערנען יעדער וואָרט פון דער תורה. אָט די נארישע „בייבעל לעזער״, זיינען „ממרים עם ד׳״. זיי זיינען כלומרש „בייבעל מענשען״, אָבער זיי טהוען אָן שאדען. זיי שטערען דעם פראָגרעס און אנטוויקלונג פון א בעסערע מענשהייט וואָס זאָל קענען לעבען אין פריעדען און הארמאָני, דאָס מיינט פשוט, זיי זיינען „ממרים״, קריגערישע מענשען, (דער וואָרט ממרים מיינט פראָטיוואניקעס). און זיי

נעהמען נאָך אריין גאָט און זיין תורה אלס א שותף צו זייערע גיפטיגע האָס פארשפרייטונגען, און שנאה צווישען מענש און מענש.

א איד האָט אמאָל געשריבען צו זיין שותף אז ער איז געקר־מען מיט דער סחורה (וואָס זיי האָבען בשותפות) קיין לייפציג, און „אין קונה״ ! (דאָס מיינט: קיינער וויל ניט קויפען). האָט איהם דער שותף געענטפערט מיט די ווערטער : וויפיעל קונים דארף מען דען ? דו האָסט דאָך איינעם, טאָ פארקויף איהם !

אָט אזוינע מענשען זיינען דאָ אסאך, וועלכע פארשטעהען אזוי פיעל די תורה, פונקט ווי יענער איד האָט פארשטאַנען וואָס עס מיינט „אין קונה״. זיי ווילען גאָרניט באגרייפען אז „שאפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה תלמוד (ע״ז י״ט). היינט וויפיעל דארף מען שוין לערנען די תורה ?

אויף דעם פסוק „עם נבל ולא חכם״, זאָגט דער תרגום „דקבילו אורייתא ולא חכימו״. אין פשוט׳ע ווערטער, הייסט עס אז אויב איינער נעמט אָן די תורה בלויז אין פשוטע טייטש ווער־טער, קען ער קיין חכם ניט זיין. אזוי זאָגט די גמרא (ב״מ ל״ג) רבו שלמדו מקרא ולא למדו חכמה. דער תרגום אונקלוס איז גע־ווען א תלמיד פון ר״א, און ר״א האָט געזאָגט אז דער פסוק : „בגוי נבל אכעיסם״, מיינט מען די צדוקים, וואָס זיינען מודה אין תורה שבכתב, און זיי לייקענען אין תורה שבע״פ. אָט אָ דעם זעלבען געדאנק פון זיין רבי׳ן האָט דער תרגום אויסגעדרוקט אין די עטליכע קורצע ווערטער „דקבילו אורייתא ולא חכימו״.

די תורה זאָגט : ״ודברת בם״. **בם** איז ר״ת **ב**ראשית — **מ**אימתי, דאָס מיינט אז יעדער איד דארף זיך אויפפיהרען לויט דעם וועג, ווי די תורה שבכתב לערענט אונז, און אויך ווי תורה שבע״פ לערענט אונז, אין אָט דעם וואָרט „בם״, איז דאָ דער אָנפאנג פון תורה שבכתב ובע״פ. די תורה שבע״פ איז אויך

געגעבען געוואָרען דורך משה רבינו. „כולם נתנו **מרעה** אחד". (קהלת). דער וואָרט „**מרעה**" איז ר"ת **מ**שה **ר**בינו **ע**ליו **ה**שלום

די גמרא זאָגט (מנחות כ"ט) אז משה רבינו האָט געפרעגט: פארוואָס דער רבש"ע גיט ניט די תורה דורך ר' עקיבא'ן ? האָט דער רבש"ע איהם געענטפערט : „שתוק, כך עלה במחשבה לפני" איז דאָך א קשיה : סטייטש ! אז משה רבינו פרעגט דעם רבש"ע א פראגע, פארוואָס גיט איהם דער רבש"ע ניט קיין ענטפער ? ער הייסט איהם גאָר שווייגען ! מיר דארפען דאָך לערנען מדות טובות פון דעם רבש"ע „מה הוא רחום אף אתה רחום", טאָ וואָס איז דאָס פאר א מדה טובה ? נאר דער וואָרט „שתוק" איז ניט אלעמאָהל א באַליידיגונג. אַמאָהל זאָגט מען צו איינעם שווייג, איך פאָלג דיך שוין, ווייל דו ביזט גערעכט. אָט אָ דאָס האָט גאָט געזאָגט צו משה'ן. שווייג ! דו ביזט דאָס טאקע דער שפּעטער־דיגער ר' עקיבא !

די גמרא זאָגט : (מגילה י"ג) „שבשבעה באדר מת . . . ובשבעה באדר נולד" — די גמרא זאָגט פריהער „מת" און נאָך דעם „נולד", ווייל משה איז באלד נאָכאַמאָהל געבוירען געווארען באלד נאָך'ן טוידט, און זיין נשמה לעבט אין אלע גרויסע גע־לערענטע מענשען, אין אלע מענשען וואָס ווילען ברענגען פריי־הייט און ליכט צו דער מענשהייט. און ר' עקיבא האָט אין זיך געהאט משה'ס נשמה. ר' עקיבא האָט אויך געוואָלט בעפרייען די וועלט, ער האָט אויך געלעבט א הונדערט און צוואנציג יאָהר, אזוי ווי משה רבינו.

איך בין זיכער אז די תורה וואָלט ניט געוועֶן שרייבען : „וימת משה", נאר משה רבינו האָט געמוזט דורך מאַכען דעם שטארבען, ווייל פון איהם לערענט מען אָפּ „תחית המתים". מנין לתחה"מ מן התורה, שנאמר : „אז ישיר משה". און אזוי האָט ר' עקיבא געוואָלט צייגען דער וועלט אז מען קען מקיים

זיין דעם פסוק „בכל נפשך”. דער פסוק „כולם נתנו מרעה אחד מיינט אז תורה שבע”פ ובכתב זיינעןביידע פון איין (1) פאַסטוך —ר’ עקיבא און משה רבינו — דאָס איז איין און דערזעלבער פאַסטוך !

די גמרא זאָגט (פסחים פ”ז) „אוי לה לרבנות שמקברת את בעליה”. רש”י: „ע”י שמתנשאים ברבנות הם מתים”, דער לשון „מקברת את בעליה” מיינט אזוי : אזוי ווי אויפ’ן סעמעטערי באַגראָבט מען דאָך דאַרטען בלויז דעם יעניגען וואָס די שטיקעל ערד איז זיינע. אָט אזוי איז רבנות געגליכען צו א סעמעטערי. ווייל אויף א סעמעטערי איז דאָך אזוי : דער וואָס קומט אליין אויפ’ן סעמעטערי, געהט דאָך צוריק, אָבער אָט אָ דעם וואָס מען ברענגט איהם, געהט דאָך שוין אליין ניט צוריק — אזוי איז אויך ביי רבנות — אָט די רבנים וואָס מען ברענגט זיי, די וואָס האַלטען זיך גרוים ביי זיך, בלייבען שוין דאַרטען, און געהן ניט ארוים קיין לעבעדיגע (שמקברת את בעליה). אָבער משה רבינו מיט רבי עקיבא, האָבען זיך געהאַלטען ניט ווי רבנים, נאר ווי פאַסטוכער.

ביי א ישובניק איז געקומען צופאָהרען א רבי, פרעגט דער ישובניק דעם רבי’ן פון וואָס פאר א יחום ער שטאַמט ? רופט זיך אָן דער רבי אַז ער איז דעם דובר שקרים’ס אָן אייניקעל. דער ישובניק האָט געגעבען א דרעה מיט’ן קאָפּ, און א זאָג געטהאָן, אז פון אייניקלאך ווערט ער ניט אזוי באַגייסטערט. האָט דער גבאַי אָפּגערופען דעם ישובניק אויף א זייט, און איהם איינגערוימט אין אויער, אז דער רבי איז אָן ענו, ער וויל זיך ניט אַרויסגיבען, אָבער ער איז דאָס טאַקע דער דובר שקרים אַליין ! אָט דאָס איז אַנדערע ווערטער ! האָט דער ישובניק אַ זאָג געטהאָן מיט א שטראַהלענדען פנים, — פון א רבי’ן האַלט איך. און ער האָט איהם באַלד געגעבען אַכצעהן (18) דאָלאַר אַ פדיון.

מיינע פריינדע ! אַט אַזוינע ישובניקעס זיינען דאָ אַסאַך. אַט דערפאַר זיינען מיר ווי דער תרגום זאָגט : „דקבילו אורייתא ולא חכימו". די אמת'ע תלמידי חכמים ווערען פארשעהמט, ווייל די יעניגע ישובניקעס וואָס ווילען אפילו העלפען די תלמידי חכמים, זיינען ניט קיין מבינים אויף די אמת'ע ת"ח.

דער נביא יחזקאל זאָגט : (ט"ז) ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך בדמיך חיי, בדמיך חיי". דער וואָרט „דמיך" איז א לשון „דומיה", דאָס מיינט : אז ווען א תלמיד חכם ווערט פארשעהמט, מען איז איהם שופך דמים, אָבער אז ער פארשווייגט זיינע בזיונות, קען ער נאָך ווי עס איז זיך דורך לעבען. בדמיך ! צוליעב דיין שווייגען — חיי ! וועסטו האָבען פרנסה. ווען א תלמיד חכם דארף שוין יא זאגען, דאן דארף עס ארייגעזאָגט ווערען דורך א וויציגען משל, ער דארף איינוויקלען דעם מאָראַלישען מעדיצין אין (קענדי) א געשמאַקען טעם. אויב ניט ? וועט מען זיין מעדיצין ניט איינעהמען.

דער הייליגער תנא ר' מאיר האָט באנוצט משלים פון פוקסען. מיר דארפען זיך היינטיגע צייטען אויך באנוצען מיט משלים פון חיות, — די נאַטור איז אז ווען א הונט שלאָגט זיך מיט א חזיר, האַפּט דער הונט אָן דעם חזיר פאַר'ן אויער, — איז דאָך א פראַגע : פארוואָס האַפּט ער איהם אָן גראָדע פאַר'ן אויער ? דער ענטפער איז : די גמרא זאגט (שבת קנ"ה) „לית דעניא מכלבא ולית דעתיר מחזירא". עס איז ניטא קיין אָרימערס פון א הונט, און עס איז ניטא קיין רייכערער פון אַ חזיר — האַפּט דער הונט אָן דעם חזיר פאַר'ן אויער, אזוי ווי א־יינער וואָס וויל ארייגרוימען א גביר אין אויער אריין : זייט ניט קיין חזיר !

ביי אונז אין שטעדטעל פלעגט פאָרקומען גרויסע קריגעריי — די אָרימעלייט פלעגען שרייען, אז ווען מען שעכט אן

אָקס, איז די גבירים חאַפּען זיך צו דאָס בעסטע פלייש, און אין שוהל פאַרחאַפּען זיי „ששי" און די מזרח וואַנט — האָט אונזער רב געהייסען דעם שמש ער זאָל אויסרופען אז דער גאַנצער אָקס איז גוט, די גאַנצע תורה איז גוט ווי „ששי", און די גאַנצע שוהל איז אַזוי גוט ווי מזרח. האָט דער שמש פאַרביטען די יוצרות און ער האָט אויסגערופען: די גאַנצע תורה איז אַזוי גוט ווי „ששי", און דער גאַנצער מזרח איז אַזוי ווי אַן אָקס.

איהר הערט, מיינע פריינדע! די משלים פון חיות קענען אונז געבען א גוטען באַגריף פון וואָס פאַר א מענשען אונזער וועלטעל באַשטעהט.

דער קעלמער האָט אַמאָהל געזאָגט, אז ווען ער איז געגאַנגען אין א פריהמאָרגען האָט איהם א באָק געזאָגט: גוט־מאָרגען מגיד! האָט ער אויסגעשריען, סטייטש! באָק! וואָס ביזטו מיר פאַר א מחותן? האָט דער באָק געגעבען א טרייסעל מיט'ן בערדעל, אַזוי ווי איינער זאָגט: איך טראָג א באָרד און דו טראָגסט א באָרד! — געה איך מיר אַזוי ווייטער, באַגעגענט מיך א בהמה, און זאָגט מיר: „גוט מאָרגען, מגיד"! — שריי איך אויס: בהמה! וואָס פאַר א מחותן ביזטו מיט מיר? שטרעקט אויס די בהמה דעם האַלז, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: דו עסט דאָך מיין פלייש! — געה איך מיר ווייטער, באַגעגענט מיך א חזיר, און זאָגט: גוט מאָרגען מגיד! האָב איך געגעבען א געשריי: דו חזיר! דיין פלייש עס איך ניט, קיין באָרד טראָגסט דו ניט, טאָ וואָס פאַר א מחותן ביזטו מיט מיר?

דער קעלמער האָט דערמיט געגעבען אַן אָנצוהערעניש צו די יעניגע מענשען וואָס זיינען ניט פרום און ניט גוט, ניט זיי דאַווענען, און ניט זיי גיבען צדקה. אָט דאָס האָט ישעיה הנביא געזאָגט „כל ראש לחלי וכל לבב דוי". דאָס מיינט, זיי לעגען ניט קיין תפילין, ניט דעם של ראש און ניט דעם של יד, וואָס איז

כנגד הלב. (די תפילין „של ראש״ איז דער סימבאָל פון תורה, און די תפילין „של יד״ איז דער סמבאָל פון גמ״ח און צדקה — זאָגט דער נביא אז ביי זיי איז ביידע זאכען ניטאָ).

אויב עס מאַכט זיך שוין יאָ אַ צדיק ? איז ער אַ האַרי־אַפּניק), וויל ער מקיים זיין אלע מצוות מיט איין מאָהל. אזוי ווי יענער קארגער גביר, ער האָט גענומען אן אורח אויף שבת, גע־געבען איהם קאליעדיגע פיש. דער אורח איז קראנק געוואָרען און געשטאָרבען. האָט דער גביר מקיים געווען הכנסת אורחים, בקור חולים, און הלוית המת, אַלעס מיט איין מענשען.

אָט אזוי, מיינע פריינדע, זיינען היינט דאָ אסאַך אזעלכע צדיקים, רעדעל פיהרער און קהל׳שע קליאמקעס, וואָס מען קען אויף זיי זאָגען „ממרים עם ד׳ ״.

ביי א מיטינג פאר „ישוב ארץ ישראל״ איז דער פאָרזיצער (טשערמאן) געווען א מענש אָהן א באָרד, און אזוי ווי דער פאָר־זיצער האָט געדארפט ענטפערען א טעלעפאָן, האָט ער געבעטען א אידען מיט א באָרד אז ער זאָל איבערנעמען זיין אַמט פאר א פאָר מינוט. ווען דער רעדנער האָט זיך אומגעקוקט אין מיטען זיין רעדע און דערזעהן אז דער פאָרזיצער האָט א באָרד, האָט ער זיך דערשראָקען און אויסגערופען : פריינדע ! אָט אָזא לאנגע רעדע אז ביי דעם פאָרזיצער זאָל דורך דער צייט אויסוואקסען אַ באָרד, האָב איך נאָך ביז יעצט ניט געהאלטען, אָבער אז איהר זיצט און הערט מיך אוים, איז דאָך א סימן, אז איהר זייט פון יענע מענשען וואָס ווילען בעסער אָפּזיצען, איידער באצאָהלען. (אין קאָורט זאָגט אמאָהל דער ריכטער : צען דאָלאר שטראַף אָדער זיצען צען טעג אין פריזאָן). — אָבער מיט׳ן אָפּזיצען אליין קען מען ארץ ישראל ניט דערגרייכען ! זייט ניט ווי יענע גבירים וואָס שענקען א ספר תורה אין שוהל, אָבער זיי זיינען די ספר תורה אליין ניט מקיים (זיי הייסען די אָרימעלייט זאָלען מקיים זיין די תורה).

די תורה זאָגט: „כתבו לכם את השירה הזאת", **לכם**— צו אייך אליין! איהר דארפט טאקע אליין מקיים זיין די תורה! עס זיינען דאָ אזוינע גבירים וואָס ווילען אז די אָרימעלייט, די ארבייטער, זאָלען גלויבען אין גאָט, אָבער זיי אליין גלויבען ניט.

אן אָרימאן איז אמאָהל געשטאנען אין שוהל און געוויינט: רבש"ע! שיק מיר צו עפּים א פרנסה! א גביר האָט געהערט ווי דער אָרימאן בעט זיך ביי דעם רבש"ע, געהט ער צו צו דעם אָרימאן, און זאָגט צו איהם: נאָט אייך פינף-און-צוואנציג דאָלאר דער רבש"ע האָט דאָס געשיקט צו אייך. דער אָרימאן האָט צו-גענומען די געלד, און אויסגערופען: א דאַנק דיר, גאָטעניו! רופט זיך אָפּ דער גביר: נו? און פאַרוואָס בעדאַנקט איהר מיר ניט? איך האָב דאָך געבראכט די געלד. — איהר האָט שוין פון דעם גענוג געהאט, — רופט זיך אָפּ דער אָרימאן — איך בין זיכער אז גאָט האָט מיר געשיקט א גאנצען הונדערטער, האָט איהר פאר זיך פינף-און-זיבעציג אראָפּגענומען.

אָט אָ דער אָרימאן האָט געלייענט די תורה — ער איז גע-ווען בעל קריאה, אָבער ניט קיין ת"ח. ווען ער וואָלט אָבער געוועזען א תלמיד חכם? וואָלט ער געוואוסט אַז עס קומט דעם גביר א דאַנק און א ברכה פאר'ן אָפּגעבען דאָס וואָס גאָט שיקט. ווייל „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" (ברכות ל"ג).

(א קלוגער איד האָט אמאָהל געשיקט דורך א דעלעגאַט געלד קיין יוראָפּ, האָט ער געזאָגט צום דעלעגאַט: נאָ דיר טויזענט רובעל, און גיב פון די געלד מיינע עלטערען, וויפיעל דו ווילסט אַליין. האָט דער דעלעגאַט געוואָלט נעהמען זיך 975 רובעל און געוואָלט גיבען יענעמ'ס עלטערן, 25 רובעל. האָט דער רב גע-פסק'ענט אז דער דעלעגאַט זאָל אוועקגעבען 975 צו יענעמ'ס עלטערען. סטייטש! האָט דער דעלעגאַט געשריגען צום רב — איך האָב דאָך אָפּגערעדט מיט יענעם אז איך זאָל אוועקגעבען

זיינע עלטערען וויפיעל איך אליין וויל ! — דאס איז דאך טאקע אזוי — האט דער רב געענטפערט — אט וויפיעל דו ווילסט, אט אזוי פיעל זאלסטו געבען יענעם׳ס עלטערען. דו ווילסט דאך 975, טא גיב זיי טאקע אזויפיעל וויפיעל דו ווילסט — 975 דאל.

רבותי ! מיט אונזער שמש איז אויך אזוי — אט וויפיעל ער וויל אט אזויפיעל זאל ער אוועקגיבען פון די נדרים ונדבות פאר׳ן שוהל און ת״ח, ווייל ווערט איז אונזער שמש אסאך מעהר געלד, ווי די געלד וואס ער קריגט ביי אונז. ער איז דאך ניט נאר א בעל קריאה, נאר אויך א גרויסער ת״ח, ער וועט אונז לערנען און לייענען ביידע זאכען צוזאמען. ער איז ניט פון די „ממרים עם ד׳״, ער איז „משמש באור התורה ואור התורה מחייהו״ (כת׳ קי״א). מען דארף איהם די ווערטער „נגה״ש״ (פון דער חנוכה-דריידעל) ניט צייגען (נגה״ש מיינט: **ניט גנב׳ע היינט שמש**). ער האט אין זיך נאך זעהר א גרויסע מעלה: ער איז „גדול שמושה יותר מלמודה״. ער איז מעהר שמש ווי רב, דערפאר קען מען אויף איהם ניט זאגען „רבנות שמקברת את בעליה״, ער וועט חו״ש די בעלי בתים ניט באגראבען. (ווייל מיר האבען איהם אויפגענומען אלס א שמש און ניט אלס רב). אויף דעם האבען מיר אן אנדערען.

איך בין דאך א כהן, בענטש איך איהם אז ער זאל ניט זיין אזוי ווי יענע צוויי שמשים, ער זאל ניט ווערען פארדרעהט ווי דער שמש פון די ציצית, און ער זאל ניט ווערען פארברענט ווי דער שמש פון חנוכה ליכט. נאר עס זאל אויף איהם מקוים ווערען „בן מאה ועשרים שנה אנכי היום.

אויב א שמש האלט זיך קלענער פון א רב, איז גוט, ווייל דהע״ה זאגט : **רחש** לבי דבר טוב״, דער ווארט „רחש״ איז

ר"ת רב חזן שמש, אויב אבער א שמש איז גרוים ביי זיך, אז ער איז פריהער פון דעם רב, אויב אז „אעירה השחר", דאָס איז די ר"ת פון שמש חזן רב, דאן טויג עס ניט, אָט אזא שמש דארף מען גאָר איהם וועקען, און מען דארף ווארטען אויף איהם אז ער זאָל קומען עפענען די שוהל.

(אין די ביידע פסוקים, איז דער חזן ניטאָ פון אָנפאנג, ווייל מיט א חזן פאַנגט מען זיך ניט אָן).

אונזער שוהל דארף האָבען אַ שמש וואָס קען זיין אַ רב. די ר"ת פון וואָרט „רב" מיינט רעזומני בערע". מיר דאַרפען אַ שמש וואָס טויג צו נעהמען געלט, און דאָס איז אונזער שמש. יהי השמש!

# האזינו

## אן אפיעל פיר ר״ה — להחזקת תלמידי חכמים

רבותי! צו וואס האבען משה רבינו און ישעיה הנביא זיך געווענדעט צו די הימלען און ערד, אז זיי זאלען זיך צוהערען צו זייערע רעד? די הימלען אדער די ערד קענען דען הערען? עס איז דאך פונקט אזוי ווי טענה׳ן צום לאמפ! עס איז אויך קשה: פארוואס האט ישעיה הנביא איבערגעקעהרט דעם נוסח און געזאגט דעם לשון „שמע״ צום הימעל, און דעם לשון „האזינה״ צו דער ערד? פארוואס האט משה רבינו געזאגט: „ותשמע הארץ אמרי פי״ און ישעיה האט בלויז געזאגט „ד׳ דבר״?

דעם ענטפער צו די אלע קשיות קענען מיר געפינען אין דעם איינעם ווארט, וואס משה רבינו זאגט „ואדברה״, דאס מיינט,— איך אליין וועל רעדען; אבער ישעיה הנביא זאגט ניט אז ער אליין וועט רעדען, נאר ד׳ דבר — ד.ה., גאט האט גערעדט!

ווען משה רבינו און ישעיה הנביא האבען געזאגט צו די הימלען: הערט זיך איין הימלען! האבען זיי ניט געמיינט בלויז די הימלען, נאר זיי האבען געמיינט די תלמידי חכמים, די געלע-רענטע מענשען, וואס ווערען צייטענווייז באצייכענט מיט דעם נאמען „הימעל-מענשען״.

משה רבינו האָט זיך געווענדעט צו די אלע צוקונפטיגע חכמים און משכילים, און אזוי געזאָגט :

**האזינו** ! לעגט צו אייערע אויערען ! (האזינו איז א לשון אזן). אַז איהר וועט צולייגען אייערע אויערען צו יעדען וואָרט און בעטראכטען יעדען פינטעלע, וועט איהר קענען (ב״ה) זאָגען גאנצע בערג מיט חידושים פון גוטע תורה, אַז דער אַלגעמיינער פאָלק וועט פשוט לעקען די פינגער פון אייער תורה, עס וועט זיין „ותשמע הארץ אמרי פי״, — „הארץ״, מיינט מען דעם געוועהנ-ליכען פאָלק, דעם „עמך״, — —אָבער אין ישעיה׳ס צייטען איז דער פאָלק אוועק זעהר ווייט פון דער תורה, און ישעיה הנביא בעדויערט און זאָגט אזוי : איך וואָלט פון מיין זייט וועלען רעדען צו אייך מיט דעם לשון אמרי פי, ד.ה., אמירה רכה (רש״י יתרו). אָבער וואָס קען איך העלפען אז **ד׳ דבר** ! אז גאָט האָט גערעדט מיט א שטרענגען טאָן, איך וויים אז דערפאר וועט איהר מיך ניט ליעב האָבען, ווייל „האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא״ איז דאָך „משום דלא מוכח להו במילי דשמיא״ — (כתובות קה).

**ישעיה הנביא** זאָגט : „שמעו שמים״, דאָס מיינט, די ת״ח דארף ניט צולעגען אזויפיעל די אויערען, אָבער דער פאָלק וועט מוזען אפילו צו די פשוטע ווערטער צולעגען די אויערען, ווייל זיי זיינען ווייט פון דער תורה !

**והאזיני ארץ** ! מיינע פריינדע ! אָט דאָס איז אונזער היינטיגע צייט, וועגען וועלכער ישעיה הנביא רעדט דאָס, מיר האָבען זיך זעהר ווייט דערווייטערט פון דער תורה !

אין יוראָפּ איז אמאָהל א וואסער טרעגער געקומען יו״כ אין שוהל מיט א שטיק ברויט. וואונדערען זיך אלע אידען, און זיי פרעגען איהם : סטיאָטש ? ! דו ווייסט גאָרניט אַז יו״כ טאָר

מען ניט עסען ? שרייט אויס דער וואסער טרעגער : איך מעג ! דער רב אליין האט געזאגט שבת שובה אין זיין דרשה, אז די אלע וואס טראגען מעגען עסען אום יום כפור !

אידען ! ברידער ! מיר האבען היינט צו טאג, דא אין אמעריקא, אסאך אזוינע חכמים ווי דער וואסער טרעגער פון די אמאליגע צייטען . . .

אט אזוי טרעפט וויפיל מאהל דא אין אמעריקא, אז א רבאי זאגט א וויץ אדער א משל, מיינען איניגע אז דאס האט דער רבאי זיי געמיינט. דעם מאמר „חכמים הזהרו בדבריכם שמא תחובו חובת גלות", (פרק א) טייטש איך אזוי : רבנים ! היט זיך מיט אייערע רעד, ווייל אויב איהר וועט חלילה אנריהרען איימיצענס כבוד, וועט מען אייך חו"ש דורך טרייבען. „גלות", איז דער טייטש דורכטרייבען. — די ווערטער פון ישעיה הנביא „ידע שור קונהו", טייטש איך אזוי : די צדיקים פון יעדען דור ווערען באצייכענט מיט'ן נאמען „שור" (רש"י ויחי על הכ' וברצונם עקרו שור). אט די צדיקים ווייסען אז עס איז דא איין (1) גאט אויף דער וועלט, „וחמור", דאס מיינט מען די ת"ח, —חמר איז ר"ת חכמים מרנן רבנן (רש"י ויחי „סובל עול תורה). און די ת"ח מוזען דאך לערנען תורה, ווייל דאס איז דאך זייער פרנסה „וחמור אבוס בעליו", — אבער „ישראל לא ידע עמי לא התבונן" ! דער אלגעמיינער פאלק וואס זיין פרנסה איז ניט אלס צדיק און ניט אלס רב, אט א די חברה ווילען ניט לערנען קיין תורה.

א איד האט מיך אמאהל געפרעגט : רבי ! וואס זייט איהר געווען אזוי נערוועז ווען איהר האט געמאכט דעם אפיעל ? איהר זעהט אוים אזוי ווי איהר וואלט זיך געפינען אין א פייער ! האב איך געענטפערט : יא! איך וואלט זיך טאקע געדארפט געפינען יעצט לעבען א פייער, ווען איך זעה וואסערע אייזבערג

איך האָב פאר מיר, וואָס איך דארף מיט מיין רעדע צושמעלצען...

עס זיינען דאָ אזוינע אידען, וואָס אין די טעג פון „משפט" פון ר"ה ביז נאָך הושע"ר, ווערען זיי בעלי תשובה. זיי דער־נעהנטערען זיך צו דער תורה, און שטיצען די ת"ח. אָבער אזוי שנעל ווי עס ענדיגט זיך דער יו"ט פון „כפות תמרים" פון הושע"ר ביז דעם נעקסטען ראש השנה, קעהרען זיי זיך ווידער אָפּ פון דער תורה, און פון די מצוות. (זיי פארגעסען אז יעדער מצוה האלט אויף געזונט און אַ גאנץ גליד, אין דעם מענשליכען קערפער. דערפאר איז דאָך דאָ פונקט אזוי פיעל מצוות אין דער תורה, וויפיעל אָדערען און גלידער עס איז דאָ אין מענשען'ס גוף). אָט אויף דעם קלאָגט דאָס דער נביא, „מכף רגל ועד ראש אין בו מתום" ! ד.ה., פון כפות תמרים ביז ראש השנה טהוט ער ניט קיין איין (1) מצוה, זיי ווילען ניט שטיצען די ת"ח, חאָטש די ת"ח האָבען זיי אויף'ן געדאנק אלעמאָהל, און בעטען גאָט פאר די יעניגע וואָס שטיצען זיי.

א איד האָט מיך אמאָהל געפרעגט, פארוואָס א רב שטעהט לענגער שמונה עשרה ווי די בעלי בתים ? האָב איך איהם גע־ענטפערט, ווייל די בעלי בתים האָבען ביי דער שמונה עשרה צו טראַכטען נאָר וועגען איין (1) רב, בעת דער רב האָט צו טראכ־טען וועגען אסאך בעלי בתים . . . דער רב טראַכט נעביך אלע מאָהל איבער, אויב עמיצער פון זיינע אמאָליגע פאַטריאָטען, האָט זיך חו"ש ניט איבערגעקעהרט און איז געוואָרען פון אן „אוהב" אַן „אויב", פילייכט האָט זיך איהם צוגעגעסען דעם רב'ס דרשות . . .

**די גמרא** (תענית כג) זאָגט אַז ווען מען פלעגט מתפלל זיין עס זאָל רעגענען, און עס פלעגט מיטאמאָהל אויסברעכען זעהר א גרויסער שטראם רעגען, וואָס פלעגט אָפּשווענקען גאנ־צע שטיקער פון דער אויבערפלאך פון דער ערד, האָט מען ניט געטאָרט מתפלל זיין עס זאָל אויפהערען רעגענען מיט דעם

לשון **די**, ווייל וויבאלד רעגען איז דאָך א גוטע זאַך, איז „אין מתפללין על רוב הטובה".

אָט דערפאר האָט משה רבינו געזאָגט: „יערף כמטר לקחי" — דאָס מיינט, אז מיין תורה זאָל זיך אייך ניט צועסען, איהר זאָלט ניט זאָגען **די**, — לקחי איז א לשון „לקח", דאס מיינט די תורה וועלכע איך האָב גענומען פון דעם רבש"ע.

אָט דאָס זעלבע זאָג איך צו אייך, מיינע ליעבע צוהערער! דער מדרש זאָגט אויף דעם פסוק האזינו, „הלכה אדם מישראל החושש באזנו מהו שיחלל עליו את השבת, כך שנו חכמים פקוח נפש דחה את השבת". איז דאָך א קשיה! וואָס פאר א שייכות האָט דער דין פון „חושש באָזנו" צו דער סדרה פון האזינו? נאָר אזוי ווי עס זיינען דאָ מענשען וואָס זיינען ר"ל קראַנק פיזיש, אָט אזוי זיינען דאָ ר"ל קראַנקע אין גייסט, און די גייסטיגע קראנקהייט באשטעהט אין דעם, וואָס אָט די גייסטיג רואינירטע מענשען, ווילען ניט הערען די גוטע און קלוגע עצות פון דער תורה. אָט אויף דעם קלאָגט ישעיה הנביא „אזניו הכבד" — (ישעיה ו').

אָט דאָס איז דער געדאנק פון די ווערטער **תקעו** בחדש שופר בכסה . . . דער יו"ט ר"ה ווערט אָנגערופען צוויי נעמען **חדש** און **כסה**. די אותיות וועלכע קומען אין אלף בית פאר די אותיות **חדש** זיינען די אותיות גזר. און פאר די אותיות **כסה**, זיינען די אותיות **דין**. און פאר די אותיות **שפר** די אותיות **קרע**. דאָס מיינט אז מיר זאָלען דערהערען דעם רוף, און זיך אומקעהרען צוריק צו דער תורה, און שטיצען די תורה, דאן וועט מקוים ווערען **קרע** רוע **גזר דינינו**.

(עס זאָל ניט זיין אזוי ווי מען זאָגט: פארוואָס זאָגט מען „קומה ד' ויפצו אויביך", יוען מען נעמט ארויס די תורה, און אז מען שטעלט זי אריין צוריק, זאָגט מען „השיבנו"? — ווייל פאר'ן לייענען לויפען ארויס די קאַרגע אידען פון שוהל, זיי האָבען

מורא אז מען וועט זיי געבען אן עליה. אָבער נאָכ׳ן לייענען זאָגט מען השיבנו ! ד״ה, איהר מעגט שוין אריין צוריק אין שוהל, עס קאָסט שוין יעצט קיין געלד ניט, עס איז שוין נאָך׳ן לייענען . . . )

מיר דארפען לערנען פון דעם רעגען „יערף כמטר לקחי״, אַט אזוי ווי דער רעגען אליין קען דאָך פון דער ערד קיין תבואה ניט אַרויסציהען, מען מוז דאָך פריהער אַקערען און זייהען, אַט אזוי דארף מען געבען צדקה, און שטיצען די תורה. „זרעו לכם לצדקה וקצרו לפי חסד״! עס זאָל אָבער ניט זיין אַזאַ צדקה, וואָס מען זאָל זאָגען אויף אַט דער צדקה „ולנו בשת הפנים״, דער פשט פון די ווערטער „לך ד׳ הצדקה ולנו בשת הפנים״, קען מען אזוי טייטשען : לך ד׳ ! אז מען זאָל נעמען אין אנבעטראכט, וויפיעל מיר גיבען פאר גאָט׳ס תורה ! און — ולנו ! וויפיעל מיר נעמען פאַר זיך ! וואָלט אונז געפלאַמט דאָס פנים פאר שאַנדע . . .

די צרה איז וואָס מיר בעגרייפען ניט אויף ווי ווייט מיר ערנידעריגען אזוי אונזערע בעסטע מענשען פון פאָלק, די תלמידי חכמים, וועלכע קעמפפען אזוי שטאַרק פאר דער בעסטער זאַך אין דער וועלט, פאר דער תורה ! וואו זיינען די דריי מדות וואָס מיר אידען האָבען גע׳ירש׳נט פון אברהם אבינו : רחמנין, בישנין וגומלי חסדים ? !

עס טרעפט אמאָהל אז די יעניגע אידען וואָס קענען אביסעל לערנען, קוקען אריין אין א ספר אין דער צייט ווען א תלמיד חכם זאָגט א דרשה, אזוי ווי איינער זאָגט : איך וויל איהם ניט הערען, — דאָס מאַכט קאַליע דעם גאנצען איינדרוק וואָס די דרשה וואָלט געדארפט ברענגען, ווייל דער אלגעמיינער עולם טהוען נאָך אַט די לערנער, אזוי ווי מאַלפּעס . . . דערפאר זאָגט די תורה : — **האזינו השמים** ! איהר וועלכע קענט לערנען, הערט זיך איין : ווייל אויף אייך קוקענדיג, וועלען אַלע זיך איינהערען — ותשמע הארץ אמרי פי ! (אז איהר וועט הערען וועלען אלע הערען).

די גמרא זאגט: (ברכות כ"ח) רבן גמליאל האט געשטעלט א וועכטער ביי דער טהיר פון ביהמ"ד און איהם אנגעזאגט: „כל ת"ח שאין תכו כברו אל יכנס". איז דאך א קשיה! פון וואנען האט דער וועכטער געקענט וויסען וואס עס טהוט זיך ביי דעם ת"ח אינווייניג אין זיין הארצען? נאר דער ענטפער איז פשוט: דער וואס איז בלויז א תלמיד חכם אין פובליקום, אבער אין דער אמת'ען אין הארצען האט ער גארניט אזוי שטארק ליעב די תורה, אט יענער וואס איז ניט „תוכו כברו", האט אן אייגענעם וועכטער, דאס איז דער יצר הרע, ער לאזט איהם ניט אריין געהן אין ביהמ"ד, ווייל דער וועכטער זאגט צו איהם: הער זיך ניט צו צו יענעם רב, דו קענסט אסאך מעהרער פון איהם!

עס איז דא נאך א צרה: אסאך אידען האבען אין אלגעמיין גארניט קיין באגריף אז מען דארף געהן אין ביהמ"ד אלע טאג, זיי דענקען אז אין ביהמ"ד דארף מען געהן בלויז אין מאנאט „**אלול**", ווייל דהע"ה זאגט „**לולא** האמנתי" („לולא" איז די אותיות „אלול" צוריקצוועיז). ד"ה, אז א מאמין דארף מען ערשט ווערען אין חדש אלול.

בלעם האט געזאגט „מה טובו אהליך יעקב", איז דאך איי־גענטליך דער ווארט "מה" איבעריג. נאר מיר ווען דאס פאר־שטעהן דורך א משל. א קארגער גביר האט צוגעזאגט צו גיבען זיין איידים עטליכע יאהר קעסט. אבער אלע טאג פלעגט מען דעם איידים גיבען בלויז טרוקענע ברויט מיט אביסעל געקאכטע וואסער. ווען דער איידעם האט געבראכט זיין שווער פאר א דין תורה צום רב, האט דער קארגער גביר זיך אנגערופען צום רב: איהר הערט רבי, אז מען גיט יעדען פרי־מארגען א האלבען גרייפ פרוכט, א טעלער אוטמיעל, האלב־טוץ ראלס מיט פוטער, א פאר גלאז קאפע און לאקס אדער קריעם־טשיעז — איז דאס שלעכט? וואונדערט זיך דער רב און שרייט אויס צום איידים, דאס איז נאך ווייניג פאר דיר? — רבי! וואס שרייט איהר? האט דער איידים גיענטפערט, דאס וואלט געווים געווען גוט. די צרה איז

אָבער, וואָס ער פרעגט נאָר אויב עס איז גוט, נאָר גיבען — גיט ער דאָס דאָך ניט. אָט־אָ־דאָס האָט בלעם געפרעגט מה טובו, אויב עס איז גוט? אַז מען קומט אין שוהל אַריין אַלע טאָג? — די צרה איז אָבער וואָס מען קומט ניט!

אָבער, **רבותי**! היינט איז דאָך **ראש השנה**! דאַרף מען דאָך געווים זיין מאַמינים! בעט איך ביי אייך: שטיצט די תורה! ווייל דער וואָס גלויבט אין גאָט, גלויבט דאָך אין דער תורה!

---

## „ישראל ואורייתא וקוב״ה חד הוא״!

אין דער תורה ליגט די גרעסטע חכמה, אָט נעמט צום ביי־שפיעל די תורה זאָגט אַז יעקב האָט געבעטען ביי דעם רבש״ע „ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש״, איז דאָך א קשיה! פארוואָס האָט יעקב געדארפט זאָגען „ללבוש״? עס וואָלט דאָך געווען גענוג ווען ער זאָגט „לחם ובגד״! נאָר יעקב אבינו האָט געזעהן די פיער אותות ל״ל ב״ל — האָט ער מורא געהאט אַז דער ב״ל זאָל מיינען בגד לאכול, — עס טרעפט דאָך זעהר אָפט ר״ל, אַז א מענש ווערט אזוי אָרים, אַז ער דאַרף פאַר׳משכון׳ען א בגד, אָדער א קישען, פאַר אַ שטיקעל ברויט . . . די גרעסטע גבירים אין יוראָפּ האָבען דאָך אזוי געטהאָן (אין דער וואַרשעווער גע־טהאָ)!

די תורה לערענט אונז וויאזוי צו בעטען. אָט יעצט, ווען מיר שטעהען פאַר׳ן שופט צדק נעהענטער, דערפאַר דאַרפען מיר שטיצען די תורה, ווייל דורך דער תורה קענען מיר אויסבעטען א גוט יאָהר, עס זאָל זיין „לאכול וללבוש לרוב״— מרע״ה האָט גע־זאָגט: אויב איהר וועט מקיים זיין דעם „האזינו שמים״, ד״ה איהר וועט פאָלגען די ת״ח, דאן וועל איך הייסען דער ערד אַז „והארץ תתן את יבולה״, און „ותשמע הארץ אמרי פי״, די ערד וועט מיך מוזען פאָלגען!

# וזאת הברכה

## יזכור

מיינע טייערע צוהערער ! די תורה רופט אָן משה'ן „איש הא-לקים", איז דאָ א קשיה ! וואָס מיינט דאָס „איש הא-לקים" ? אונזער תורה זאָגט דאָך אונז אָן, אז עס איז דאָ איין (1) גאָט, מיר טאָרען דאָך ניט מאַכען קיין אנדערע געטער ! — און נאָך אַ קשיא ! די תורה זאָגט דאָך „יחי ראובן ואל ימות", איז דאָך אַ קשיא ! וויבאַלד אַז די תורה זאָגט „יחי", דאַרף דאָך שוין די תורה ניט זאָגען „ואל ימות, געוועגליך אַז מען לעבט שטאַרבט מען ניט !

רש"י ענטפערט, אז „יחי" מיינט „עוה"ז, און „ואל ימת" מיינט „עוה"ב. איז דאָך אָבער א קשיה ! אלע אידען וועלען דאָך האָבען עוה"ב, „כלישראל יש להם חלק לעיה"ב", טאָ צו וואָס דאַרף די תורה זאָגען גראַדע ביי ראובן'ען די ווערטער „ואל ימות" ? נאָר דער ענטפער איז אַזוי :

דער וואָרט „יחי" לייענט זיך צוריקוועגס אויך „יחי", דאָס איז אַן אַנדייטונג אז די נשמה פון יעדען מענשען נאָך'ן טוידט, קומט צוריק אין אַן אנדער פאָרם פון לעבען. משה רבינו האָט דאריבער געזאָגט, אז ווען ראובן וועט נאָך אמאָהל געבוירען ווערען אין אַן אנדער גוף, זאָל ער ניט זיין צווישען די „עשרה

הרוגי מלכות, ווייל ער איז דאָך ניט געווען ביי „מכירת יוסף";
אַט דערפאר זאָגט די תורה, „איש הא-לקים", „אלקים" מיינט די
„מדת הדין". משה רבינו האָט אונז געווארענט, אז קיינער קען
זיך ניט ארויסדרעהען פון דעם „דין", אז אפילו די שבטים וועלען
מוזען באצאָהלען מיט אזא גרויזאמע שטראָף, אין הונדערטער
יאָהרען שפעטער. דער שטארבען איז ניט אַזוי שרעקליך, עס
איז פונקט ווי אויסטהאָן א מלבוש, א קאַפּאָטע, — אָבער דאָס
איז אלץ גערעדט ווען דער מלבוש איז שוין אַלט און אָפּגילעבט,
און מען שטאַרבט אַ נאַטירליכען טויט! אייניגע מענשען, ווען
זיי שטאַרבען, זיינען זיי ניט טוידט! זיי זיינען גאָר געגליכען צו
איינעם וואָס לעגט זיך אָפּרוהען: אזוי ווי „וישכב דוד", אָבער
עס טרעפט דאָך אמאָהל אז נאָך'ן טוידט, דאַרף די נשמה אריין
אין אן אנדער גוף, און מתקן זיין דאָס וואָס זי האָט קאליע גע-
מאַכט, זייענדיג אין ערשטען גוף, און אויב די נשמה איז ניט
מתקן דעם צווייטען מאָהל, מוז זי דורכמאַכען א דריטען מאָהל,
„כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר",(איוב). עס טרעפט
אָבער זעהר אָפט אז די נשמה איז צוליעב איהרע מעשים ניט
זוכה אריין צו געהן אין דעם גוף פון א מענשען, און זי געהט
גאָר אריין אין א חיה, אָדער א בהמה, און עס קען חו"ש אזוי
דורך געהן הונדערטער יאָהרען! און אפילו אז זי געהט שוין
אריין אין א מענשען, איז אויב זי ווערט חו"ש ערגער, דאן געהט
זי צוריק אריין אין חיה!

קיינע געשענקטע זאכען איז ניטאָ — אין הימעל זאָגט מען
ניט „צדקתך צדק במנחה", דאָס מיינט, מען נעמט ניט אָן קיין
כאַבאַר . . .

(אַ פּאָליטישען האָט צו מיר אמאָהל אזאָג געטהאָן: דאָס
איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען וואָס איך זעה אז אַ רבאַי
זאָל לאַכען פון זיינע אייגענע וויצען! —האָב איך זיך אָנגערופען:
צום ערשטען מאָהל זעה איך אז א פּאָליטישען זאָל האלטען

די הענט אין זיינע אייגענע קעשענעס — דאָרטען, אויפ׳ן עולם האמת, לאָזט דער רבש״ע ניט צו קיין פּאָליטישענס).

אָבער פאַרוואָס דער רבש״ע לאָזט די פאַרברעכער אַזוי לאַנג טאַנצען, איז כדי דער זינדיגער מענש זאָל דאָך קריגען אָט דעם זעלבען ציטער, וואָס אַלע גאָט׳ס פאַרכטיגע מענשען קריגען. ווען אַ זינדיגער מענש האָט אין געדאַנק אַז ער קען שוין ניט זיין קיין (בעל תשובה), גוטער מענש, דאַן זינקט ער ביז׳ן אָפּגרונט. אויב אָבער אַז ער פיהלט אַז ער קען נאָך ווערען אַ גוטער מענש, דאַן קריגט ער עפּיס אַביסעל אַ ציטער, און ער האָט מורא צו ריזיקירען זיין צוקונפט, ווייל ער ווייסט דאָך אַז ער איז נאָך ניט אינגאַנצען פאַרלוירען!

אָט דאָס איז דער פּשט פון די ווערטער „כי עמך הסל׳חה למען תורא״ (בתפלת והוא רחום).

איהר הערט, מיינע פריינדע! אַ באָס איז געוואָרען אין כעס אויף אַן ארבייטער וואָס טהוט ניט אַזוי גוט די ארבייט, ווי ער וויל, און אויסגעשריגען: איך גיב אייך נאָטיס צוויי — צוויי — ביי דעם „צוויי״ האָט ער זיך פאַרהאַקט — ער האָט געוואָלט זאָגען צוויי וואָכען, ווייל אַזוי פאָדערט דער געזעץ ביים אָפּזאָגען אַן ארבייטער, אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז עס איז יעצט „מלחמה צייט״, און עס איז שווער צו קריגען ארבייטער, האָט דער באָס פאַרענדיגט — איך גיב אייך צוויי יאָהר, און ניט מעהר, געגנוג פון אייך געליטען!

מיינע טייערע צוהערער! ביי דעם רבש״ע איז יעדער מענש טייער, אַסאַך, אַסאַך מעהר ווי ארבייטער ביי אַ באָס, און דערפאַר טרעפט זעהר אָפט, אַז זינדיגע מענשען, ווערען ניט באַשטראָפט פון גאָט פאַר זעהר אַ לאַנגע צייט! אָבער שענקען,— שענקט מען ניט קיינעם, סיידען דער זינדיגער האָט תשובה געטהאָן און מתקן געוועזן זיינע פעהלערען.

עם זיינען דאָ אַסאַך רשעים וואָס לייקענען, און זאָגען אז א זינדיגער ווערט ניט באשראַפט פון גאָט. אָט דער געדאנק ווערט אויסגעדרוקט אין די ווערטער „מי כמוך עם נושע ב״ד ואשר חרב גאותך ויכחשו אויביך לך״. אייגענטליך איז דאָך א קשיה! וויבלד אַז די תורה זאָגט „נושע ב״ד״ דאַרף מען דאָך ניט קיין חרב״, טאָ פאַרוואָס-זשע זאָגט די תורה „ואשר חרב גאותך״? נאָר דער ענטפער איז אזוי:

דער רבש״ע הייסט אונז אז אין א צייט פון מלחמה זאָלען מיר אָנפיהרען א נאַטירליכע מלחמה, מיט אלע מלחמה אינסטרו-מענטען, דאָס גיט די רשעים א געלעגענהייט צו לייקענען אין דעם, אז מיר זיינען אן „עם נושע ב״ד״, זיי מיינען אז מען גע-ווינט א מלחמה נאָר מיט די מלחמה אינטרומענטען, זיי מיינען אז „ואשר חרב גאותך״, דערפאר ווארפען זיי אריין אין קאַמפף פון מלחמה אַלע זייערע אויפגעלומפערטע כוחות, זיי באַנוצען שרעקליכע פארברעכערישע מיטלען. אָט דערפאר זיינען מיר באַרעכטיגט צו ירש׳ענען זייער לאַנד, נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך ארויסגעצייגט פאר חיות, פאר קאַניבאַלען!

אָט דאָס מיינט „ואתה על במותימו תדרוך״, אין דער מלחמה וואָס די נאַצים האָבען געצייגט אז זיי זיינען ערגער פון די ערגסטע חיות, האָט אויך פּאַסירט א גרויסער **נס**. דער וואָרט „נס״, מיינט אין ר״ת: **נ**עמען **ס**ם, הימלער, דער מערדער, האָט איינגענומען **סם**.

די נאַרישע מענשען בעגרייפען דאָס ניט — זיי האָבען זיך אלע אָנגעזעצט אויף איין (1) וואָרט: סייענס״ — אמונה אין גאָט דאַרף מען ניט! שרייען זיי, מען דאַרף נאָר אז „סייענס״ זאָל פּראָגרעסירען, און אָט דער פּאָרטשריט וועט ראַטעווען די וועלט!

אַט די כּעלעמער חכמים, דערמאָנען מיך אין יענעם היפּאָ־כאָנדריאק וואָס האָט זיך איינגערעדט א קרענק: מיט א שוואַ־כער שטימע וואָס האָט געמאכט דעם איינדרוק אז דאָס זיינען זיינע לעצטע ווערטער פאר'ן טוידט, האָט ער פאַרטרויעט דעם דאָקטאָר אז ער האָט א געפעהרליכע לעבער קראַנקהייט. — „עס איז אַ פּשוט'ע משוגעת!" האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען דאָס איז דאָך אזא קראנקהייט וואָס דער חולה פיהלט זי גאָר אינגאנצען ניט, מען קען חו"ש האָבען אָט די קראַנקהייט לאנגע יאָהרען, און ניט פיהלען קיין שום וועהטאָג . . . דער קראנקער איז נאָך בלאָסער געוואָרען, און אויסגעשטאָמעלט א פאַרצוויי־פעלטער: „אָט דאָס איז עס דאָך! דאָס זיינען דאָך טאָקע מיינע סימנים — איך פיהל טאָקע ניט קיין שום וועהטאָג"!

אָט אזוי זיינען אַסאָך פון די יעצטיגע מנהיגים: **ניט געפּאַקט** און ניט געמאָזעלט, „לא קרא, ולא שנה, ולא שמש" . . . דאָס איז א חברה היפּאָכאָנדריאקס, זיי האָבען זיך איינגערעדט אז זיי זיינען דאָקטוירים פון פילאָזאָפיע, אמת טאָקע! א קרענק און אַ מכה וויסען זיי. . . .

זיי זיינען אזוי ווי יענער אפיקורס, וואָס לערענט מכות(מס') און חזר'ט „תמיד" און אין „תענית" איז ער פול . . . זיי פרעגען אזוינע קשיות אזוי ווי דער קאליעלישקער מגיד פלעגט פרעגען: שהע""ה זאָגט „כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות"?— האָט ער דאָך געקענט זאָגען:— „בשושנה בין החוחים בין רעיתי בין הבנות" — אָט אזוינע אונוויסענדע, אונזיניגע קשיות פרעגען זיי אויף דעם רבש"ע. עס איז דאָך פּשוט אוננאַטירליך, אז „ידע שור קונהו" און „ישראל לא ידע עמי לא התבונן"; עס קומט אויס אזוי ווי יענער פאַרמער, וואָס איז געשטאַנען אויף טאַימס-סקווער, געשמאָקעט מיט די ליפען, און געדרעהט מיט'ן קאָפּף אויף לינקס און רעכטס, אזוי ווי ער זוכט עפּיס. פרעגט איהם א פּאָליסמאַן, וואָס זוכט איהר? זאָגט ער: איך זוך די

אמאָליגע פערד ! היינט זעהט מען נאָר אָטאָמאָבילען" ! רופט זיך אָפּ דער פאַליסמאַן : היינט איז א מאָדערנע וועלט, די פערד פאָהרען אין די אָטאָמאָבילס . . .

אָט דערפאַר, רבותי, זאָגט די תורה : „איש האלקים" — משה רבינו, און אזוי אויך אלע תלמידי חכמים, וואָס ווערען אָנ־געדופען בשם הכנוי אלס „משה", זיי זיינען ניט קיין דאָקטוירים פון פילאָזאָפיע, נאָר זייער טיטול איז „איש האלקים", דאָס מיינט (זיי האָבען ליעב גאָט), זיי זיינען גאָט'ס מענשען !

ר"ע האָט געזאָגט, אז פאר א תלמיד חכם דארף מען מורא האָבען אזוי ווי פאר גאָט, אָט אָ דער מאמר פון ר"ע איז איינגע־וויקעלט אין די צוויי ווערטער „איש האלקים". דער ת"ח איז טאַקע „איש" אָבער מען דארף וויסען אז ער איז א גאָט'ס מענש! ר"ע האָט אויפגעטהאָן מעהר ווי שמעון העמסוני, ווייל דערמיט וואָס ער האָט גע'דרש'נט, „את לרבות ת"ח ", האָט ער הו"ש ניט פארגליכען די מורא פון א בו"ד צו דער מורא פון גאָט, נאָר ער האָט נאָך מעהר אויפגעהויבען דעם כבוד פון דעם רבש"ע ווייל די מורא פון א תלמיד חכם איז דאָך צוליעב גאָט — טאקע ווייל ער איז „איש האלקים" ק"ו בן בנו של ק"ו וויפיעל דארף מען שוין מורא האָבען פאר גאָט אליין ! —

עס איז דאָ אַסאַך אידען וואָס ניט נאָר האָבען זיי קיין מורא ניט פאַר קיין תלמיד חכם,נאָר זיי וואָלטען גאָר וועלען אז דער ת"ח זאָל מורא האָבען פאר זיי, בלויז צוליעב דעם וואָס זיי זיינען עזות פנים'ער.

אין דער רייכסטער שוהל פון ניו יארקער סביבה, האלט איך אָ דרשה צען מינוט, איינמאָל אין יאָהר. אין די לעצטע יאָהרען האָבען דאָרט פאַרנומען דעם פלאַץ (פון די אַמאָליגע געטרייע תורה-אידען) עטליכע עזות-פנים'ער, און זיי האָבען אָפּגעשטימט ניט צו דערלאָזען קיין שום תלמיד חכם צו רעדען דאָרטען, אווי־

סער זייער (באַצאָהלטען נביא) רבאַי. עס האָט אין מיר זעהר געברענט די „קנאת ד׳ צבאות״, און איך האָב ארויסגעשריען מיט אן אויסערגעוועהנליכען קול א שטיקעל מוסר פון דער גמראָ — די ווערטער פון די חז״ל זיינען דאָך „כדרבונות״,(קהלת) דער וואָרט „כדרבונות״ מיינט „כדור בנות״ — און איך האָב ב״ה געטראָפען מיט דעם „כדור״ אין דעם ריכטיגען פּלאַץ, זיי האָבען זיך אלע אזש א טרייסעל געטהאָן, זיי האָבען מיר גע־געבען א היבשע סומע געלט פאר מיינע ספרים, אָבער „מעריב״ האָב איך מיט זיי ניט געוואָלט דאווגען. פרעגט מיך איינער אן ע״פ רבי! פארוואָס געהט איהר אַוועק פאר מעריב? האָב איך אויסגערופען הויך אין שוהל, אַז איך קען יעצט ניט דאַוונען, ווייל „ידיכם דמים מלאו״ (ישעיה), דאָס מיינט: ביי מיר אין די הענט געפינט זיך יעצט בלוטיגע געלד! (דמים תרתי משמע). די געלד איז געוועזען דורך בזיונות, דורך „אגריוויישאָן״.

דער וואָרט יוסף איז בגימט׳ „ציון״, און ביז היינטיגען טאָג זיינען דאָ אזוינע אידען וואָס האָבען פיינט יוסף׳ן. דאָס מיינט: דעם ת״ח, דעם „בר חכים״, און דעם מצוין. און די מדת הדין וועט זיי מוזען באַשטראָפען.

די תורה זאָגט: „ותמת שם מרים ותקבר שם, ולא היה מים לעדה״ (חקת). באלד נאָך מרים׳ס טוידט איז ניט געוועזען קיין וואסער, ווייל מרים איז געשטאָרבען אין ניסן, האָט מען זי ניט מספיד געווען, דערפאר זאָגט די תורה באלד נאָך׳ן „ותמת— ותקבר״. דאָס מיינט, אז צווישען דער קבורה און דער מיתה איז ניט געווען קיין הספד, און דערפאר וואָס מען האָט ניט געוויינט אויפ׳ן טוידט פון אזא צדקנית, האָט די מדת הדין באַצאָהלט „מדה כנגד מדה״, און עס איז ניט געווען קיין וואסער.

פון דעם, רבותי, קענט איהר לערנען, אז האָטש אין ניסן האָט מען דאָך ניט געקענט זאָגען קיין הספד, פונדעסטוועגען

זיינען מיר באַשטראָפט געוואָרען דערפאַר וואָס מיר האָבען ניט געוויינט. היינט וויפיעל דאַרף מען טרויערען אויף דעם טוידט פון די צדיקים, און אויף דעם וואָס די לעבעדיגע צדיקים זיינען (עני חשוב כמת) אָרימעלייט ! דער מקונן זאָגט : „ודמעתה על לחיה”, דאַרף מען דאָך פאַרשטעהן וואָס האָט ער געמיינט מיט די ווערטער ? „איהר טרער איז אויף איהר באַק”, נאָר די נאַטור פון א מענשען איז, אז ווען עס שטאַרבט ביי איהם חו”ש אַ נאָ-הענטער פון זיין פאַמיליע, ווערט ער אזוי צובראָכען, אז די טרערען שטיקען איהם אין האלז, און ער קען ניט וויינען, חאָטש עס שטעהען איהם טרערען אין די אויגען, ר”ל. אָבער אַקטיאָרען ווען זיי שפּיעלען אַ טרויעריגע דראַמאַ, דאַן וויינען זיי און די טרערען גיסען זיך ביי זיי אויף’ן באַק. דאָס הייסט, אז די טרערען אויף’ן באַק זיינען ניט פון הארצען, נאָר אַקטיאָרסקע טרערען !

אזוי ווי אַן אַקטיאָר אז ער שפּיעלט די ראָלע פון א רב, קלעפּט ער זיך צו א גרויסע געדיכטע באָרד, חאָטש ביי אמת’ע רבנים וואַקסט גאָר קיינמאָל ניט אַזאַ באָרד ! איך בין געשטאַנען אַמאָל הינטער דער טעאַטער בינע און געזעהן ווי טאַמאַשעפסקי שטעהט מיט אַ לאַנגער באָרד, טונקט די האַנט אין וואַסער און שפּריצט אונטער די אויגען. דער עולם האָט איהם דערנאָך אַפּלאָ-דירט פאַר זיינע גרויסע טרערען. — אויב איהר, רבותי, וויינט אויפ’ן טויט פון אַייערע טייערע מיט אַן אמת ? טאָ גיט „דמעות — „די-מעות” אויף צדקה, פאַר זייערע נשמות !

גיט זיך אונטער, וועט איהר בלייבען איבער ! דאָס הייסט אז איהר וועט מיך פאָלגען וועט אייער מזל דערהויבען ווערען. אַ מענש האָט צוויי הענט — מיט איינער צו נעמען, און מיט דער צווייטער צו געבען צדקה.

עס זיינען דאָ אזוינע אידען וואָס טראַכטען ביי זיך, איך דאַרף פאַר מיין טאַטענס נשמה קיין צדקה ניט געבען, מיין טאַטע איז דאָך געוועזען א גרויסער ת”ח, א צדיק, — זאָלט איהר

אָבער וויסען, אז די תורה זאָגט „אין יוסף בבור", (וישב) — דאָס מיינט אז אין גרוב קען מען ניט לערנען . . . יוסף איז דער סימבאָל פון תורה, ווייל יוסף איז דאָך געוועזען א „בר חכים".

דערפאַר דארף מען שטיצען די לעבעדיגע תלמידי חכמים, דאָס העלפט אסאַך די נשמות, די תורה זאָגט „עזוב תעזוב" (משפטים), און די תלמידי חכמים האָבען דעם שווערסטען דזשאב, ווייל די שווערסטע זאך צו טראָגען איז א לעדיגע קעשענע.

דער פּסוק זאָגט: ימי שנותינו בהם שבעים שנה — איז דאָך אייגענטליך דער וואָרט „בהם" איבעריג? נאָר יעדער פער־שטאנדיגער מענש ווייסט דאָך אַז ווען אַ מענש ווערט אַלט, דאַן קוקט ער זיך אַרום אַז די יאָהרען וואָס ער האָט אָפּגעלעבט זיינען אַזוי שנעל דורכגעלאָפען אַז יעדע צען יאָהר פון דער פערגאַנגענהייט איז בלויז ווי אַ נעכטיגער טאָג, דאָס הייסט אַז (70) יאָהר איז בלויז ווי (7) טעג. אָט דאָס מיינט: „בהם" די (70) יאָהר געהען אַריין אין די (7) טעג פון (1) וואָך. און אַז אַ מענש איז אַלט בלויז (50) יאָהר? האָט ער דאָך בלויז נאָך (2) טעג צו לעבען. טאָ צו וואָס דארף אַ מענש קלייבען אַסאַך געלט? בעסער צו קלייבען אַסאַך מצוות און טאָהן צדקה.

אַזוי ווי די סדרה רופט זיך „וזאת הברכה" וויל איך אייך זאָגען אַזוי ווי יענער רבי האָט געזאָגט צום ישובניק.—

דער ישובניק האָט געזאָגט: רבי, בענשט מיך! זאָגט דער רבי: גיב מיר (18) דאלאר, וועל איך דיך בענשען. רופט זיך אָפּ דער ישובניק: איך האָב בלויז (13) דאלאר, מאַכט דאָס אַביסעל ביליגער און גיט מיר אַ גוטע ברכה. זאָגט דער רבי: מיין פּרייז איז (18) דאלאר, נאָר אַזוי ווי דו האָסט ניט מעהר ווי (13), קען איך ניט בענשען, נאָר **גאָט** אַליין זאָל דיך בענשען. !

רבותי! גיט (13) און גאָט וועט אייך בענשען!

# אַן אָפּענער בריעף צו עהרליכע אידען

פריינדע !

איהר ווייסט דאָך אַז די מעהרסטע מענשען זאָגען די זעלבע ווערטער וואָס יענער מיליאָנער זאָגט, — אַן אָרימער רב וואָס האָט געקענט דעם מיליאָנער נאָך פון יוראָפּ ווען ער איז נאָך געווען אַ קוימען־קערער׳ האָט איהם געבעטען ער זאָל ביי איהם קויפען זיינעם אַ ספר, האָט זיך דער מיליאָנער צושריען מיט גרויס עזות „ווער דאַרף ספרים?״ איי דאָנט קער פאַר ספרים!״ רופט זיך אָפּ דער רב, לויט ווי איך געדענק אייך פון יוראָפּ, האָט איהר דוקא יאָ געקערט . . .

היינט, וויבאַלד אַז „מען דאַרף ניט״ קיין ספרים, איז דאָך אַ קשיא, צו־וואָס נעהם איך פּאַפּיר וואָס מען האָט געמאַכט פון שמאַטעס און קער אום צוריק צו „שמאַטעס״? אין פּלוג איז עס דאָך ניט קיין יושר צו געהן קאַליע מאַכען גוטען פּאַפּיר? — וועל איך דאָס אייך פאַרענטפערען מיט אַ משל :

אַן אָרימאַן האָט אַמאָל געוואונען אויף דער לאָטעריי 2 הונ־דערט טויזענט דאָלאר, איז ער געקומען צום ריזשינער רבי׳ן צו פרעגען אַן עצה,וואָס צו טאָהן? האָט דער רבי איהם געפרעגט, וואו זיינען דיינע פריהעריגע צוריסענע שמאַטעס וואָס דו האָסט געטראָגען אויף זיך? האָט דער איד געזאָגט, רבי! צו־וואָס דאַרף איך יעצט יענע שמאַטעס? איך האָב זיי איבערגעלאָזט אין דער קראָם וואו איך האָב געקויפט די נייע בגדים. טאָ געה־זשע שנעל צוריק! האָט דער רבי אויסגערופען, און נעהם דיינע אַלטע שמאַ־טעס און פּאַק זיי איין אין אַ שעהנעם קאַסטען, און האַלט עס מיט זיך אַלע מאָל. יעדען טאָג זאָלסטו עפענען דעם קאַסטען און קוק זיך גוט צו צו די שמאַטעס. סטייטש, רבי! צו־וואָס דאַרף איך די צוריסענע אַלטע טראַנטעס? האָט דער גביר פּראָטעסטירט. פאַרשטעהסטו מיך? — האָט דער רבי געענטפערט — די נאַטור

פון די גבירים איז, אז זיי פארגעסען זיך פון וואנען זיי קומען ארוים, און אז די ענדע פון אלעמען איז ווערים. און אויב א קוימען־קערער ווערט רייך טרעט ער אויף מענשען. דער רוס זאגט טאקע „ניע דאי באזשע סמארצי סערעברענא לאזשקא".

מיינע ביכער — דאס זיינען אזעלכע „שמאטעס" וואס מען דארף אויף זיי קוקען אלע טאג צו דערמאנען זיך „מאין באת ולאן אתה הולך". עס איז דא א קליינע באשעפעניש (א מוראזשקע) וואס אין איין גאנצען יאהר עסט זי אויף בלויז איינס־און־אהאלב קערענדלעך ווייץ, און פון איהר הייסט שלמה המלך זיך לערנען אט די דריי (3) זאכען: חכמה, מדות און מוטה. א גראבער־יונג פוילט זיך צו לערנען תורה; און א מוראזשקע האט ניט קיין רבי'ן און קיין שום פאליסמאן וואס זאל אכטונג גיבען אויף איר גוטער ארדנונג, און דאך וועט א מוראזשקע ניט צו־נעהמען קיין איין קערענדעל ביי א צווייטער מורזשקע. זיי מאכען 3 קעמערלעך אין דער ערד, און לעגען די קערענדלעך אין מיטעלסטען קעמער־רעל אום דער רעגען זאל עס ניט קאליע מאכען פון אויבען און ניט די פייכטקייט פון אונטען. אפילו פון די (זבובי מות) פליגען קען מען אויך לערנען:־ צוויי פליגען זיינען געשטאנען אויף דעם ראנד פון א טינטער טינט. רופט זיך אפ איין פליג, ווי נאריש עס איז צו באפוצען אזא שעהנעם טיש מיט א טינטער שמוציגע וואסער. דו ביזט א נארישע פליג! האט די אנדערע גיענטפערט. דאס איז דאך גוטע טינט דורך וועלכע מענשען פארשפרייטען זעהר אסאך חכמה. — אז די נארישע פליג האט דערהערט אזא זאך האט זי א שפרינג געטאן אין טינטער און ווערט דערטרונ־קען. אט די 2־פיס־גע פליג וואס קריטיקירט די רבנישע ספרים און לאכט אפ פון ת"ח וועט אויך זיכער דערטרונקען ווערען (כי בדבר אשר זדו עליהם) אזוי ווי די מצריים.

בן סירא זאגט: נוגע בזפת תדבק ידו וחובר אל לץ ילמד דרכו. דאס הייסט אז די וואס פריינדלען זיך מיט יענעם לץ וואס

לאכט אַפּ פון רבנים איז געגליכען צו איינעם וואָס שמירט זיך אוים פון אַ פעסעל פּעך.

יעקב אָבינו האָט פאָראויס-געזעהן אַז די רשעים וועלען מבזה זיין די אָרימע רבנים; אַז „חכמת המסכן בזויה", האָט ער דערפאָר געבענשט נפתלי'ן מיט די ווערטער „הנותן אמרי שפר". שפר איז גימטריה עשיר. דאָס מיינט אַז דער רב זאָל כאָטש האָבען די ר"ת פון וואָרט עשיר: ע־נים, ש־נים, י־דים, ר־גלים. עס מיינט ער זאָל ניט זיין אַזוי ווי אַ פליג. און ניט ווי יענער עלוי. ווייל די ר"ת פון עלוי מיינט „עינים להם ולא יראו" (ד"ה אַ סגי נהור). אין די ווערטער „אילה שלוחה הנותן אמרי שפר" זעה איך דעם וואָרט „שלוחה" דעם משולח וואָס אַלע טרעטען אויף איהם; און אין דעם „אמרי שפר" זעה איך דעם וואַנדערענדען מגיד וואָס אַלע קריכען איהם אויף דעם קאָפּ. אָבער „ונפשי כעפר לכל תהיה" מיינט אַזוי: אַזוי ווי די ערד וואָס אַלע טרעטען אויף איהר איז דאָך אָבער די ענדע אַז די ערד רעכענט זיך אָפּ מיט אַלעמען. קל וחומר „ב"ב של ב"י", דער וואָס טרעט אויף אָרימע רבנים און מחברים פון ספרים, אַז די ערד וועט זיך אָפּרעכענען מיט זיי אין גיכען.

אין דער ברכה וואָס יעקב אָבינו האָט געבענשט יהודה'ן געפונען זיך אַלע אותיות פון אַלעף-בית, בלויז דער זיין איז דאָרט ניטאָ; ווייל די מלכי ישראל קומען דאָך אַרוים פון יהודה'ן און די מעהרסטע נצחונות וואָס זיי האָבען איבער אונזערע שונאים איז ניט דורך כלי-זיין. ק"ו אַז די אמת'ע מלכים, די רבנים, „מן מלכי רבנן" — זיי באַזיגען געווים די שונאים אָהן כלי-זיין.

„כחצים ביד גבור כן בני הנעורים" (תהלים קכז) קען מען טייטשען דעם וואָרט הנעורים. אַלם לשון „הנעור בלילה" (פרק ג) דאָס מיינט אַז דער וואָס לערענט ביינאַכט, קען ער דערמיט שלאָגען זיינע שונאים, פונקט ווי אַ גבור וואָס האָט אין זיין האַנט אַ ביקס מיט קוילען. נאָך דעם געדאַנק וועלען מיר פאַרשטעהען

אז די משנה (פרק ה) גיט א סימן אז א חכם איז „ואינו נבהל להשיב", מיינט דער תנא אז א חכם איז דער וואס שרעקט זיך ניט פאר קיין קשיות און ער ענטפערט באלד. (ניט ווי דער גע־ווינליכער טייטש איז פון נבהל, ער איז געאיילט). ווייל א חכם וואס לערענט ביינאכט קען שיסען מיט אן ענטפער צו יעדער קשיא אזוי שנעל ווי מיט קוילען, „אשר מלא את שפתי מהם".

און ביי א חכם פאלט אוועק דער געדאנק פון „משיב דבר טרם ישמע". די גמרא זאגט „ושננתם מיינט „מחודדים בפיך שאם ישאל . . . אמור לו מיד". דער חכם לערענט פון אלעמען, און קען מיט איין ווארט אסאך זאגען. למשל: „גמרא" מיינט:־ (אין ר"ת) גוט מארגען ר' אברהם; אדער גיט מעות ר' אברהם; אדער גיט מעהרער ר' אברהם.

א „גרינע" אידענע האט געהערט אז אין עסעקס סטריט פארקויפט מען שטילערהייט פאר בלעק־מארקעט פרייזען גוטע הערינג אימפארטירטע. געהט זי צו צו א פאליסמאן און זאגט: אפיסער, קענט איהר מיר זאגען וואו איז דא דער בלעק־מארקעט? — רבותי! אט דאס זאג איך צו אייך, אויב איהר ווילט לערנען חכמה? מעגט איהר קויפען מיינע ספרים אויך! — און אויב ניט? קויפט די תורה אין בלעק־מארקעט. ווייל דא האנ־דעלט מען מיט דער תורה אויך אויפ'ן בלעק־מארקעט.

לפע"ד איז די תורה אזא טייער ארטיקעל אז מען קען זי ניט קריגען אפילו פאר בלעק מארקעט פרייזען. אט דאס מיינט „יקרה היא מפנינים", דער סיקרעט פון דער תורה איז נאך ניט אנטפלעקט געווארען צו אלעמען; און פון דעם אמת'ן אויסטייטש פון די ווערטער — איז נאך די וועלט ווייט פון דעם.

אין דער יעצטיגער וועלט ארדענונג קען פאסירען אז די ריכטער וואס טהיילען אוים גערעכטיגקייט זאלען גאר דארפען זיצען אין טויטען הויז, און די וואס זיצען אין טויטען הויז — זיי זאלען זיין מעהר פאסיג צו זיצען אלס ריכטער.

# דרשה לצדקה לתענית צבור

(מיט'ן בלוט פון הארצען)

רבותי! אלע מצוות פון דער תורה דארף מען דאך טאהן עפענטליך; מען דארף זיך חו"ש ניט בעהאלטען מיט'ן טלית און תפילין, אדער מיט אתרוג בענשען, און ווער רעדט מיט'ן חנוכה לאמפ — דארף מען דאך געוויס איהם שטעלען אין אזא פלאץ אז אלע זאלען וויסען פון דעם גרויסען נס חנוכה. איז דאך טאקע א קשיא! טא פארוואס-זשע איז די מצוה פון צדקה דארף מען גראדע טאהן בעסער (בסתר) שטילערהייט, אז מען זאל ניט וויסען ווער עס איז דער נעהמער און ווער עס איז דער געבער?

ישעיה הנביא זאגט, אז עס וועט קומען די ישועה וועט מיין צדקה דאן אנטפלעקט ווערען — כי קרובה ישועתי לבא וצדקתי להגלות — טא פארוואס האט דער נביא משנה געווען דעם לשון, ביי ישועה זאגט ער „לבא" און ביי צדקה „להגלות"?

דער ענטפער צו די ביידע קשיות איז פשוט. יעדער מענש פארשטעהט דאך אז דער וואס מוז אנקומען צו נעהמען א מתנה פון א געוועהנליכן בשר ודם, ליידט דאך נעבעך דער נעהמער גרויסע יסורים און שאנדע; צייטענווייז מוז דער ארימאן אזוי־וי דער קנעכט בעטען עטליכע מאל. ביי דעם „עבד עברי" זאגט די תורה „ואם אמור יאמר העבד", דאס מיינט ער דארף זאגען מעהרער ווי (1) מאל. אפילו משה רבינו, ווען ער האט געבעטען ביי דעם האר פון דער וועלט א מתנת חנם, מיט דעם לשון „ואתחנן", האט משה רבנו געזאגט דאס וואס דער עבד עברי. רבש"ע! איך האב ליעב מיין האר! און מיין ווייב! דאס מיינט: די תורה, ווייל די תורה איז דאך מיט אונז אידען פארהייראט, ווי א מאן מיט א ווייב (פס' מט), און מיינע קינדער, דאס מיינט: דאס אידישע פאלק, וועלכע איך טראג נאהענט צו מיין הארצען ווי מען טראגט א קינד. לא אצא חפשי! איך וויל ניט שטארבען. ווען מען שטארבט ווערט מען פריי פון מצוות (במתים חפשי —

תהלים) אָבער איך וויל ניט זיין פריי! איך וויל דיך דינען אייביג.

רופט זיך אָן דער האר פון דער וועלט, — דער עשיר יענה עזות — רב לך אל תוסף דבר אלי! דאָס מיינט: דו זאָלסט נאָכ־אַמאָל דאָס ניט בעטען, ווייל אויב דו זאָגסט די זעלבע זאַך נאָכ־אַמאָל — מוז איך דאָך נאָכגעבען דיר דיין בקשה, על פי דין!

יעצט, מיינע פריינדע, פארשטעהט איהר דאָך אַליין אַז אַ גביר, אַ בשר ודם, ענטפערט דאָך געווים און געווים צום אָרימאַן מיט עזות: בעט ניט מעהר און רעד ניט צו מיר מעהרער! ווייל ער האַלט דעם אָרימאַן פאַר אַן אַנשיקעניש, פאַר אַן איבעריגע זאַך אויף דער וועלט. אָבער ווען מענשען זאָלען וויסען אַז צדקה איז דער בעסטער מעדיצין און עס העלפט צו לאַנגע, געזונטע יאָהרען; וואָלטען מענשען זיך נאָכגעיאָגט און געזוכט אַזעלכע מענשען וואָס ווילען נעהמען צדקה. אַ טאַקע דערפאַר האָט דאָך דער בוכשטאַב ג (גימעל) אַן אויסגעשטרעקטע פוס צום ד (דאַלעד) ווייל דער „גומל חסד" דאַרף נאָכלויפען נאָך דעם „דל".

און וויבאַלד צדקה איז אַ מעדיצין, וועט דאָך קיינער ניט טאָהן אַזאַ זאַך ווי אַוועק־שטעלען זיך אין אַ שוהל, פאַר אַלעמען אין די אויגען טרינקען מעדיצין; אָדער מיר האָבען נאָך ניט גע־זעהן מענשען זאָלען אַריינשרייבען אין די צייטונגען אַז זיי האָבען גענומען אַ גרויסע עס־לעפעל מעדיצין. טאַ פאַרוואָס־זשע אַדווערטייזען זיך די נאַרישע מענשען אין די צייטונגען מיט זייערע ביישטייערונגען?

דער ענטפער איז פשוט: ווייל די וועלט פאַרשטעהט ניט די חכמה פון אונזער הייליגער תורה. די נביאים האָבען אונז גע־זאָגט מיר זאָלען זיך ניט גרויס־האַלטען איבער דעם אָרימאַן. דער וועג צו גרייכען געזונטע, לאַנגע יאָהרען איז — ניט צו נעהמען זיך כבוד און יענעם לאָזען ליידען ערנידערונג.

עס דאַרף ניט זיין „וימררו את חייהם". דאָס הייסט: פון יענעמס ביטערע צייטען, דאַרף מען פון דעם ניט מאַכען קיין

לעבען. אָבער אונזערע אַלע אינסטיטוציעס זיינען דאָך אַ קוואל פון שפע פרנסה פאַר די מאַכערם. מען דאַרף אויף זיי אַרויף שטעלען אַ שילד מיט אַט די פאָלגענדע אותיות „יבגאקנ״ — דאָס מיינט: יודען ברענגען געלד און קלוגע נעהמען.

אַט דאָס זאָגט דער נביא „וצדקתי להגלות״ — איך וועל דעם שווינדעל פון צדקה אויפדעקן, אַט ערשט דאַן וועט קומען די אמת׳ע ישועה. געלט און די וועלט איז ביי גאָט אין די הענט. טאָ פאַרוואָס זייט איהר בהמות אויף (2) פיס? און שטעכט מיט אייערע הערנער די אומגליקליכע און נויט־באַדערפטיגע גע־לערנטע מענשען. אָכן חציר העם (ישעיה מ) ווען אַ מענש עסט די פלייש פון אַ בהמה, מאַכט ער פון די גראָז וואָס די בהמה עסט,אַ הויכען געטליכען אידעאַל. דאָס מיינט „כי רוח ד׳ נשבה בו״. אָבער אַז איהר זייט געבליבען בהמות, טאָ צו־וואָס דאַרפען בהמות עסען גראָז און איהר זאָלט עסען די בהמות — עסט בעסער אליין גראָז, אכן חציר העם !

אַ פאַרמער האָט אַמאָל צו מיר געזאָגט אַז ער דאַרף ניט אָנקומען מיט קיין שאַלות צו אַ רב. אויב עס איז ביי איהם דאָ אַ שאַלה אויף פלייש — וואַרפט ער דאָס צו זיינע הינט. איז אויב די הינט עסען עס דאַן איז אַ סימן עס איז טרייף, אַ נבלה בעלאַנגט דאָך צו די הינט. אויב אָבער די הינט עסען עס ניט — דאַן ווייסט ער אַז עס איז כשר.

האָב איך צו איהם געזאָגט: פאַרלאָזט זיך ניט אויף די הינט! ווייל דאָס רוב איז אַ הונט אַ מחמיר.

מיינע פריינדע ! מיר האָבען אַסאַך אַזעלכע וואָס שיקען אַרוים אַפּיעל מאַכערם און מען מאַהנט צדקה פאַר די אומגליק־ליכע, אָבער אין אמת׳ן זיינען דאָס אַ חברה מאַך־מיר. ד״ה זיי נעהמען צו די כשר׳ע צדקה פאַר זיך און זיי לעבען אַ גוטען טאָג, ווייל זיי זיינען (מחמיר).

דער אמת׳ער תלמיד־חכם זאָגט אַז ער קלייבט פאַר ישיבת מיר, ד״ה פשוט פאַר מיר אַליין. און וויבאַלד אַז ער זאָגט דעם אמת — דאַרף מען איהם העלפען! די תורה איז ניט צופרידען פון דעם מענשען וואָס איז מחמיר אָדער מוסיף.

אַ קאַרגער גביר האָט אַמאָל געליהען צו אַן אָרימאַן אַ דאָל־אַר אויף ברויט. דער אָרימאַן האָט אין עטליכע טעג שפּעטער אָפּגעגעבען דעם גביר (2) דאָלאַר, באַמערקענדיג דערביי אַז דער דאָלאַר האָט זיך אָפּ־געקעלבט. דער אָרימאַן האָט אַזוי געטאָהן צום גביר עטליכע מאָל, ביז ער האָט דעם גביר אַריינגע־צויגען אין אַ גרויסע הלואה. ווען דער גביר האָט איהם געמאָהנט די געלט, האָט יענער איהם געזאָגט אַז די געלט איז געשטאָר־בען. אויב עס קען זיך אָפּ־קעלבען קען דאָס שטאַרבען אויך! דערפאַר זאָגט די תורה — לא תוסיפו (ואתחנן).

דער וואָס לערענט גאָט׳ס תורה פאַרשטעהט ווער דער גנב איז.

אָט אַזוי רבותי! זיינען אַסאַך פון די יעצטיגע מאַכערס. זיי ווילען צו־נעהמען פון די אָרימע רבנים די העמד פון זייער לייב. אָבער די רבנים ווייסען אַז זיי זיינען גנבים.

איך בין אַמאָל געגאַנגען מנחם אָבל זיין; האָבען די טעכטער מיך געפרעגט (אַזוי ווי אין יענע וואָך פאַלט אוים די חגא פון קריסטמעס) אויב קריסטמעס נעהמט איבער די שבעה? — נו, איז אַ וואונדער וואָס מיר האָבען אַזעלכע בהמות? מיט אַזעלכע מנהיגים זיינען מיר (נחשבנו כצאן לטבח יובל).

צוויי פרויען זיינען אַמאָל געקומען צו אַ רב מיט אַ גרויסען פּאַק וועש. יעדע פרוי האָט גע׳טענה׳ט אַז די וועש בעלאַנגט צו איהר. האָט דער רב געהייסעןביידע ווייבער אַרויסגעהן אין אַן אַנדער רום, און צו זיין אייגענער רביצין האָט ער געהייסען אַז זי זאָל אַריינמישען דעם רב׳ס וועש אויך אין צווישען דעם

פאק. די גנב׳טע איז אריין געקומען. דער רב האָט איהר געהייסען איבער־קוקען די וועש און אויב זי וועט זאָגען אויף זיכער אַז אַלעס בעלאַנגט צו איהר, דאַן וועט זי דאָס קענען צו־נעהמען; ווייל די אַנדערע פרוי האָט עס שוין איבער־געקוקט. די גנב׳טע האָט געזאָגט אַז אַלעס בעלאַנגט צו איהר, אַפילו דעם רב׳ס וועש אויך.

---

## פּאַרוואָס מוז אַ חסיד זאָגען:
## ויצמח פּורקניה ויקרב משיחיה

(אין דעם שטעקט אַ גרויסע חכמה)

אַזוי ווי דער רבש״ע איז אַ חסיד, „ותיק הוא, חסיד הוא״, ווילען מיר אַז אַלס אַ חסיד זאָל דער רבש״ע מוזען זאָגען ויקרב משיחיה״, און אַז דער רבש״ע זאָגט — ווערט עס מקוים! „הוא אָמר ויהי״. און צווייטענס וועל איך דאָס ענטפערען דורך אַ משל.

אַ קעניג פון אַ גרויסער אימפּעריע האָט געהאַט אַן איינציגע טאָכטער, זעהר אַ שעהנע. האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ קעניג פון אַן אַנדער לאַנד. און געוועהנליך האָט יענער קעניג זי גענו־מען צו זיך אין זיין לאַנד.

יענער קעניג האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטע מאַמע, מיט שלעכטע ברידער, אינטריגאַנטען. זיי האָבען זיך אַלע מתקנא געווען אין דעם קעניג׳ס יונגע פרוי, די גרויסע שענהייט. האָבען זיי טאָג און נאַכט אינטריגירט געגען איהר, געמאַכט אויף איהר פאַלשע בלבולים. זיי האָבען געבראַכט דערצו אַז דער קעניג האָט איהר פיינט געהאַט און געשלאָגען מערדערליך. דעם קעניג׳ס מוטער פלעגט איהר רייסען די האָר, און געצוואונגען טאָהן די שווערסטע אַרבייט און שמוציגסטע. זיי האָבען איהר געמאַכט

אַ מיאוסען נאָמען איבער דאָס גאַנצע לאַנד, און אַלע האָבען גערעדט פון איהר מיט האַס און פאַראַכטונג.

זי האָט פילע מאָל געוואָלט אַנטלויפען פון יענעם לאַנד, נאָר אַזויווי זי האָט געהאַט קליינע קינדער, זעהר שעהנע און געראָטענע, האָט זי אַלס געטרייע מוטער געליטען און געהאָפט, געזיפצט און געדולדיג געווארט „מתי תמלוך בציון"; ד"ה ווען וועלען שוין איהרע קינדער איבערנעהמען די מלוכה פון ציון ? און ניט זיין נע ונד..

פון צייט צו צייט האָט די שעהנע קעניגין פאַרלאָרען איהר געדולד. זי האָט געזעהן ווי מען אינטריגירט שוין געגען איהרע קינדערלעך אויך, און מען שלאָגט זיי מערדערליך. אָבער נאָך יעדען בלבול, נאָך אַלע אינטריגעס, פלעגען די געראָטענע, קלוגע קינדער זיך שטאַרקען; און מיט מעהר קוראַזש נאָך ווי פריהער, פלעגען זיי אַרויסקומען שיינענדיג ווי די שטערען אין דער נאַכט (פון גלות אדום).

אָבער אויף דער ענדע האָט פאַסירט אַז אַ באַוואוסטער אינטריגאַנט האָט געוואָלט אינגאַנצען אויסקוילען און פאַרניכטען דער קעניגינ'ס אַלע קינדער. די קעניגין האָט אויסגעשטרעקט איהרע אויגען צום הימעל, איהרע אָרעמט צו דער וועלט, מען זאָל איהר לאָזען אַנטלויפען מיט איהרע איבערגעבליבענע קינדער צו ראַטעווען זיי פון די גרויזאַמסטע יסורים און טויט.

אָבער קיינער פון דער פאַלשער וועלט האָבען זיך ניט אָנגענומען צו העלפען איהר זיך ראַטעווען. אַלע איהרע פריינט האָבען זיך אַרויסגעצייגט צו זיין פאַלש און ברוטאַל. האָט די קעניגין אַרויסגעשיקט דעם לעצטען פאַרצווייפעלטען רוף צו איהר פאָטער, דעם מעכטיגסטען העלד, און דערצעהלט איהם פון אַלעם וואָס מען טהוט מיט איהר. זי האָט איהם געבעטען

ער זאָל זיך דערנעהנטערען צו איהר לאַנד, און נעהמען נקמה פאַר איהר אומשולדיגען פאַרגאָסענעם בלוט.

אָט דאָס מיינען די ווערטער — ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה ! און מען זאָגט עס נאָך אַ טויטען; ווייל אַסאַך פון אונזערע טויטע זיינען געשטאָרבען צוליב דעם שרעקליכען גלות, פאַר דער צייט.

מיר זאָגען אין דער תפלה פון נעילה אַז גאָט שווערט, ער וויל ניט אַז אַפילו דער ערגסטער מענש זאָל שטאַרבען, נאָר ער וויל בעסער אַז דער מענש זאָל תשובה טאָהן און ער וועט איהם לאָזען לעבען (חי אני נאום ד׳ אלהים אם אחפוץ במות הרשע).

און ער ווידערהאָלט די זעלבע ווערטער עטליכע מאָל, „דער רבש״ע וויל ניט אַז אַ טויטער זאָל שטאַרבען״. איז דאָך אַ קשיא! צו־וואָס דאַרף דאָס דער רבש״ע שווערען ? און אָהן אַ שבועה, גלויבט מען איהם דען ניט ?

וועל איך דאָס ענטפערען מיט אַ משל : אַ פּראָסטאַק אַן אַרענדאַר האָט אָנגעפּאַקט אויף זיין וואָגען עטליכע הינער, אייער, און נאָך אַזוינע גוטע זאַכען. ער האָט עס אַריינגעבראַכט צום רב פון שטאָדט, און זיך אָנגערופען צום רב : רבי! איך האָב אייך געבראַכט אָט די אַלע גוטע זאַכען אַלס מתנה; נאָר איך וויל אַז איהר זאָלט מיר גיבען די אמת׳ע מצות מיט בלוט, אָט אַזוויווי אַלע עהרליכע אידען עסען.

אַז דער רב האָט דערהערט פון דעם נאַרישען אַרענדאַר אַזעלכע ווערטער איז ער געוואָרען אויסער זיך פון כעס, און האָט גענומען שרייען אויף איהם: סטייטש! דו נאַרישער ישוב׳ניק! אידען טאָרען דאָך אַפילו אַן איי מיט אַ טראָפּען בלוט ניט עסען, טאָ ווי וואָגסטו צו דענקען אַזעלכע דומהייטען אַז אידען עסע חו״ש מצות מיט דם ?

רבי ! האָט דער ישוב׳ניק געזאָגט, דער גלח אויפ׳ן דאָרף האָט עס מיר געזאָגט.

איהר פאַרשטעהט, מיינע פריינדע ! די פּראָפּאַגאַנדע מיט די אינטריגעס פון די אַנטיסעמיטען איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי איז געלונגען צו אַיינרעדען אייניגע אידישע גראָבע-יונגען אַז מיר אידען באַנוצען בלוט אין די מצות; אַ שרעקליכער און פינסטערער גלות !

דער רב האָט פּרובירט אויפקלערען דעם ישוב׳ניק מיט גוטען אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, ער האָט געגלויבט דעם גלח מעהר ווי דעם רב. האָט דער רב געהייסען צוזאַמענרופען אַלעמען אין שוהל; האָט זיך אָנגעטאָהן אין טלית און תפלין, אָנגעצונדען שוואַרצע ליכט, אויפגיעפענט דעם אָרון קודש, און געזאָגט: איך שווער דאָ ביי דער הייליגער תורה אַז אידען באַנו-צען ניט קיין שום בלוט אין די מצות. — ערשט דאַן האָט דער ישוב׳ניק אַיינגעזען אַז דער אַנטיסעמיטישער גלח איז אַ ליגנער.

רבותי ! מיר האָבען אַסאַך אַזוינע נאַרישע ישוב׳ניקעס וואָס דענקען אַז גאָט ברענגט אויף דער וועלט יסורים אינגאַנצען אומזיסט. אָט דערפאַר, צוליעב די ישוב׳ניקעס דאַרף גאָט שווערען אַז אַפילו דער רשע, ווען ער טהוט תשובה, קען ער פאַרלענגערען זיין לעבען.

און דערפאַר, רבותי ! זאָג איך צו אייך : איהר וועלכע קריטיקירט מיינע תורה ווערטער; איך שווער אייך אַז איך מיין דאָס פון אייער טובה וועגען, למען תחיה (דאָס איז די גימטריא פון תרי״ג). ווען איך בין אַרויף זאָגען מיין דרשה, האָב איך צוגעמאַכט מיינע אויגען און אַ קוש געטאָהן דעם פּרוכת; האָב איך באַלד גיהערט ווי אַ איד האָט געזאָגט: דער רב קאַפּלאַן

האָט געדאַרפט טאָהן פאַרקערט — עפענען די אויגען און צו־
מאַכען דעם מויל.

רבותי ! איך עפען דעם מויל ווייל איך וויל אייך לערנען איהר זאָלט ניט זיין ווי יענער ישוב׳ניק. איך וויל ניט איהר זאָלט שטאַרבען פאַרטיגע מתים. אַט דערפאַר זאָגען מיר קדיש נאָכ׳ן לערנען, ווייל די ת״ח זיינען זיך מפקיר מיט׳ן לעבען אויף דער תורה. „אין התורה מתקימת אלא במי שממית עצמו עליה״.

איך אַליין האָב זיך אויך מפקיר געוועזען אויף דער תורה און אויף ישוב ארץ ישראל. איך בין געוועזען 3 יאָהר אין דעם אידישען לעגיאָן אין דער מלחמה.

---

# דרשה ליום הכפורים

## (לפני ד׳ תטהרו)

מיינע פריינדע !

אַ מינסקער איד האָט אַמאָל געפרעגט אַ גאַליציאַנער אידען: פון וואַנען זייט איהר? רופט זיך אָפּ דער גאַליציאַנער: איך בין ניט ווייט פון מינסק; אינגאַנצען צוויי שטונדען מיט׳ן טעלעפאָן.

רבותי ! דער רבש״ע איז אַסאַך נעהענטער צו אונז היינט, ווי צוויי שטונדען מיט׳ן טעלעפאָן. דעם שטן לאָזט מען היינט צום רבש״ע ניט צו, ער איז פאַרבונדען אויף אַ קייט. און אויב ער וויל מסר׳ען אויף אידען, שרייט אויס דער רבש״ע — להש ! זיי שטיל !

אויף די זינד וואָס עמיצער האָט געטאָהן צו גאָט, קאָן ער היינט תשובה טאָהן. דער ק מיט׳ן ר זיינען זעהר נאָהענט. דאָס מיינט: אַז פון אַ רשע קאָן ווערען אַ קדוש. ער דאַרף זיך נאָר

אומקערען, און אין א „ק" איז דא א שטעקען; דאס מיינט אז מען גיט איהם א שטעקען צואנשפארען זיך נאכדעם ווי ער ווערט א קדוש.

אבער אויף די זינד וואס עמיצער האט געטאהן צו מענשען, דאס מוז מען שוין בעטען ביי די מענשען אליין, ניט פון דעם רבש"ע. מכל חטאתיכם לפני ד' תטהרו — מיינט אז בלויז פון די זינד וואס מען האט געזינדיגט פאר גאט — לפני ד' — אט פון די זינד קאן מען זיך רייניגען דורך די תפלות וואס מען בעט צו גאט, אבער ניט פון די בזיונות און יסורים וואס מען האט פאר־אורזאכט צו מענשען.

וועלכען משוגענעם קאן גאר איינפאלען אזא זאך ? אז מען טהוט אן צרות א מענשען — זאל מען קאנען אויסבעטען אויף דעם ביי גאט א מחילה ? מען דארף זיך צו־איילען און איבער־בעטען אלע מענשען וואס מען האט זיי פאראורזאכט צרות און עגמת נפש. איידער דער יום הדין ענדיגט זיך; איידער די טויערען ווערען פארשלאסען; ווייל מען קאן חו"ש פארשפעטיגען און ארוים שולדיג צו באצאהלען . . .

ווען די אמעריקאנער סאלדאטען האבען אוועק־געלעגט בלומען אויף דעם קבר פון אן אמעריקאנער סאלדאט, האבען זיי באמערקט ווי אן אלטער כינעזער האט אוועק־געשטעלט ביי דעם קבר פון א כינעזער א טעפעלע רייז. האבען די יענקים אפגעלאכט פון דעם כינעזער, און געזאגט צו איהם: ווען, דענקסטו, א שטייגער, וועט דער טויטער ארוים פון קבר און עסען די רייז? — אט פונקט דאן ווען אייער טויטער העלד וועט ארויסגעהן שמעקען די בלומען; האט דער כינעזער גיענטפערט.

רבותי ! נאכ'ן טויט איז שוין צו־שפעט פאר בלומען. גיט בעסער בלומען צו דער וועלט. יעצט, ווען איהר לעבט, לעגט אוועק בלומען ביי די לעבעדיגע מתים, ד"ה די ארימע לייט. איך

מיין ניט קיין געוועהנליכע בלומען, איך מיין **צדקה**! צדקה, דאָס איז דער בעסטער מעדיצין, און דער וואָס גיט, **ער** נעהמט די מעדיצין. און ער דאַרף ניט אַריינפאַלען צו אַזאַ דאָקטאָר וואָס איז געגליכען צו אַ יעגער: נאָר בלויז אין איין (1) זאַך איז ער אַנדערש פון אַ יעגער: אַ יעגער הרג'עט פריהער און נאָכהער שינדט ער די הויט — און דער שלעכטער דאָקטאָר טהוט פאַר־קערט. פריהער שינדט ער די הויט און נאָכהער הרג'עט ער.

מיינע פריינדע! ווייסט איהר ווי מען שינדט פון אונזערע מענשען די הויט? אין וואָל סטריט שערט מען זיי אָפּ די וואָל. און אין די מאָונטיינס שינדט מען פון זיי די הויט. אָבער זאָל כאָטש דער שעיר לד' זיין גלייך מיט'ן שעיר וואָס מען וואַרפט אַראָפּ פון באַרג (מס' יומא). זאָגט־זשע מיינע פריינד! וויפיעל מענשען ווילען נעהמען די מעדיצין וואָס רופט זיך — צדקה תציל ממות?

די תורה זאָגט: צדק צדק תרדוף (שופטים); און ב"י שקר זאָגט די תורה: מדבר שקר תרחק. ביי די צוויי מצוות איז דאָ אַ גרויסער קאָנטראַסט. ביי צדקה דאַרף דער געבער נאָכלויפען נאָך דעם נעהמער; און פון שקר דאַרף מען זיך דערווייטערען, ד"ה אַנטלויפען. אונזער תורה האָט געמיינט די פּאָליטישענס: אַ פּאָליטישען גיט אַלעמען די האַנט **פאַר** די וואַהלען, און די פלייצע **נאָך** די וואַהלען. זאָגט דערפאַר אונזער תורה: זייט ניט קיין פּאָליטישענס! גיט ניט צו דעם נויטבאַדערפטיגען אייער פלייצע, נאָר אַדרבא, לויפט איהם נאָך מיט אייער הילף!

רבותי! היינט איז די קאָראָנאַציע פון דעם מלך מלכי המלכים, אַז ער זאָגט־צו איז ער מקיים. אָבער אום צו אויסווירקען אַז ער זאָל צו־זאָגען — דאַרפען מיר צו־זאָגען צו גיבען צדקה. ווייל „ד' צלך על יד ימינך", אַזוי ווי אַ מענש עפענט זיין האַנט, צייגט

זיך דאָך אויפ'ן שאָטען אַן אָפענע האַנט. אַט אַזוי טהוט דער רבש"ע יעדען מענשען נאָך זיינע מעשים נאָך; אַז דער מענש עפענט זיין האַנט און גיט צדקה, עפענט דער רבש"ע אויף זיין האַנט און גיט איהם אַ סך מעהרער.

די וועלט פרעגט אַ רעטעניש: ווי קאָן געמאָלט זיין אַזאַ זאַך וואָס איז אַבסאָלוט קרום, און מען גלייבט דאָס גיט אויס, און דאָך איז עס גלייך? דער ענטפער איז אַז צוויי קרומע האָבען חתונה — דאָס איז אַ גלייכע זאַך. ד"ה אַ קרומער פאַרט זיך מיט אַ קרומען. אָבער די תורה איז גלייך און אמת: אַט דערפאַר זאָגט די תורה: דערווייטער זיך פון פאַלשע רייד, מדבר שקר תרחק!

עס זיינען אַמאָל געווען 2 אידען, גרויסע פחדנים. איינער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער לעבען לאַנג, און די געלט וועט איהם ניט קלעקען אויף אַזויפיעל יאָהרען, האָט ער דערפאַר געזשאַלעוועט די געלט און איז געווען זעהר קאַרג. דער אַנדערער האָט זיך געשראָקען, טאָמער שטאַרבט ער, האָט ער געגעבען זעהר פיעל צדקה, פשוט געוואָרפען זיך מיט זיין געלט. זיינען ביידענס פרויען געקומען צום בית-דין מיט אַן אַנקלאַגע געגען זייערע מענער. האָט דער אַב-בית-דין זיי געבענשט אַז די שרעק זאָל זיין אַן אומזיסטע. דאָס הייסט, עס זאָל זיין פונקט פאַרקערט.

רבותי! איך בענש היינט אייך אַלעמען: איהר וואָס שרעקט זיך פאַר'ן יום הדין, און גיט צדקה! איהר זאָלט לאַנג לעבען!

## קומט אין שוהל אידען, היינט איז פאטער׳ס טאג !

מיינע פריינדע ! די תורה זאגט „כי תצא למלחמה" (די תורה איז דאך פאר אלע צייטען פון דער וועלט׳ס עקזיסטענץ), איז דאך א קשיא, סטייטש ! ביי היינטיגער צייט, ווי קאן דאס אידישע פאלק וואס איז אזוי ווי א שעפסעלע צווישען אזוי פיעל (אנטי־סעמיטען), וועלף, קאנען קעמפען. זיך אנטקעגען שטעלען ? די שעפסעלע האט דאך קליינע צייהן; און די וועלף האבען אזוינע גרויסע נעגעל, די וועלף קאנען דאך אריינזאגען זייערע שארפע צייהנער און נעגעל אין דער פעל פון דער שוואכער שאף און אויס רייסען גרויסע שטיקער הויט און פלייש. ווי קאן אזא שוואך שעפסעלע זיך פארטיידיגען אין א וואלד פון אזויפיעל וועלף ?

מיר געפינען אבער אין דער וועלט׳ס היסטאריע, אז דער קליינער „דוד" האט באזיגט דעם גרויסען „גלית הפלשתי". לאמיר זעהן וואס דוד המלך האט געזאגט, וועגען אט די פראגע וואס איך פרעג יעצט.

אין צווייטען קאפיטעל זאגט דוד המלך ע״ה „למה רגשו גוים ולאמים יהגו ריק". מיט דעםווארט „רגשו" האט דוד המלך מסתמא געמיינט די נאצים, מיט זייערע שטורם־ארמייער. דוד המלך ע״ה זאגט : רבש״ע ! פארוואס לאזטו די שטורם־ארמייער אזוי פיעל בושעווען ? יעדער אנטיסעמיט, אין זיין בליהענדער קאריער, דענקט פארוואס יענעם איז נים געלונגען צו פארניכטען דאס אידישע פאלק, ווייל יענער אנטיסעמיט איז געווען א נאר און נים געוואוסט ווי אזוי אנצוגעהן מיט זיין פראגראם. פרעה הרשע האט געזאגט אז דאס וואס עשו האט געווארט מיט זיין אויסראטונג פון יעקב׳ן ביז יצחק וועט שטארבען, „יקרבו ימי

אבל אָבי ואהרגה את יעקב אָחי", אַט דאָס איז געווען אַ נאַרישע פראַגראַם; ווייל דערווייילע האָט דאָך יעקב צייט געהאַט צו אַנט־וויקלען אַ פאַמיליע פון אויסערגעוועהנליך העלדישע זיהן; וואָס אויב עשיו וואָלט געווען וועלען טאָהן יעקב'ן שלעכטס, וואָלטען זיי איהם געווען פאַרברענט (רש"י).

איך בין קלוגער פון עשיו'ן, האָט פרעה זיך באַרימט. איך וועל אויסראָטען יעקב'ן באַלד ווי ער וועט געבאָרען ווערען. „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו".

המן הרשע האָט געהאַלטען אַז וואָס עס איז ניט געלונגען די פריהערדיגע צוויי רשעים — איז וויילביידע זיינען געווען חמורים און ניט געהאַט קיין שכל' ווייל אַז מען לאָזט לעבען די אידישע פרויען, וועט דאָך שוין דורך רעם זיך אַנטוויקלען אַ אידישע נאַציאָן. אַט דערפאַר האָבען המן און היטלער אַרויסגע־געבען אַ דעקרעט, אַז מען זאָל הרג'ענען אַלע אידען; קליינע קינדער, אַלטע לייט, ברוסט־קינדער און פרויען (מנער ועד זקן טף ונשים). אַלע רשעים פון דער וועלט האָבען צוגעקוקט און געשוויגען.

אָבער עס איז די אַלע רשעים, און די אַלע צושויער פון דער בלוטיגער דראַמע, ניט געלונגען צו זעהן אַז די רשעים זאָלען זיין דערפאָלגרייך אין זייער ציעל. זיי האָבען ענדליך דערזעהן אַז די אַלע עצות צו פאַרניכטען יעקב'ן איז אַ דורכפאַל.

ווייסט איהר וואָס די רשעים וועלען נאָך פּרובירען טאָהן, אַלס אַ לעצטען אַקט ? — זיי וועלען פּרובירען פאַנאַנדער־בינדען די שטריק, און שטאַרקע בענדער, מיט וועלכע די אידישע פאָלק איז צוגעבונדען צום רבש"ע. דאָס הייסט, זיי וועלען מאַכען אַ פאַרזוך צו אַוועקנעהמען די אידישע פאָלק פון דער תורה, אום גאָט זאָל זיך פאַר די אידען מעהר ניט אָננעהמען. אַט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו".

אָבער דער רבש"ע לאַכט פון זייערע עצות. גאָט האָט אַריינ־געגעבען אין דעם מענשען אַזאַ כאַראַקטער, אַז גראַדע צו די געצוואונגענע זאַכען זאָל ער זיך קיינמאָל ניט איבערגיבען מיט אַן אמת: און די אַנטיסעמיטען וועלען פאַרלירען אויך דעםלעצ־טען אַקט. דער בונד פון אידען און גאָט איז דורך דער הייליגער תורה. (אם לא את בריתי יומם ולילה).

קומט־זשע אידען אין שוהל און לערענט תורה ! די גוים קאָנען אונז פון גאָט ניט אַוועק־רייסען, ווייל גאָט איז אונזער פאָטער — און אַ טאַטען קאָן מען פון זיינע קינדער ניט אָפּ־שיידען. אָנו בניך ואתה אָבינו !

גענויטע זאַכען רייסען זיך. וואָס מעהר די גוים ווילען אונז נויטען צו דיענען זייער גאָט, אַלץ מעהר רייסען מיר זיך צו דעם אמת׳ן גאָט, צו אונזער טאַטען.

אין די שוהלען דריקען מיר אוים אונזער צוגעבונדענקייט צום רבש"ע, צו דער תורה און צו די מצוות פון צדקה, א.ז.וו. קומט אידען אין שוהל אַריין ! ! !

## תם ונשלם סדר דברים

# פראָמינענטע אידען פון ברוקלין

ר׳ אליעזר ב״ר יהודה קאראס, בשר כשר
ר׳ אברהם אבא גאָלד, בשר כשר
ר׳ משה ב״ר מיכל מוראשקין, בשר כשר
ר׳ מנחם מענדעל ב״ר אבר. דוב בראוועד
ר׳ אברהם ב״ר אליעזר פרידלאנד
ר׳ יצחק ב״ר י. מיכל מעטריק, בשר כשר
ר׳ יהודה ראָטה — בשר כשר
ר׳ אהרן האָרינג — בשר כשר
ר׳ יעקב נח ב״ר פנחס שנור (גראָסערי)
ר׳ חיים שניידער, פרעז.
ר׳ יהודא ב״ר שמואל לעסק — גבאי
ר׳ עזריאל זעליג וואַרטעלסקי, גבאי
רעוו. ישעי׳ זירין
ר׳ מאיר ב״ר יצחק קירשענבאום
ר׳ יעקב מאיר סטיינבערג, יליד מינסק
ר׳ ברוך ב״ר שמואל וז׳ האשע יודאוויץ
ר׳ אליהו גרשון הלוי וז׳ רחל בוגעץ
ר׳ אהרן ב״ר ישעי׳ הלוי סערעברעניק
ר׳ ארי׳ ב״ר חיים מ. טראוב, אינשורענס
ר׳ אהרן ב״ר אליעזר דוב יאנאווסקי
ר׳ גרשון ב״ר מאיר אָווערבאך
ר׳ רפאל ב״ר צבי ובנו ישראל זאב הייזער
ר׳ שמריהו ב״ר יעקב יהודה קענטאר
ר׳ שמריהו ב״ר שלמה הלוי שולמאן
ר׳ אברהם נתן ב״ר דוב הכהן שטייער
ר׳ אלעזר וז׳ רחל לאה בלייער
ר׳ שמעון סייפעט וז׳ ראזע בלומע
ר׳ מרדכי ב״ר צבי שעכטער
ר׳ חיים יעקב ב״ר ארי׳ לאנדענבערג
ר׳ יהושע האָניג
ר׳ אלימלך ב״ר משה זאב וואָלעק
ר׳ אברהם אבא ב״ר טובי׳ לעוויץ
ר׳ נח ב״ר מרדכי חריף
ר׳ מרדכי רימעץ ונכדיו יצחק וניסן
ר׳ דוד לוסטיג

ר׳ אברהם צבי ב״ר משה שרייבער שו״ב
אוירווינג מישקאָף טעקסטיל קאָ.
ר׳ צבי ב״ר דוב דאובער — בשר כשר
רעוו. ר׳ אברהם דוב גינגאלד—מטיף.
חזן שלום מרדכי פעלדמאן
ר׳ דוד רוטטאָ, בעקעריי
ר׳ משה ב״ר שמעון בלעקמאן—קייטערינג
ר׳ שמעון ב״ר יחזקאל גארדאָן, בשר כשר
ר׳ חיים אלימלך פורעטץ, כשר פאולטרי
ר׳ צבי ב״ר ארי׳ ליפא הלוי אטאצקי
ר׳ יוסף גרשון ב״ר אברהם דיימאנד
ר׳ חנוך הענאך ב״ר יהודה דוב מילער
ר׳ יחזקאל ב״ר יצחק צוועטשקענבוים
ר׳ מרדכי ב״ר שבתי וז׳ גיטעל צירולניק
ר׳ משה חיים בהרב ר׳ מרדכי ווערניקאָף
ר׳ שרגא פייוועל ב״ר אברהם דוב שייפר
ר׳ אהרן בן ציון פרידמאן
ר׳ זאב נייטענזאהן
ר׳ יהודה ב״ר יוסף גרינבערג
ר׳ חיים אהרן פאגעל
ר׳ יוסף שרגא זיוויצע
ר׳ חיים זאב לעווין
ר׳ נחום יעקב וז׳ ריווע לאה חדקל
ר׳ פסח יהודא ב״ר אלכסנדר סאלאמאן
ר׳ ישראל ישעי׳ ב״ר נתן צבי וויינשטיין
ר׳ אשר זעליג ב״ר משה ראובן אקסעלרד
ר׳ ברוך קושנער, סעק.
ר׳ מרדכי אהרן ראָטמאן
ר׳ צבי יהודה ב״ר ישראל יצחק פרידמאן
ר׳ יהושע העשיל וז׳ מאשי טשודניאווסקי
ר׳ משה שמואל ב״ר מנחם הלוי דים —
ר׳ מנחם מענדעל בר׳ דוד הלוי וויינשטיין
וז׳ רחל ב״ר נפתלי, בניו דוד, משה,פייגע
ר׳ שמריהו ב״ר יצחק מאיר כ״צמאן —
ר׳ נחמי׳ מאיר ב״ר מאיר הכהן כ״צמאן

דר. ברעכער, אויגן-גלעזער ספעציאליסט

בוירקע קעיק קא.—קוואליטי בעקעריי

ר׳ ישעי׳ אמסטערדאם בשר כשר

ר׳ פישעל טאלעריג, בשר כשר

ר׳ שמואל הלוי ספיצער, בשר כשר

הרב ר׳ אליעזר צבי הכהן אייזיק

הרב ר׳ אברהם יוסף ב״ר משה גדליה
שולמאן, וז׳ חיה יוטא

חזן ר׳ יוסף ארנעסט—ביהכ״נ קול ישראל
ר׳ שואל וז׳ זלאטע לייכטינג
ר׳ ישראל ור׳ יוסף בערגער—בשר כשר
ר׳ אברהם שואל גאלדשטיין, שומר שבת
ר׳ יצחק ב״ר י. מיכל מעטריק, בשר כשר
ר׳ אלימלך ב״ר משה זאב וואלאך
ר׳ משה חיים בהרב ר׳ מרדכי ווערניקאף
ר׳ אשר זעליג ב״ר משה ראובן אקסעלראד
ר׳ משה אליהו לאנד, גבאי פון בית אל
ר׳ מרדכי ב״ר אברהם פלאנסקי, און
ר׳ דוד גראסמאן, סעלצער ביזנעס
ר׳ יצחק ראובן הלוי סלוצקי
ר׳ נפתלי ב״ר ישראל מיללער
ר׳ אברהם חיים ב״ר דוב מינאוויץ
ר׳ ישראל מאיר סינענסקי
ר׳ הלל מאנדעלזאן
ר׳ דוד הלוי לעוויטעס
ר׳ יהודה ב״ר אריי ליב שערמאן
ר׳ יודא מאיר ב״ר צבי מעהרער
ר׳ משה בראדינסקי
ר׳ זאב ב״ר ארי׳ יוסף קאפמאן
ר׳ זלמן ב״ר משה יחזקאל פער
ר׳ מאיר ב״ר שמואל גאלדנער

היקר ר׳ ביינוש ווינער

רבי בן ציון אסיפאוו

ר׳ משה ובנו הערש בלאנק, בשר כשר
מאסקאוויץ און בעילים, כשר קייטערערס
ר׳ חיים ב״ר דוד פישבערג, בשר כשר
ר׳ חיים ב״ר מרדכי בלום, בשר כשר
ר׳ שלמה שיסעל, בשר כשר

ר׳ שמואל דוד מילנער, גבאי
ר׳ משה שטראסמאן, גבאי
ר׳ אברהם משה סמיט
ר׳ נחום יעקב ישראל דאנעץ
ר׳ משה ב״ר אברהם שווארץ
ר׳ שמחה אשר ב״ר זאב ראזענבערג
ר׳ אברהם משה וויזיקעוויץ
ר׳ מאיר וואלף
ר׳ אנשיל היימאן
ר׳ בנימין שטשופאק
ר׳ אברהם עקיבא בערעז
ר׳ משה שרגא פעסין
ר׳ שמואל צבי ב״ר מרדכי עפסיל
שרגא קופרמאן ויוסף ליב וואסערמאן—
ר׳ ראובן שרגא קצב, גבאי ח׳ משניות
ר׳ שמואל ב״ר שמשון הכהן אפעלבוים
ר׳ זלמן ב״ר אברהם אבא קאהען
ר׳ אהרן הכהן קאהען
ר׳ אליעזר ב״ר שלמה צבי קראנפעלד
ר׳ ישראל ארי׳ ב״ר אברהם דוד אקסהארן
ר׳ מרדכי ב״ר צבי שטראוס
ר׳ צבי חיים ב״ר יצחק סיסער
ר׳ מנשה מאלינא
ר׳ שמואל דוב בלובשטיין
ר׳ אברהם ב״ר מרדכי מנחם ראזענבלום
ר׳ צבי ב״ר אברהם זאוועל עפשטיין
ר׳ אייזיק פינקעלסטיין
ר׳ שלום ב״ר ישראל יוסף שענקער

ר׳ יהודה ליב ראָזמאַן
הרב נחמן מאַנדעל
ר׳ משה ב״ר ישראל הכהן גאָרדאָן
ר׳ מרדכי סווירסקי
ר׳ חיים זאב ב״ר שמואל בלאַט
ר׳ אברהם אליעזר האָכבערג
ר׳ משה שטיינבערג
ר׳ דוד פייגין
ר׳ ישעי׳ ב״ר חיים יואל זאָהן
ר׳ יוסף אייזיק ב״ר ישראל משה שענקמאַן
ר׳ ביניש ב״ר יהושע אָפּסאָוויץ
ר׳ פסח ב״ר אליעזר גראַלניק
ר׳ יעקב הלוי וז׳ פרומע אסתר ביגעלאַייזען
ר׳ משה ב״ר שמשון גראַנעק
ר׳ ישעי׳ לעווין
ר׳ חיים ב״ר חיים וז׳ פייגעל ליבערמאַן
ר׳ שמואל ב״ר משה דוב לעווין
ר׳ חיים בן מארקעל הלוי
ר׳ אברהם יצחק ליפקין
ר׳ יוסף ספּאַדיק
רעוו. עזרא לייביק

ר׳ מרדכי ב״ר שלמה יעקב וואַגנער
ר׳ אברהם הלוי סעגאַלאָוויטש
ר׳ שמריהו בורשטיין
ר׳ שלמה ב״ר אהרן שאול קענאַן
ר׳ חיים יהודא נייער
ר׳ ישראל ב״ר אברהם יעקב פּייט
ר׳ יוסף ב״ר שמואל וואָלקאָוויסקי
ר׳ משה אולאַנאַץ
ר׳ שלמה ב״ר אהרן שאול קענאַן
ר׳ שלמה חיים לעווין
ר׳ אליעזר יעקב פעלדמאַן
ר׳ זושע זאַריצקי (מפּעטריקאָף)
ר׳ מאיר ב״ר אליעזר לעמיל הלוי האָפמאַן
ר׳ נח סילווערמאַן
חנה מאַלעק
חנה פעסלער
עטיל לעכטשין
בילא קאָהען
אסתר קליין
רבקה רעדיק

---

## פּראָמינענטע אידען פון דאַון טאַון

ר׳ לוי האָראָוויץ און מאַרגאַרעטען, כשר׳ע און געשמאַקע מצות, לאָנג איילאַנד.נ.י.

ר׳ יוסף הוירש, כשר׳ע וויין למהדרין האוסטאָן סטריט, ניו יאָרק

ר׳ בנימין זאב שפּיטצער, דיימאַנד געשעפט
ר׳ שלמה ב״ר דוד סמאָל, בשר כשר
ישי ב״ר דוד הכהן סמאָל, בשר כשר
ר׳ מנחם חיים גרינפעלד, בשר כשר
ר׳ שלום יעקב דזשייקאָב, בשר כשר
ר׳ יואל שעדלעצקי, בשר כשר
ר׳ נחמי׳ וז׳ רחל אייזענמאַן
ר׳ צבי דוד ב״ר יעקב טינטער
ר׳ גרשון ב״ר יהושע זעליג שולמאַן
ר׳ אברהם ב״ר חיים פרידמאַן

ר׳ משה ב״ר זיסע שייפער
פּראַכטפולע העטס געמאַכט צו אָרדער
ר׳ יעקב שמשון פּרוכטער
ר׳ שמואל דוב איצקאָוויץ
ר׳ בנימין ב״ר זאב ליווי
ר׳ אליעזר ב״ר עקיבא ראָזענבערג
ר׳ יעקב אהרן ב״ר צבי פרידמאַן
ר׳ ישעי׳ בנימין הלוי גאָלדבערג
הב׳ חיים דוד ב״ר שלמה נעיטען
ר׳ דוב בער ב״ר אברהם יהושע לעף

# פראָמינענטע אידען פון בראָנקס

●

רבאַי דר. יעקב יהודה גאבעל
עקז. דירעק. קאָנוועלעסענט האָום

הרב יחיאל אהרן גאָרדאָן

דאָקטאר רפאל מאָללער

הנכבד ר' אברהם יהודה הלוי פלאטא

ר' מאיר סאקעט, כשר קייטערער, טעמפעל קהלת ישראל

חזן פינגערהוט און יוסף קאהן
כשר קייטערערס

חזן מכאל מייקעלסאָן

רעוו. אברהם וויינטרויב

ר' צבי וויינבערג, כשר געסמאָוקטע פלייש

ר' אברהם ב"ר צבי ואחותו רבקה קאָפמאַן
דעקאָרייטאָרס, ליווינג רום פורניטשור

ר' מנחם ב"ר שלמה אַבוהאָוו, בשר כשר
ר' יוסף באָגין, בשר כשר
ר' אהרן בעזען, בשר כשר
ר' מעכעל גאָלדהאַגען, בשר כשר
ר' אריה גרינהאוז, בשר כשר
ר' יצחק פסח גאָלדשטיין, בשר כשר
ר' חנא מוטשניק, בשר כשר
ר' שמואל ב"ר מ. סאָלאָדאָווניק, בשר כשר
ר' יוסף ב"ד יעקב מאָסקאָוויץ, בשר כשר
ר' יחיאל ב"ר ישראל מ. סטייער, בשר כשר
ר' רפאל פליסקין, בשר כשר
ר' מנחם מענדיל פישער, בשר כשר
ר' נתן יהודה ב"ר יצחק שלמה, בשר כשר
ר' יחזקאל סילווערמאַן, בשר כשר
ר' אהרן סילווער, בשר כשר
ר' שמעון אָסטרייך, בשר כשר

הרב מרדכי וז' אסתר כ"צ
הרב שמואל סינגער
רעוו. ר' אליעזר גאָלדבערג
ר' אליעזר צבי פינקעלשטיין, בשר כשר
ר' דוד ור' דוב הוירש, בשר כשר
ר' משה וז' דבורה זאראך, בשר כשר
ר' מנחם מענדיל אַטלאַס
ר' יעקב אַפּעלבוים
ר' נח אַמלעם
ר' אברהם ב"ר זיסעל בעקמאַן
ר' פינחס בירענבוים
חזן מאַריאָ באַטאשאנסקי
ר' קהת ב"ר מרדכי צבי
ר' יצחק ליב גרעיבעל
ר' ישראל גרובער
ר' אשר ב"ר אלחנן גרובער
ר' יעקב ב"ר חיים צבי גאָלדבערג
ר' יואל מרדכי הכהן גאלקין
ר' אברהם ב"ר יהודה ליב דיימאָנד
ר' אהרן ווען
ר' אברהם אַבא וואָלעך
ר' דוד יצחק ב"ר חיים ווידמאַן
ר' גדליה וויים
ר' משה הלוי וז' חאשע ליפסקי
ר' ניסן ב"ר אברהם שמעון לעוו, **אַפּעטייזינג**
ר' אברהם ב"ר דוב הלוי ליוואי
ר' אברהם צבי הכהן מאראן
ר' משה אליהו סטורמאַן
ר' אלימלך פיקארסקי
ר' יוסף ב"ר זעליג פעלדמאַן
ר' נחום פרנס
ר' ברך ב"ר ידידיה האַלפּערן
ר' יעקב שלמה מילאַוויץ
ר' צבי הערש לעווין
ר' בנמין לעהרער

רעוו. ר׳ ארי׳ יהודה פרענקעל

חזן ר׳ יעקב קאמינסקי

ר׳ אריה סלאבינסקי, בשר כשר

ר׳ יעקב ב״ר מאיר לאזאר
ר׳ ישראל איסר ב״ר זעליג שבתי מילער
ר׳ בנמין ב״ר דוד הערש סאלאווסקי
ר׳ יצחק אהרן ב״ר ירחמיאל סיגער
ר׳ משה ב״ר שמואל יחזקאל סילווערמאן
ר׳ קלונימוס קלמן ב״ר אלעזר פלאמער
ר׳ ירמיה ב״ר משה קנעפלער
ר׳ אליעזר ליפמאן הלוי וז׳ פרידא
ר׳ יצחק ב״ר משה ראטבערג
ר׳ חיים אלימלך ב״ר יהושע ריפקין
ר׳ שלמה ב״ר אהרן ראטנער
ר׳ אברהם שטיינער
ר׳ מרדכי אייזיק שאפירא
ר׳ אברהם בער שאט
ר׳ יצחק ב״ר ביינוש קאפלאן
ר׳ חיים ליפמאן ב״ר דוד קוגלער
ר׳ זאב ב״ר זכרי׳ וז׳ מאלי קאוויץ
ר׳ אברהם ב״ר מאיר הכהן קאבאק
ר׳ אברהם הכהן ראזענבלום
ר׳ יעקב ב״ר ישראל אבא ראבעוויץ
ר׳ ברוך שאפירא
הרבנית בת ר׳ פנחס רייכמאן
רחל ראבינאוויץ
רבקה גאלדצווייג
רבקה טארן
סימע לעווענטהאל
שרה בת ר׳ מאיר דוד לאסקער
חיה אסתר בת ר׳ חיים מיכל סילווערמאן
חיה שרה קלעמענט
הצדקנית שרה בת ר׳ זאב
טשערנע שווארץ
סימע ראזענבלום
סאניע בת ר׳ יוסף נעקען
הינדע פישמאן

ר׳ אהרן סילווערבערג, בשר כשר
ר׳ יוסף סקאט, בשר כשר
ר׳ נתן ב״ר ב״צ קאהען, בשר כשר
ר׳ תנחום ב״ר משה קארלינסקי, בשר כשר
ר׳ יעקב יוסף לאוו
ר׳ עזריאל לעמיל היימאן
ר׳ מאיר שאפיר
ר׳ מרדכי סטאניסלאפסקי
ר׳ חיים יעקב לאנדענבערג
ר׳ יוסף ב״ר נחום הלוי פאמעראנץ

The Real Kosher, 15 Rivington Street

Irving & Jack Streit
Most Delicious and Kosher Matzos

Goodman's Kosher & Tasty Matzos

Pan-American Carbonated Beverages

Leonard Pinckowitz, Hebrew National

S. Locker Banquet Rooms, 209 East B'way

Kleiman Kosher Meat

A. G. Kurtz & Son, Wholesale Hosiery etc.

Twin Cantors M. & B. Epstein

Emil Blum — Monuments

**Samuel Brill, Rockaway Manor**

**J. Holland & Sons**

**Phil Moses, furniture, 608 Rockaway**
**Rabbi Benjamin Glassberg**

**Jacob Tabachnick, bookcases**

Mr. Max and Mrs. Sophie Zaldin

Cantor Victor Gold

Samuel Weinblatt

# לזכרון עולם

## „ועמך כולם צדיקים"

ר' אהרן ב"ר יוחנן מייזעל — ה' שבט.
דוד שעפלין—נפטר במלחמה ד. סיון

ר' ישראל דוב דרעטש — י"ז אדר
וז' בת שבע — ד' מרחשון

ר' שמחה שואל לייפער — ה' שבט
הבחור לויט. אליה' שערמאן—ג' אלול
ר' בן ציון ב"ר אליהו לערער—י"ז תמוז

קארפ. שואל אליעזר ריידער—21 בשבט
אביו ר' יוסף ב"ר אלתר מתאבל עליו

ר' טוביה זאב ב"ר יעקב לודמיר—י' שבט
וז' אדעל בת ר' מנחם חיים — ח' מרחשון

ר' שלמה טוביה ב"ר יהושע שעפלין
ר' אברהם ב"ר הירש בער פוקס, כ"ט אב
ר' דוד קראוס — י"א טבת
ליוט. שלמה חיים ב"ר בן ציון ווארמאן

ר' שמואל שמעלקע שפיטץ—ו' שבט
וז' שרה בת פרומע פייגע — ז' ניסן

ר' לואים לעסער — כ"ו ניסן

ר' אליקום געציל שטרייפער — ג' שבט
וז' מאניע ב"ר אהרן שמואל—ט' אדר

ר' שמחה מ. ב"ר יעקב ווילגאם ר"ח כסלו
ר' שלמה גאלוב — תשעה באב
ר' משה קאהן — כ' טבת
ר' יוסף ליוויי-ה' אדר- וז' רבקה כ"ג אדר
ר' שמעון פריעדמאן — י"ט מרחשון
ר' יהודה ב"ר דוד צבי ניוסטיין, ז' תמוז
ר' מרדכי גייער,ר"ח אב, וז' חנה רחל א'ר"ה

ר' משה דוב ב"ר יונה רימסאן, ו' שבט
וז' היקרה חיה שרה, י"ד אדר

ר' ראובן קרעידמאן, כ"א אב

ר' אפרים ב"ר שלום ליפאוויצקי, פורים
וז' אסתר בת ר' שמואל הערש, ה' אדר
ר' יצחק יעקב הכהן קאפלאן (פעטריקאווער)
ר' דוד שיקארא, ז' ניסן
הב' יהושע ב"ר דוב מארגענבעטער, י"ח ניסן
ר ברוך זאב ב"ר חיים ראובן דראגין, י"ט סיון
ר' יהושע בן לוי ספילער, י"ח טבת
ר' משה ב"ר יחיאל בלובשטיין, כ"א שבט
ר' חיים יעקב ב"ר נחום, א' אלול

ר' חיים שלמה ב"ר צבי, ג' מ'אב
וז' הינדע, כ"ט מ' אב

ר' יעקב אביגדור פאלאק, כ"ז שבט
ר' ישראל ב"ר מ. י. באלאבאן, ר"ח כסלו
ר' אברהם וז' אסתר, ח' אלול, י"ד מרחשון
ר' משה אלימלך ב"ר חיים מאנדעל, ג' אלול

ר' אליהו ב"ר זלמן שלמה עפשטיין, כ'אייר
ר' נתן נטע טאלקין, כ"ה אדר
ר' משה שווארץ, ד' סיון, וז' צביה, י"ב אלול
שרגא פייוועל סטעינגער, י"א כסלו
ר' מאיר ב"ר שאול קלאפטער, ער"ח אלול
ר' יצחק אייזיק ב"ר ארי' ל. גרונט, ה' טבת
ר' מרדכי ב"ר מנים כהן (מא"י) י"ג תמוז
ר' זאב ב"ר שמשון וואלף, ב' חוה"מ סכות
וז' שאשע בת ר' יוסף זעליג, כ"ב שבט

# לזכרון עולם

הב׳ חיים דוד כ״צ — נפל במלחמה
ר׳ דוד ניימאַן, כ״א תמוז
וז׳ גאָלדע, ח׳ טבת
ר׳ ישראל הכהן קריוויצקי, ג׳ שבט
דוד וויינשטיין, כ״א תמוז
ר׳ אברהם הכהן קראַפט, ה׳ כסלו
ר׳ מאַרים יוסף שליפער, י׳ שבט
יוסף זאב בייערד וז׳ חנה גיטעל
א׳ ניסן — י׳ ניסן

Hyman Freedman, 12 Heshvon

Hillel Rabinovitz, 27 Iyar

Eliezer Rabinovitz, 8 Tebeth

Morris Goldstein, 23 Nison

In Memory of my father Hersh
and mother Bertha Drucker

Zelig Sholder, 11 Tamuz

Menachem Mendel Cohen, 27 Sivon

Moishe Jacobs, 22 Sivon

האשה טויבע רבקה בת הרב ר׳ אריʼ ליב
וויינער — א׳ דשבועות

האשה אסתר בראַנדוויין — ח׳ טבת
האשה בערטא דאַווידאָוויטץ—כ״ב טבת
האשה שרה טעמני ב״ר שמואל—ו׳ חשון
האשה רבקה וואַססער — י״ב טבת
האשה שרה באַשקין — י׳ תמוז
האשה בלומע לעסק — ח׳ מנחם אב

שרה סאַנדלער—ח׳ מרחשון (מבנה א ב)
חנה וויינטרויב — (ערב שבועות)
נחמה צירל בת ר׳ משה י. מילנער, כ״ב אייר
חיה אסתר בת ר׳ ש. בלומשטיין, י״ד אב

רייזעל ב״ר משה קלמן באַרסעקאַפסקי
י״ד כסלו — בעלה ר׳ שמואל ובנה ר׳
משה מענדיל ובתה אסתר מלכה
מתאבלים עליה.

רחל קריינדעל בת ר׳ ח. מ. באַרסעקאָפסקי

מלכה בת ר׳ נחום ליפשיץ, י״ג חשון
פעשע ר. בת ר׳ י. סטאַהאָווסקי, כ״ט תמוז
הינדע בת ר׳ ראובן סטאַבינסקי, י״ג חשון
גיטעל בת ר׳ זישע צוקער, כ״ח טבת
חיה קליין, מבנה דר. י. קליין, סעפט. 22
מירל רייזל בת ר׳ אפרים מרדכי, ב׳ שבועות
דבורה בת ר׳ ישעי׳ גאָטהאָפער, ט״ז אלול
מלכה בת ר׳ יהושע קיינער, כ׳ מרחשון
פראַדעל בת ר׳ שמואל דויטשער,י״ד תמוז
שרה לאה מאַרבאַך, ז׳ חנוכה
פיניע רחל בת ר׳ יוסף מ. גאָלד, י״ט כסלו
טויבע רבקה וויינער, א׳ שבועות
רבקה בת ר׳ צחק מ. דאָנאָרסקי, י״ג אלול
שרה מידעלמאַן, כ״ז אדר
לאה ליוויי, ט״ו חשון
חאַשע אסתר קאַפלאַן, ר״ח שבט
זעלדע בת ר׳ יצחק הכהן, כ׳ אב
גאָלדע בת ר׳ אהרן הכהן, י״ג כסלו
שרה יענטע בת ר׳ אהרן הכהן, תשעה באב

Sophie Poplausky, 6 Iyar

Charno Saltzman, 3 Tebeth

Rachel Rabinovitz, 18 Tebeth

Bella Lefkowitz, 24 Nison

Rebecca Lifshitz, 2 Shevat

Libby Rosenman, 1 Tamuz